STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10158

# GUT SHABES, GUT YOR

Zvee Hirsh Rubinstein

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*The National Yiddish Book Center*
*in honor of Rabbi Judith Lewis,*
*in appreciation of her leadership, dedication and commitment*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צ.ה. רובינשטיין

# גוט שבת — גוט יאָר

Copyright, 1937

GUT SHABES, GUT YOR

*by* Z. H. Rubinstein

234

# אינהאַלט:


| | |
|---|---|
| | זייט |
| אָנשטאָט א הקדמה | 3 |
| פסח | 7 —29 |
| שבועות | 30 —44 |
| די דריי וואָכן | 45 —55 |
| די פּאַרכטיקע טעג | 56 —154 |
| סוכות | 105—133 |
| חנוכה | 134—143 |
| פּורים | 144—160 |
| די צווייטע טעג יום־טוב | 161—171 |
| מוטער־טאָג | 172—193 |
| פאָטער־טאָג | 194—197 |
| צווישן נעכטן און מאָרגן | 198—261 |

צייכנונגען פון

ש. ראַסקין און נטע קאזלאַווסקי

# אַ סצענע אין דער דרוקעריי

## (אנשטאָט אַ הקדמה)

דער דרוקער: דאָס בוך איז פאַרטיק, מיסטער, אַלץ וואָס איר דאַרפט נאָך האָבן איז אַ הקדמה.

דער מחבר: מען דאַרף ניט קיין הקדמות.

דער דרוקער: וואָס מיינט איר, מען דאַרף ניט? יעדער גוטער בוך מוז האָבן אַ הקדמה. אַזוי פירט זיך עס ביי לייטן. איך קען אייך וויזן ביכער וואָס האָבן ניט איין הקדמה, נאָר צוויי — אוןביידע לאַנגע.

דער מחבר: און איך זאָג, אַז מען דאַרף ניט. די ביבעל איז אויך ניט קיין שלעכט בוך, פונדעסטוועגן הייבט עס זיך באַלד אָן מיט בראשית, אָן אַ הקדמה...

דער דרוקער: אָבער מיסטער, איך האָב איבערגעלאָזן אַ ליידיק בלעטל, עפּעס מוז מען דאָרטן אריינשטעלן.

דער מחבר: אויב מען מוז דאָרט עפּעס אריינשטעלן, שטעלט אַריין אַ פיינעם גרוס צו די לעזער און זאָגט זיי, אַז זיי זאָלן לעמאַנישעם ניט נעמען ערנסט מיינע שרייבערייען; פאַר־זיכערט זיי, אַז איך האָב בלויז געמאַכט אַ שפּאַס, און פון דעם שפּאַס איז ארויסגעקומען אַ בוך. ס'איז אָבער ניט מיין שולד. זאָגט זיי אויך, אַז זיי דאַרפן ניט פאַרקנייטשן דעם שטערן ביים לייענען, נאָר פאַרקערט, אויפקנייטשן דעם שטערן, ווי ווייט מעגלעך. איר מעגט זיי אויך זאָגן, אַז אויב זיי וועלן אַ שמייכל טאָן דאָ און דאָרט, זאָלן זיי מיך געדיינקען צום גוטן, ווייל דער שוואַכסטער שמייכל איז טויזנט מאָל בעסער פון דעם שטאַרקסטן קרעכץ.

# פסח

## די לעצטע נייעס פון גושן

עקסטראַ, עקסטראַ!

אין דער פּראָווינץ גושן הערט מען פאַרשיידנערליי קלאַנגען. די בני־ישראל שושקען זיך. עס זעט אויס ווי זיי וואָלטן געפּלאַנעוועט אַ רעוואָלוציע. עסטראַ, עקסטראַ!

גושן, חודש ניסן (ספּעציעלע קייבל). די בני־ישראל בונטעווען זיך, זיי פירן זיך אויף זייער פאַרדעכטיקט, קענען קיינעם אין די אויגן ניט קוקן. נעכטן האָט דער גאָווערנאָר פון גושן געהייסן מאַכן אַן אונטערזוכונג, כדי צו דערגיין וואָס

דאָרט קומט פּאַר, כאָטש ער האָט אליין פאַראויסגעזאָגט, אַז אַלע אונטערזוכונגען פירן קיינמאָל צו גאָרנישט-ניט.

עקסטרא, עקסטרא!

גושן, 14טן, שפּעט ביינאַכט (ספּעציעלע קייבל).—אַלע אידן זיינען אַנטלאָפן פון מצרים. גרויס אויפרעגונג הערשט אין דער הויפּט-שטאָט! פּרעה קאָן זיך ניט באַרואיקן, גיט אַרויס מאַניפעסט, אַז מען זאָל נעמען די פיס אויף די פּלייצעס און נאָכלויפן.

מצרים, 15טן ניסן (ספּעציעלע קייבל). — די אידן האָבן מיטגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, שאָף און רינדער. אַ נכפה אויף זיי, די באַנדיטן! פיר הונדערט מיט דרייסיק יאָר האָט מען זיי געגעבן דזשאָבס אין דעם בילדינג טרייד און קיין איין אַרבעטסלאָזן טאָג האָבן זיי ניט געהאַט דורך דער גאַנצער צייט — און איצט, פּלוצים, פון דער העלער הויט, נעמען זיי און אַנטלויפן, די שינים!

עקסטרא, עקסטרא!

ביים ברעג פון ים-סוף, דעם 22טן ניסן (ספּעציעלע קייבל). — אַ גאַנצע מחנה פון די בני-ישראל זיינען היינט דאָ אַריבער-געגאַנגען דעם ים. דער דעלעגאַט פון די בני-ישראל, אַ געוויסער משה, האָט מיט אַ שטעקן געשפּאָלטן דעם ים און דער ים איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי קייזער פראַנץ יאָזעפס באָרד, אויף ביידע זייטן, די אידן האָבן דורכמאַרשירט אין דער טרוי-קעניש. די מצריים, וועלכע זיינען נאָכגעלאָפן, האָבן שוין ניט פאַרכאַפּט דעם שפּאַלט פון ים און אַ סך זיינען דערטרונקען געוואָרן.

עקסטרא, עקסטרא!

זיבעטער הימל, דעם 23טן ניסן (ספּעציעלע קייבל). — היינט איז דאָ פאָרגעקומען אַ גרויסאַרטיקער קאָנצערט. די

מלאכים האָבן געזונגען שירה צוליב דעם גרויסן נס פון קריעת ים־סוף. דער קאָנצערט איז דורכגעגאנגען גאַנץ גלאַטיק, אָבער כביכול איז געווען שטאַרק אומצופרידן.

„מיינע קינדער טרינקען זיך אין ים און איר זינגט שירה?"

אַזוי זאָל האָבן געזאָגט דער רבונו של עולם צו דער פמליא של מעלה, און זיי האָבן אַראָפּגעלאָזט די נעז.

זיי האָבן זיך פאַרשעמט פאַר זיך אַליין — טאַקע יאָ, ווי קאָן מען זינגען, בשעת מענטשן טרינקען זיך? מען קאָן דאָך צו־וואַרטן אַביסל...

## אַקוראַט ווי פאַראַיאָרן

אַקוראַט ווי פאַראַיאָרן: צוערשט ערב־פסח און דערנאָך פסח.

פאַראַיאָרן — אויב מיין זכרון דינט מיר נאָך — האָט מען געשמועסט וועגן דעם, אַז פּרעה האָט ניט געוואָלט ארויס־לאָזן די אידן פון מצרים. ער האָט זיך איינגע'עקשנ'ט ווי אַ קו צום פגר'ן, און כאָטש גיב אים זיבן גוטע קרענק, האָט ער ניט געוואָלט באַפרייען דאָס אידישע פאָלק... איז געקומען אַ געוויסער איד מיט'ן נאָמען משה, וואָס איז אפילו ניט געווען קיין גלענצנדער רעדנער, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן איבער־צייגט פּרעה'ן שוואַרץ אויף ווייס מיט צען מכות, אַז מען דאַרף די אידן יאָ ארויסלאָזן פון לאַנד, און פּרעה האָט ענדלעך „איינ־געזען", אַז עס איז גלייכער פּטור צו ווערן פון אידן...

היינטיקס יאָר — אין דער הגדה — דער זעלבער פּזמון! אַקוראַט ווי פאַראַיאָרן. דערזעלבער פּרעה, עס זאָל כאָטש פעלן אַ האָר, דיזעלבע מעשה, דערזעלבער משה, דיזעלבע מכות — נאָר מיט אַ יאָר עלטער...

מוז איך זיך דאָ מודה זיין פאַר אייך, מיינע יום-טוב׳דיקע לעזער: די אַלטע מכות גיבן מיר מער קיין „טריל״ ניט. עפּעס קאָן איך זיך מער ניט אויפרעגן איבער דעם אַנטיסעמיט פרעה און די מכות רירן מיך ניט. ווער דאַרף האָבן אַלטע מכות, ווער דאַרף? ווער דאַרף האָבן „פרעה׳ס״ באַוואַקסן מיט מאָך, ווער דאַרף? די צייט האָט באַשאַפן נייע פרעה׳ס און נייע מכות און מיר בענקט זיך נאָך אַ נייער באַפרייאונג.

ווער, כ׳בעט אייך, קאָן זיך טרייסטן מיט אַן אַלטער גאולה, אַז מען ליגט אַזוי באַגראָבן אין אַ נייעם גלות?...

* * *

איך געדענקט דאָך מן הסתם די מעשה מיט יענעם דאָרפס-אידן, וואָס איז נעבעך געווען שטומפּיק אויף די דריבנע אותיות. מילא אַזוי אַ גאַנץ יאָר פלעגט דער דאָרפס-איד דאַווענען ביחידות, קיינער האָט ניט געקאָנט הערן, צי ער קען עברי, צי ער קען ניט קיין עברי. דערפאַר אָבער ווען עס איז געקומען צו דער סדר-נאַכט און מען האָט געדאַרפט „דערלאַנגען״ לשון אויפ׳ן קול, אַז די גאַנצע משפחה זאָל הערן, איז אים טאַקע געווען נעבעך ווינד און וויי...

איינמאָל האָט דער דאָרפס-איד געמאַכט אַ גוואַלדיקן טעות: אָנשטאָט אַ הגדה האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון אַלמער אַ סליחה׳לע, און אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן הסב-בעט האָט ער אָנגעהויבן צו האַקן סליחות אָנשטאָט „עבדים היינו״...

אַלץ וואָלט אָפּגעגאַנגען גלאַטיק, ווען ניט די צען מכות... דער דאָרפס-איד האָט געדענקט פון די פריערדיקע יאָרן, אַז ערגעץ-וואו אין דער הגדה דאַרף מען טונקען דעם פינגער אין כוס און אַרויסשלעפּן פון דאָרט די עשר מכות. אין זיין „הגדה״ האָט ער עס ניט געקאָנט געפינען. די האָפנונג האָט ער אָבער ניט אויפגעגעבן און ער האָט געזאָגט און געזאָגט די סליחות

ביז — גאָט האָט אים געהאָלפן . . . ער האָט דערקענט זיינע עשר מכות און מיט פרייד ארייננגעזעצט דעם פינגער אין כוס וויין און פייערליך געזאָגט:

אשמנו, בגדנו, גזלנו . . .

וואָס איר זאָלט ניט זאָגן וועגן דעם דאָזיקן אידן, אָבער איינס מוזט איר צוגעבן — ער האָט אַנטדעקט נייע מכות . . .

## ציגל, קניידלעך און מכות

יעדן פסח טראָגט מיך דער געדאַנק אַוועק — קיין מצרים. שטענדיק פּרוביר איך שאַפן פאַר זיך אַ בילד פון די סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין דעם לאַנד פון די פּרעה'ס, אָבער דאָס בילד ווערט צערונען אינ'ם געדאַנק און איך קען זיך בשום אופן ניט פאָרשטעלן די אמת'ע לאַגע פון די אידן פון יענער צייט.

אויב ס'איז אמת, וואָס עס ווערט געשריבן אין דער הגדה, זיינען אַלע אידן אין מצרים געווען ציגל-מאַכער. זיי האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, און די בייטש פון דעם פאַרמאַן האָט זיי געטריבן יעדע מינוט פון טאָג צו פּראָדוצירן וואָס מער ציגל. און אויב די אידן האָבן געאַרבעט אַזעלכע לאַנגע שטונדן פאַר פיר הונדערט יאָר צייט, האָבן זיי געוויס פּראָדוצירט אַ סך ציגל און געוויס זיינען זיי געוואָרן עקספּערטן אין ציגל-מאַכעריי. ווען דאָס זאָל באמת זיין אַזוי, ווי די הגדה לאָזט אונז וויסן, וואָלט די ציגל-אינדוסטריע היינטיקע צייטן געווען אין אידישע הענט און קיינער וואָלט זיי, דוכט זיך, ניט געקענט „ביטן" אין דער פּראָדוקציע פון ציגל.

די פאַקטן זיינען אָבער אַנדערש, ווי איר ווייסט. די גאַנצע ציגל-אינדוסטריע ליגט אין ניט-אידישע הענט, און ווען מען וואָלט ניט געוואָרפן פון צייט צו צייט אַ אידן אַ ציגל אין קאָפּ אריין, וואָלט ער אפילו קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן ציגל.

און דאָס באַווייזט, אַז געשיכטע דאַרף ניט אַלעמאָל גע־נומען ווערן אין דעם ליכט, ווי מען דערציילט זי איבער. אין דעם גאַנג פון יאָרן און אין דער ווייטקייט פון צייט ווערן זאַכן פאַרגרעסערט און איבערגעטריבן. מיר פּערזענלעך ווייזט זיך אויס, אַז מיט יעדן יאָר וואַקסט אויס גרעסער די דראַמע פון אידישער פאַרשקלאַפונג אין יענער צייט, און מיט יעדן יאָר ווערט העלער העכער דאָס בילד פון יציאת מצרים.

און דאָסזעלבע קען מען אפשר זאָגן וועגן די צען מכות, וואָס דער גוטער גאָט האָט אַראָפּגעשיקט דורך זיין קנעכט משה'ן אויף די מצריים. אויך דאָ פעלט מיר דאָס בילד, און איך קען זיך ניט פאָרשטעלן אַקוראַט, ווי אַזוי דאָס לאַנד פון די פרעה'ס איז פּלוצים מיט אַמאָל פאַרפלייצט געוואָרן פון זשאַבעס, אָדער — איר זאָלט מיר מוחל זיין — פון כינים. ווען אַן עגיפּטישע פרוי האָט אַוועקגעשטעלט אָפּקאָכן אַ ביסל קרויט אָדער אַ מאַמעליגע, האָט זיך פּלוצים אין טאָפּ אַלץ פאַרוואַנדלט אין זשאַבעס. ווען מען פלעגט זיך אַוועקזעצן ביים טיש צו אַ גוטן סטעיק, איז פון דעם דאָזיקן סטעיק פּלוצים געוואָרן אַ זשאַבע. ווען מען פלעגט גיין אין גאַס, זיינען נאַ־טירלעך אַנטקעגנגעשפּרונגען זשאַבעס — אַזעלכע גראָבלעכע, גרינע זשאַבעס, וואָס וואַרפן אויף אייך אַן אַ ציטער, ווען איר טראַכט נאָר וועגן זיי.

און היינט די כינים! דאָס איז גאָר געווען אַ פּלאָג! ס'איז גאָר ניט איבערצודערציילן, וואָס אָט די קליינע באַשעפענישן קענען אָפּטאָן. לאָזט זיי נאָר צו צו זיך און איר וועט זען, אַז ווי קליין זיי זיינען, אַזוי **גרויס** בייסן זיי, און ס'איז פון זיי ניט פּטור צו ווערן. די כינים זיינען אפילו אויך גאָט'ס באַשעפע־נישן, אָבער דער גוטער גאָט האָט געמוזט זיין אין אַ זייער ביי־זער שטימונג ווען ער האָט זיי באַשאַפן. אָפּגעהיט זאָלט איר ווערן פון זיי.

און איך קען זיך באַין אופן ניט פאָרשטעלן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין מצרים, ווען משה האָט געטאָן אַראָפּלאָזן

אויף דער באַפּעלקערונג מילי-מיליאָסן כינים, און דאָס גרעסטע וואונדער איז נאַטירלעך געווען, וואָס אַלע אידן זיינע אָפּגעהיט געוואָרן פון דער דאָזיקער מכה.

אָבער דאָס איז ווייט נאָך ניט אַלץ, וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפּגעטאָן. נעמט אַזאַ פּשוט'ע מכה ווי פינצטערניש — אַ פינצטערניש וועלכע „מען האָט געקענט אָנטאַפּן מיט די הענט". גיי און פיר אַ לעבן אין אַזאַ פינצטערניש! גיי און מאַך ביזנעס אין אַזאַ פינצטערניש! גיי און האָב אין זינען פיינט צו האָבן אידן, ווען עס איז אַזוי פינצטער! ניין, מיין געדאַנק קען דאָס ניט באַגרייפן, כאָטש איך גלויב דעם בעל-הגדה אַלץ, וואָס ער דערציילט.

און היינט די לעצטע און די גרעסטע מכה — מכת-בכורות! דאָס איז טאַקע געווען די גרעסטע אָנשיקעניש, וואָס די פאַנטאַזיע קען זיך נאָר פאָרשטעלן. אָט ווערט ביי אַ מאַמען געבוירן אַ קינד און — פיף-פאַף! ניטאָ קיין קינד. עס פאַרמאַכט די אייגעלעך, און עס שטאַרבט אַוועק גלייך ווי קיינמאָל גאָרנישט.

גרויזאַם איז די געשיכטע פון די מכות; אָבער עס איז פאַראַנען אַ ביסל שיינקייט אין דער גרויזאַמקייט. איך ווייס ניט, צי אידן וואָלטן היינטיקע צייטן געוואָלט באַנוצן אַזעלכע מיטלען אין קאַמף מיט אונזערע שונאים — טאַקע נאָר דער-פאַר וויל זיי זיינען צו גרויזאַם; אָבער אין יענע צייטן איז עס מן הסתם געווען עטיש און יושר'דיק. אויף יעדן פאַל האָט דער בעל-הגדה געהאַלטן די דאָזיקע מיטלען פאַר גערעכט און פאַר שיין.

די היינטיקע אידן זיינען, למשל, שטאַרק ברוגז אויף היט-לער'ן. ער איז דאָך געווים מער גרויזאַם ווי פּרעה איז געווען, ער איז אַן אמת'ע „בעסטיע אין מענטשן-געשטאַלט", ווי מען פלעגט עס זאָגן אין אידישן טעאַטער, פונדעסטוועגן ווייס איך ניט, צי מיר וואָלטן זיך באַנוצט מיט „מכת בכורות" קעגן דער

דייטשער באַפעלקערונג. ווען איך וואָלט באַדאַרפט באַשטראָפן היטלער׳ן, וואָלט איך אַראָפּגעשיקט אויף אים די דריטע מכה — די כינים — אָבער נאָר אויף אים אליין. איך וואָלט הנאה געהאַט צו לייענען אין די צייטונגען, ווי אַזוי היטלער קראַצט זיך, און ווי אַזוי די כינים פּאַסמאַקעווען זיך מיט זיין טערפּ־קען פליישׂ. איך וואָלט נאַטירלעך ניט גע׳זשאַלעוועט אַ צווייטע מכה שטרייכער׳ן. אים וואָלט איך געגעבן די סאַמע ערשטע מכה — דם. שטרייכער האָט ליב בלוט, און דערפאַר וואָלט איך אים געגעבן אין דער פרי צו ברעקפעסט אַ טעפּעלע בלוט און צו סאַפּער אַ טעלער בלוט און זיינע אויגן־לעכער וואָלטן זיך אָנגעפילט מיט בלוט, אַזוי אַז ער זאָל שטענדיק זען די רויטע געפאַר.

גערינג׳ן און געבעלס׳ן וואָלט איך קיין סך ניט געבאַדערט. איך וואָלט זיי געגעבן „שחין״, און זאָלן זיי זיך האַלטן דערביי. די דייטשע באַפעלקערונג וואָלט איך אָבער ניט געטשעפּעט, איך וואָלט אויף זיי קיין שום מכה ניט אַראָפּגעשיקט, ווייל איך וויים, אַז אפילו די ערגסטע נאַצים צווישן זיי וואָלטן געביטן זייער שטעלונג, ווען זיי זעען, אַז היטלער קראַצט זיך.

ווי געזאָגט, איז די הגדה אַן אַלטע געשיכטע, וואָס דאַרף אונז געבן אַ בילד פון דעם לעבן פון די אידן אין מצרים, אָבער זי גיט אונז ניט קיין בילד — די אמת׳ע פאַקטן זיינען פאַר־באָרגן אונטער די נצחון־רייד, וואָס דער בעל־הגדה האָט אָנ־געשריבן. נאָר אַזוי ווי די הגדה איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, לוינט זיך ניט איצט צו מאַכן אַ דיסקו־סיע וועגן דעם ענין, און מיר נעמען אָן די גאַנצע געשיכטע פאַר גוט־געלט.

און מיר זיינען מוחל דעם בעל־הגדה זיינע איבערטריי־בונגען נאָך צוליב אַן אַנדער אורזאַך. ער האָט מיט אָט דעם קליינעם ביכעלע אונז געבראַכט אַ הערלעכן יום־טוב, וואָס דאָס איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. מיט דעם גאַנג פון די יאָרהונ־

דערטער ווערט דער דאָזיקער יום-טוב שענער און אימפּאָזאַנ-טער, און וואָס ווייטער עס רוקט זיך אָפּ די געשיכטע פון יציאת מצרים, אַלץ גרעסער ווערט ביי אונז דער סימבאָל פון יענער צייט.

די זשאַבעס און די כינים זיינען אַ פאַרגאַנגענהייט; שחין און ברד זיינען בלויז ווערטער אין דער הגדה; אָבער די צוגעברויינטע כרעמזלעך און די פוכקע קניידלעך זיינען אַ געשמאַקע געגנוואַרט.

## געפילטע פיש און אליהו הנביא

געוועזן איז דאָס אַזוי:

ווען איך האָב אויסגעטרונקען די פיר כוסות ביים ערשטן טייל פון סדר איז מיר דער קאָפּ, לא עליכם, געוואָרן אַביסל שווערלעך, און די אויגן-דעקלעך האָבן ניט געקאָנט אָנהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט, און רק זיך געצויגן איינס צום אַנדערן, ביז זיי האָבן פאַרדעקט די פּאָר'שכור'טע אויגן מיינע — ניט אינ-גאַנצן — אָבער פאָרט פאַרדעקט. אויפן טיש זיינען געשטאַנען די טראַדיציאָנעלע קניידלעך און אַנדערע גוטע, פסח'דיקע מאכלים, אָבער מיין הארץ איז געווען צו פריילעך, אַז איך זאָל קאָנען אין זינען האָבן דעם מאָגן. נייך, געכראָפּעט האָב איך ניט, אָבער וואָך בין איך אויך ניט געווען. איך האָב געשוועבט צווישן שלאָף און וואַכקייט, צווישן הימל און ערד, צווישן יאָ און ניין, צווישן לעבן און טויט. קיין זאַך האָט ניט געהאַט קיין באַשטימטע פאָרם. אַלץ איז געווען אַ דריי-עקיקער טאָל, וואָס האָט זיך געצויגן מיילנווייז. די שפּיציקע קניידלעך האָבן אויס-געזען ווי המן-טאַשן, און דער גרינער כריין אויפן טיש האָט אויסגעזען ווי אַ ווילדע פלאַנץ אין גן-עדן התחתון, און האָט אַרויסגעגעבן אַ משונה'דיקן גערוך.

. דאָס שענסטע אָבער איז געווען, ווען די געפילטע פיש זיינען פלוצים לעבעדיק געוואָרן און האָבן אָנגעהויבן טאַנצן אַ ווילדן טאַנץ אויף די טעלער. „מיר ווילן וואַסער! גיט אונז וואַסער!״ — האָבן די פיש געשפרונגען און אין זייער קול איז געווען אַנטשלאָסנקייט צום קאַמף. גאַנצע רעוואָלוציאָנערן זיינען זיי געוואָרן, אַט די פיש! דאָס גרעסטע שטיקל פיש, וואָס איז געלעגן אויף מיין טעלער (מיר גיט מען אַלעמאָל דאָס גרעסטע שטיקל פיש, ווייל איך בין דער קעניג) האָט זיך צום מערסטנס געקאָכט. דאָס דאָזיקע שטיקל פיש איז, אַפּנים, געווען דער דעלעגאַט, דער „ספּאָוקסמאַן״, פאַר דער גאַנצער פיש-חבריא און אָנשטאָט רעדן צו מיר ווי אַ פיש דאַרף רעדן — אויף שטום-לשון — האָט עס אָנגעהויבן צו שרייען און געוואַלדעווען: ״וואַסער! מיר ווילן וואַסער! גאָד-דעם-איט!״ און אַז איך האָב גאָרניט געענטפערט דערויף, האָט דאָס שטיקל פיש געקראָגן נאָך מער מוט, און ווילד געדונערט: „איר מענטשלעכע פּיפּערנאָטערס! איר האָט ניט קיין רעכט אונז אַרויסצושלעפּן פון אונזער נאַסן געלעגער קעגן אונזער ווילן; איר האָט ניט קיין רעכט אָנצופילן אייערע גראָבע בייכער מיט אונזער פלייש און בלוט! אייער קאַמף קעגן אונז, פיש, איז ניט נאָר אַן אומלעגאַלער, נאָר אַ ברוטאַלער און אוממאָראַלישער אין העכסטן זין פון וואָרט. איר כאַפּט אונז, ניט ווייל איר זענט מער כיטרע פון אונז, איר אַליין באַהאַלט זיך אין דער מלחמה קעגן אונז און שיקט אַ ווערימל אונז צו פאַרנאַרן אין אייער נעץ. שעים אַן יו צו באַהאַלטן זיך הינטער אַ ווערימל! שאַנד און שפּאָט אויף אייך צו באַנוצן זיך מיט די נידריקסטע מיטלען קעגן אַ מיליאָנען-ביליאָנען מאַסע פון אומשולדיקע פיש, וואָס גאָט אַליין האָט זיי באַשאַפן צו לעבן אין דער פרייהייט פון די ימים, אַן גרעניצן און אַן אַ ליג אָוו פיש״...

אָבער טראָץ דעם, וואָס די כוסות האָבן פאַרשטומפּט מיין מוח, האָב איך, דער באָס, זיי געגעבן דעם ריכטיקן אַרגומענט! אַל-בעט-יו! דער באָס מוז אַלעמאָל זיין גערעכט! קוקנדיק

מיט פאַרזשמורעטע אויגן אויף דעם נאַרישן שטיקל געפילטע פיש, האָב איך אים באַלד אַ זאָג געטאָן: „הער נאַר, דו, שטו־מער פיש וואָס דו ביסט! אויב דו ווילסט ניט פאַרצערט ווערן פון דער חיה־מענטש, ווייל עס איז ניט רעכט, אַז איין באַשע־פעניש זאָל פאַרצערן דאָס אַנדערע, טו פאַרוואָס־זשע פאַר־צערסטו אַנדערע ים־באַשעפענישן גלייך ווי זיי וואָלטן געווען דיין אייגנטום? פאַרדאַמטער פיש וואָס דו ביסט! דאָס ווע־רימל איז אויך באַשאַפן געוואָרן פון דעמזעלבן גאָט, וואָס האָט דיך באַשאַפן, און עס האָט אויך אַ רעכט צו לעבן פונקט ווי דו. אָן רחמנות, פרעסט דו אָט די ווערימלעך און ס׳איז דיר קיינמאָל ניט צופיל! דו ביסט אַ בעסטיע אין פיש־געשטאַלט, אַ קאַניבאַל פון ערגסטן סאָרט!"

און וואָס מיינט איר? באַלד נאָך מיין „ספיטש" איז דאָס שטיקל געפילטע פיש געבליבן ליגן אויפן טעלער, טויט ווי אַלע טויטע, — אוים רעוואָלוציע!

און ווען מיין ווייב, זאָל לעבן און געזונט זיין, האָט מיר געגעבן אַ טאָרע און געזאָגט צו מיר: „מיין מאַן, פאַרוואָס עסט דו ניט דאָס שטיקל פיש?" האָב איך אויפגעעפנט די פאַרזשמורעטע אויגן, אַ צופּ געטאָן מיטן גאָפּל אַ שטיקל פיש און געמאַכט די קלוגע באַמערקונג:

— מיין ווייב. די פיש זיינען גוטע פיש. זיי לאָזן זיך עסן...

און דערנאָך, אַז איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט די פיש, האָט אימיצער ביים טיש אָנגענומען דעם כוס צו „שפוך חמתך" און עס האָט זיך פלוצים באַוויזן אליהו הנביא ביי מיר אין שטוב.

— העלאָו אַל! — האָב איך אַ געשריי געטאָן, און אים אָנגעכאַפּט ביים ברייטן אַרבל פון זיין ווייסן כאַלאַט און אים ממש געצוואונגען זיך אַוועקצוזעצן ביים טיש.

— העוו אַ דרינק, אַל! — האָב איך זיך געבעטן ביי אים.
— איך האָב אָנגעגרייט אַ ספּעציעלן כוס פאַר דיינעטוועגן.

אליהו הנביא האָט אַ קוק געטאָן אויפן ווײַן און אַ זאָג געטאָן:

— האָסט שוין ווידער געקויפט ביליקן ווײַן, צבי הירש; וויפל האָסטו געצאָלט פאַר אַ פלאַש?

— אַ דאָלער מיט 39 סענט ביי מייסים. — האָב איך געענטפערט, — עס איז דער בעסטער ווײַן, זעסט דאָך אַליין ווי געל ער איז.

אָבער אליהו הנביא האָט אפילו ניט געוואָלט טועם זיין פון מיין ווײַן. אויב ווײַן, האָט ער געזאָגט, קאָן איך טרינקען פסח'דיקן שאַמפּאַניער, איך זאָל נאָר וועלן. די טירן פון די רייכסטע אידן זיינען פאַר מיר אָפן היינט אויף דער נאַכט, די צרה איז נאָר, וואָס איך האָב פיינט צו גיין צו די נגידים.

— ס'איז דען נאָך דאָ נגידים? — פרעג איך ביי אליהו הנביא'ן.

— אודאי איז פאַראַן, אָבער זיי זאָגן ניט אוים. פונקט ווי עס זיינען דאָ פאַרבאָרגענע אָרימעלייט, אַזוי זיינען פאַראַן פאַרבאָרגענע נגידים, זיי האָבן עס אָבער מורא אויסצוזאָגן צוליב דעם אינקאָם-טעקס...

— זאָג מיר, אליהו, ביסט שוין געווען ערגעץ היינט אויף דער נאַכט אין אידישע הייזער?

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן. צבי הירש. דו מיינסט טאַקע, אַז איך גיי אַרום איבער הייזער? ס'איז אַ בלאָף די גאַנצע מעשה. ווער האָט עס געדולד זיך אַרומצושלעפּן? ניט איך דאַרף די „הייזער" און ניט די „הייזער" דאַרפן מיך. אַמאָליקע צייטן, ווען אידן זיינען געווען גלויביקע מענטשן און פלעגן טאַקע אַריינקוקן אין דער געעפנטער טיר ביים „שפוך חמתך", פלעג איך הנאה האָבן דערפון און איך פלעג זיך באַווייזן — דאָס הייסט, זיי האָבן געגלויבט, אַז איך האָב זיך

באוויזן, אָבער היינט, ווען די אידן זיינען קליגער פון גאָט אַליין, איז פּשוט ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מיר.

— אָט האָבן דאָך אָבער די גוים אַ סאַנטאַ קלאָוז ?

— דערויף זיינען זיי דאָך גוים; און וואָס פאַרשטייט אַ גוי׳אישער קאָפּ ?

איך האָב אונטערגערוקט דעם כוס צו אליהו הנביא און אים נאָכאַמאָל געבעטן צו טרינקען. אליהו הנביא האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און אויסגעטרונקען דעם כוס און אַליין אָנגעגאָסן פאַר זיך אַ צווייטן כוס.

— טאָ זאָג-זשע מיר, אליהו, אויב ס׳איז אמת, אַז דו גייסט ניט מער איבער די אידישע הייזער אין די פּסח׳דיקע נעכט, טו פאַרוואָס-זשע ביסט דו געקומען צו מיר ?

דו רעדסט ווידער נאַרישקייטן, צבי הירש. ניט איך בין געקומען און ניט איך בין דאָ ביי דיר. אַ שיכור׳ער איד קאָן זיך איינרעדן אַלץ אין דער וועלט. דיר ווייזט זיך איצט אויס, אַז איך, אליהו הנביא, בין דיין גאַסט. דער אמת אָבער איז, אַז דו האָסט זיך אָנגעזשלאָקעט מיט ביליקן ווייז פאַר אַ דאָלער מיט 39 סענט אַ פלאַש, און דער ווייז האָט לויז געמאַכט אַלע שרייפעלעך אין דיין מוח, און דו זעסט ניט-געשטויגענע, ניט-געפלויגענע זאַכן אַרום דיר. אָט ערשט ניט לאַנג צוריק האָסט דו געפירט אַ מלחמה מיט אַ שטיקל פיש, און איצט ווייזט זיך דיר אויס, אַז דו ביסט אַזאַ גרויסער מיוחס, אַז אליהו הנביא אַליין איז געקומען צו דיר און דו רעדסט מיט אים גלייך ווי ער וואָלט געווען דיינער אַ חבר.

— הייסט עס, אַז איך בין שיכור ?

— ענד האַו! — האָט אליהו אויסגעשריען און איז פאַרשוואונדן דורכן פענסטער . . .

ווען מיר שרייבן אָט די דאָזיקע ווערטער איז שוין לאַנג נאָכן סדר, און אָט זיצט פאַר אייך אַן אויסגעניכטערטער איד,

וואָס וואַרנט אייך ניט צו טרינקען אַלע פיר כוסות אין דער ערשטער העלפט פון סדר, ווייל טאָמער טרינקט איר יאָ אַלע פיר כוסות אין דער ערשטער העלפט פון סדר, וועט אַ שטיקל פיש אָרגאַניזירן אַ רעוואָלוציע קעגן אייך און אליהו הנביא וועט קומען און חוזק מאַכן פון אייך.

## גיט מיר צוריק מיין מצרים . . .

. . . מיר שרייען און מיר פילדערן, מיר פראָטעסטירן און מיר גוואַלדעווען, די געשיכטע אָבער טוט זיך אירם. זי גייט אין די וועגן פון דער אַלטער טראַדיציע פון די פרעה'ס, און כאָטש שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, טרעט זי ניט אָפּ אַ שריט פון דער דאָזיקער טראַדיציע.

מילא, ביי פרעה'ן איז נאָך געווען אַ נס. דער קעניגלעכער אידיאָט פון מצרים האָט זיך דערשראָקן פאַר דער צענטער מכה און געלאָזט די אידן אַרויסוואַנדערן; אַ חוץ דעם האָבן מיר אין יענע צייטן ניט געהאַט קיין אידישן קאָנגרעס און ניט קיין „דזשוּאיש קאָמיטע", און ס'איז דערפאַר מעגלעך געווען עפּעס אויפצוטאָן פאַרן אידישן פאָלק. אין דער היינטיקער צייט אָבער, ווען דער מינכענער אידיאָט, אַדאָלף היטלער, שרעקט זיך ניט פאַר קיין מכות, און קיין משה'ס זיינען אויך ניט פאַראַן, איז נאַטירלעך שלעכט און ביטער און פאַסקודנע, און ס'איז נאָר אַ נס, אַז מיר קאָנען עס אויסהאַלטן און אַריבערטראָגן.

ווען משה וואָלט ניט געווען „אַרויסגעצויגן" די אידן פון מצרים, וואָלט, דוכט זיך, אויך קיין אומגליק ניט געווען. וואָס, כ'בעט אייך, האָבן מיר געוואונען פון דער דאָזיקער באַפריי־אונג? גאָרנישט. פערציק יאָר מדבר, דערנאָך פאַר אַ שטיקל צייט ארץ־ישראל און דערנאָך איין חורבן נאָכן צווייטן, איין גלות נאָכן צווייטן, איין היטלער נאָכן צווייטן. צוריק־קוקנדיק אויף דעם גאַנצן עסק איז די באַפרייאונג פון מצרים געווען

דער אָנפאַנג פון אידישע צרות, און די דאָזיקע צרות האָבן זיך נאָך ניט אויסגעלאָזן.

וואָלטן מיר ביז אויף דעם היינטיקן טאָג געבליבן אין מצרים, וואָלט דאָס לאַנד זיכער געבליט און עס וואָלט מיט דער צייט געוואָרן אַ אידישע מדינה ווי בראַנזוויל, למשל. אין פיתום וואָלטן מיר געהאַט אונזער אייגענע קאָנגרעגיישאָן „בני יהודה אנשי פיתום" און אין רעמסס וואָלטן מיר געהאט אונזער אייגענעם גארמענט צענטער, און וואָס וואָלט אונז געפעלט? די אידישע צעפּשאָלטנקייט וואָלטן מיר געקאָנט אָנהאַלטן דאָרט פונקט ווי דאָ. מיר וואָלטן געהאַט רעוויזיאָניסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן, מזרחיסטן און ציוניסטן און מען וואָלט אפילו געקאָנט אָנפירן אַ הייסערן קאַמף ווי מיר פירן אים דאָ.

דער אמת איז, אַז משה האָט עס טאָקע פאַראויסגעזען, און ווען דער גוטער גאָט האָט אים „אַפּאָינטעד" צוזאַמען מיט אהרנ'ען, אַז זיי זאָלן גיין אָפּהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט פרעה'ן, האָט משה געזאָגט, אַז ער איז ניט דער מאַן דערפאַר, אַז ער קאָן קיין „ספּיטשעס" ניט האַלטן און זאָל מען שיקן אַן אַנדערן (דר. וויז האָט נאָך אין יענער צייט ניט געלעבט).

פאַרשטייט זיך, אַז סוף כל סוף איז משה געגאַנגען, ווייל — אַ ברירה האָט ער געהאַט? אַז גאָט הייסט, מוז מען גיין! און משה האָט אָנגעהויבן די פאַרהאַנדלונגען מיט פרעה'ן, און האָט צו אים געזאָגט מער אָדער ווייניקער אַזוי:

— אדוני פרעה! איך בין געקומען צו דיר געשיקט פון גאָט פון ישראל און איך פאָדער פון דיר, אַז דו זאָלסט דעפּאָרטירן די אידישע „עליענס" פון דיין לאַנד. וואָס טויגן דיר די „שינים", און צו וואָס דאַרפסט דו זיי? מעגסט מיר גלויבן, אַז איך קאָן די אידעלעך, זיי זיינען אַלע אָדער באָלשעוויקעס אָדער רעוויזיאָניסטן, אָדער גלאַט טראָבל-מאַכערס. מצרים דאַרף ווערן אידן-ריין. דיין לאַנד דאַרף באַשטיין פון לויטער אַריער, און זאָל זיך ניט מישן דאָס איידעלע מצרים-בלוט מיט

דעם בלוט פון דעם וואַנדערנדיקן אידישן פאָלק. זאָג מיר צו, אַז דו וועסט באַלד אַרויסגעבן אַ באַפעל צו רייניקן די גאַנצע מדינה און אַרויסשיקן די אידן פון דאַנען.

אָבער פרעה האָט זיך אפילו ניט גענומען די מי צו ענט־פערן. ער האָט בלויז אַ שמייכל געטאָן אונטער די וואָנצעס, און אַרויסגעמורמלט:

— אַרויסשיקן די אידן? הע, הע, הע, אַ מכה!

און אַז משה האָט דערהערט דאָס וואָרט „אַ מכה" איז אים איינגעפאַלן אַ טייערער געדאַנק. אַ מכה — דעט'ס דהי טהינג! אַ בריליאַנטענער איינפאַל, אַ גרויסע אידעע.

און משה, יו נאָו, האָט זיך באַלד א נעם געטאָן און אָנגעהויבן מיט מכה נומער איינס, דערנאָך מכה נומער צוויי און אזוי ווייטער. איר ווייסט דאָך מן הסתם אליין דאָס אי־בריקע. מצרים האָט זיך פון די מכות ניט געקאָנט באַפרייען און סוף כל סוף זיינען די מכות פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסן זיג פאר דעם פאָלק ישראל. די מכות זיינען געוואָרן דער סימבאָל פון אידישער באפרייאונג און ביז אויף דעם היינטיקן טאָג האַלטן מיר אויף און מיר הייליקן די מכות אין דער הגדה, וועלכע איז אָנגעשטאָפּט מיט די דאָזיקע מכות פון ערשטן בלעטל ביזן לעצטן.

היינטיקע צייטן וואָלט מען אויך געדאַרפט מכות, און דערפאַר בעט זיך טאָקע דער בראָנקסער פעטער ביים רבונו של עולם: אוי, גאָטעניו, הארציקער טאַטע אין הימל, שיק אַרונטער מכות צו ראַטעווען דיין פאָלק ישראל. מיר דאַרפן און מיר מוזן האָבן מכות — ביי יענעם...

## קשיות מיט מכות

...און אויב אייער אינגעלע וועט ניט קענען די פיר קשיות (ער וועט זיי פאָזיטיוו ניט קענען!) זאָל עס אייך גאָר ניט אַרן. מיט וואָס איז אייער אינגעלע בעסער פון אייער

שכנ׳ס אינגעלע, און אַז יענער קען ניט, מעג אייערער אויך ניט קענען! דעם תירוץ אָבער זאָלט איר אים געבן אונטער אלע אומשטענדן. זאָל ער וויסן, אַז אידן קענען ענטפערן ניט געפרעגטערהייט, און זאָל ער פאַרשטיין, אַז מיר וואַרטן בכלל ניט ביז מען פרעגט אונז. מיר ענטפערן צוערשט, און דערנאָך, אַז מען וויל, מעג מען אונז פרעגן...

און אַז אייער זון וועט אייך פרעגן, פאַרוואָס אָט די נאַכט פון פסח איז אַנדערש פון אלע נעכט פון א גאַנץ יאָר — אלע נעכט פון א גאַנץ יאָר עסן מיר „העם״ מיט ברויט און אין דער נאַכט פון פסח עסן מיר „העם״ מיט מצה, זאָלט איר אים ענטפערן אַז עבדים היינו, אמאָל זיינען מיר געווען קנעכט צו פרעה׳ן אין מצרים און דערנאָך האָט אונז משה ארויסגעצויגן פון דאָרט, און ער האָט געשפּאָלטן דעם ים פאַר אונזערטוועגן, און אלס זכר פון יענער גרויסער צייט עסן מיר „העם״ מיט מצה, אַנשטאָט ברויט...

אויב אונזערע קינדער וויסן ניט דעם חילוק פון די עשר מכות ביז די עשרת הדברות אָדער די עשרה הרוגי מלכות, וויסן זיי אָבער אקוראַט און געניו וועגן דעם ניינטן איניגנ אין א בעיזבאָל געים, און קענען זיי ניט די פיר קשיות, וויסן זיי אָבער צו פרעגן טויזנטער אַנדערע קשיות, פון וועלכע א גרויסער חתן־בחור אין דער אלטער היים וואָלט געווען רויט.

אָבער וואָס אונזערע קינדער געפעלט דוקא יאָ, איז די „שאָו״ פון דער סדר־נאַכט. זיי האָבן האָלט די אידעע פון די ארבע כוסות, עס געפעלט זיי דער ענין פון גנבענען דעם אפיקומן, און אין זייערע יונגע מוחות שאַפן זיי זיך דעם באַגריף, אַז פסח מעג מען טרינקען און גנבענען.

און דער בראָנקסער פעטער וויל נייע פסח־רעפאָרמען:

ערשטנס וויל ער, אַז די סאַלוויישאָן ארמיי זאָל איינפירן מצה־לאַינס אַנשטאָט ברעד־לאַינס פאַר די פסח־טעג (זאָלן די

טרעמפּס מיינען, אַז אַ רב האָט די השגחה איבער דער סאָל-וויישאָן אַרמיי), צוווייטנס, שלאָגט ער פאָר, אַז אימיצער זאָל לייענען די הגדה אויף דער ראַדיאָ און אויף אַזאַ אופן געבן אַ געלעגנהייט די אידן, וואָס זיינען שטומפּיק אויף דער עברי, צו הערן די הגדה אָן גרייזן; דריטנס וויל דער פעטער, אַז מען זאָל מאַכן אַ דערפינדונג, וואָס זאָל אויטאָמאַטיש אַרויס-ציען די טראָפּנס ווייַן פונם גלעזל ביים אויסציילן די מכות, און פערטנס, פאָדערט דער פעטער אַן אַקאַונטענט, אַז מען זאָל איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעבן אַ חשבון וועגן די מכות אין דער הגדה, ווייל די ציפערן אין דער הגדה זיינען ניט קלאָר און מען קאָן פון זיי קיין טאָלק ניט דערגיין...

## פּרעה און היטלער

פרעה און היטלער.

דער ערשטער האָט ניט געוואָלט אַרויסשיקן די אידן פון זיין לאַנד, און דער צווייטער וויל דווקא יאָ אַרויסשיקן די אידן פון זיין לאַנד.

וועלכער פון זיי עס איז געווען אַ גרעסערער פאָדלעץ, וועט די געשיכטע דאַרפן ענטפערן, אָבער דער פאַקט בלייבט, אַז אידן ליגן טיף-טייער אין דער אדמה דורך די אַלע יאָרהונ-דערטער פון פרעה ביז היטלער.

פרעה'ס ערשטע שטראָף איז געווען **דם**; היטלער'ס ערשטע שטראָף—**פאַרדאַמונג**. פרעה האָט געמוזט ליידן פון כינים, היטלער'ן **בייסט** דער באַיקאָט. פרעה'ס „חושך" און היטלער'ס **פינצטער** האַרץ גלייכן זיך אויך אויס, אָבער וואָס איז די פּעולה? גיב זיי אפילו הונדערט מכות, וועט עס אונז, אידן, גאָר ניט העלפן.

# א טראַגעדיע פון דער ערשטער סדר נאַכט

די טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין פלעטבוש, אין א „וואָן פאמילי-הויז״.

דער באַלעבאָס האָט זיך ברייטלעך אוועקגעזעצט ביים סדר, און דער יום-טובדיקער טיש איז געווען אָנגעלאָדן מיט כל'ע גוטס. דאָס פנים פון דער באַלעבאָסטע האָט געשיינט, ווי ביי אן אמתער מלכה, די קינדער זיינען געווען פריילעך און גרייט צו „שיסן״ מיט די פיר קשיות.

דער סדר האָט זיך אָנגעהויבן פונקט 8:15, ווי א טעאַטער פאָרשטעלונג, און ווען עס איז געקומען צו באַהאַלטן דעם אפיקומן, האָט דער באַלעבאָס זיך אויף א רגע אוועקגעגנבעט פון טיש, און ערגיץ פארטאָן דעם אפיקומן, אז מען זאָל אים ניט קענען געפינען. אין דעם דאָזיקן „וואָן-פאַמילי-הויז״ אין פלעטבוש פירט זיך שוין מכמה יאָרן, אז טאָמער געפינט דאָס ווייב אָדער א קינד דעם אפיקומן, קריגט דער געפינער א שיינע מתנה. לעצטן פסח, למשל, האָט דאָס ווייב געקראָגן א דימענטענע בראָשקע פאַר זעכצן הונדערט דאָלער, פאַר צוויי-יאָרן האָט א קינד געקראָגן א בייסיקל פאַר געפינען דעם אפיקומן . . .

נאָכן סדר פון היינטיקן יאָר האָט זיך די גאַנצע פאמיליע א לאָז געטאָן זוכן דעם אפיקומן. מען האָט צעוואָרפן אלע קישעלעך פון „פארלאָר סעט״ מען האָט געזוכט דאָ און מען האָט געזוכט דאָרט, — ניטאָ קיין אפיקומן, פארפאַלן ווי אין וואַסער אריין.

ערשט אויפן צווייטן פרימאָרגן האָט דאָס קלוגע ווייב פאָרט געפונען דעם אפיקומן.

אין א שופלאָד פון שרייבטיש, וואו דער באַלעבאָס האַלט אַלע זיינע פאַפּירן און דאָקומענטן, איז געלעגן די לאַנג געזוכטע האַלבע מצה.

און צוזאַמען מיט דעם אפיקומן האָט דאָס ווייב געפונען נאָך עפּעס: זי האָט געפונען עטלעכע בריוולעך פון א פרעמד בלאָנד ווייבל אדרעסירט צו איר מאַן, און ווען זי האָט איבער־געלייענט אָט די דאָזיקע בריוולעך איז איר — מיינע שונאים — פינצטער געוואָרן אין די אויגן...

און ווען דער מאַן איז אַהיים געקומען האָט די פרוי גע־פאָדערט א מתנה פון איר מאַן: זי האָט געפאָדערט א דימענ־טענע בראָשקע פאַר זעכצן הונדערט דאָלער פאר געפינען דעם אפיקומן און פאר געפינען די בריוולעך האָט זי געפאָדערט א גט מיט אלימאָני...

מאָראַל: אַרונטער מיט די פינצטערע אפיקומנ׳ס!

## שאַ, שאַ, דער קעניג גייט!

שאַ, שאַ, דער קעניג גייט!

נאָר־וואָס צוגעמאכט די גראָסערי, גענומען א „שייוו״, זיך אויסגעשריגן אויפן ווייב, ווייל עס פעלט א קנעפל אין העמד, און אָט איז ער גרייט צו פארנעמען דעם טראָן און פאַרזוכן דעם מרור, די קניידלעך, די הגדה, און דעם וויין, וועלכן ער האָט איינגעהאנדלטביים שמש פאר א דאָלער מיט פינף־און־זיבעציק סענט, און טאַקע ביי דער געלעגנהייט דערלאנגען פּרעה׳ן די נייטיקע צען מכה׳לעך, אַז עס זאָל אים א צופּ טאָן אין דער זיבעטער ריפּ.

שאַ, שאַ, דער קעניג גייט!

ציטער, פּרעה, דו פּאַדלעץ און פּיפּערנאָטער, פאַר דעם קעניג פון דער גראָסערי — ציטער! מיט איין טונק פון פינגער אין דעם כוס וויין גיט ער דיר א דערלאַנג די גאנצע צען שטיק: דם, צפרדע, כינים, ערוב, דבר, שחין, ברד, ארבה, חושך, מכת־בכורות — און ווען ער זאָל ניט רחמנות האָבן

אויפן ווײַן, וואָלט ער געקאָנט „אויסטונקען” נאָך עטלעכע טוץ פון די בעסטע און ווירקזאַמסטע מכות.

יאָ, דער קעניג איז אַ שטרייַנגער הערשער! און ווען ער זאָל ניט אַנטשלאָפן ווערן נאָך דער ערשטער כוסע און ניט אַראָפּלאָזן די מידע, אויסגעפּראַצעוועטע הענט, וואָס מאַכן אַ גאַנץ יאָר צייט אַ פאַרזוך צו ברייַנגען ברויט אין שטוב אַרייַן; ווען ניט דאָס שווערע געמיט און די דאגות וועגן צאָלן בילס, און די אינסטאָלמענטס אין „מאַרים פלען”, און ווען ער זאָל ניט האָבן טראָבל מיט די נירן, און דאָס ווייב זאָל אים ניט באַקרעכצן מיט די גאַל-שטיינער, און ווען דאָס באַיטשיקל זאָל אים ניט אַהיימקומען יעדן אָוונט מיט אַ צעראַטשקעטער נאָז, און ווען די קושינירקעס אין גראָסערי זאָלן אים ניט אויפּ-עסן דאָס האַרץ — אַך, וואָס פאַר אַ קעניג ער וואָלט דאָס געווען! פּרעה וואָלט ביי זייַנע פיס געלעגן; די דראַמע פון יציאת-מצרים וואָלט זיך דערהויבן ביי אים צו אַ גרויס קונסט-ווערק, און יעדן טאָג פון פּסח וואָלט די פאָן ניט אַרונטער פון אויוון — ער וואָלט פאַרצערט אַ מאַסנפאַרזאַמלונג פון כרעמזלעך, און באַוויזן פאַר דער וועלט ווער ער איז און ווער עס איז פּרעה, דער סוואָלאָטש.

אָבער גיי שרייַ חי וקיים. פּרעה ליגט זיך ווי אַ פּריץ צעשפּרייט איבער דער גאַנצער הגדה, און ער — דער אמתער קעניג — מוז נעבעך „טענדן” אַ גראָסערי . . .

'שטאָ קיין שכל.

## אוים פּסח

אַלץ וואָס עס וועט אונז בלייבן פון דעם יום טוב פּסח איז אַן אויסגעליידיקטע קעשענע, אַביסל שליוואָוויץ אויפ'ן „דנאָ” פון פלעשל, עטלעכע צעקנייטשטע און אָפּגע'חומל'טע מצות, און — די ספירה. מער גאָרניט. די ספירה, ווי איר ווייסט מן-

הסתם, וועט זיך האַלטן ביי אונז היפּשע עטלעכע וואָכן, ביז מיר וועלן זי אינגאַנצן אויסציילן, און ערשט דערנאָך וועלן מיר ווייטער בלייבן ביי גאָרנישט. אידן האָבן ליב צו ציילן: אום פּסח ציילן זיי מכות, נאָך פּסח ציילן זיי ספירה, דערנאָך ציילן זיי די דריי וואָכן, דערנאָך די 9 טעג, און אַז מען איז פאַרטיק מיט די 9 טעג הייבט מען אָן ציילן די עשרת ימי תשובה, און אפילו אום סאַמע יום כיפּור ביי דער „עבודה" נעמט זיך דער חזן ערשט אויפּס'ניי ציילן די „וכך היה מונה'ס". רק מען ציילט, דער חשבון איז אַלעמאָל צדק און די קלאָג איז שטענדיק פאַרטיק.

יאָ, דער יום טוב פּסח גייט אַוועק און עס קומען אָן וואָכע־דיקע טעג, וואָס ברענגען מיט זיך זאָרג און אומרו. יעדער וואָכעדיקער טאָג איז אַ מין זעלבסט־געקרוינטער פּרעה, וואָס האַלט דיך אין פאַרשקלאַפונג און לאָזט דיך ניט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. יעדער וואָכעדיקער טאָג שטייט דיר איבער'ן קאָרק און הייסט דיר קנעטן ליים, מאַכן ציגל און בויען, בויען — גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין, אָן אַ צוועק און אָן אַ ציל. אָן אומבאַוואוסטע קראַפט טרייבט דיך צו ארבעטן מעשים, צו אַנטדעקן נייע וועלטן און צו דערנענטערן דעם הימל צו דער ערד, און דו אליין ביזט זיכער, אַז אָט־אָט וועט דיר טאָקע געלינגען ארונטערצוברענגען דעם הימל צו דער ערד, אָדער ארויפהייבן די ערד צום הימל — אָבער ס'איז אַ נעכטיקער טאָג. דער הימל שמייכלט מיט אָן איראָנישן שמייכעלע פון דיי־נע באַמיאונגען, און די ערד איז פאַרדאַמט גלייכגילטיק צו דיינע לעכערלעכע אָנשטרענגונגען.

בלויז אַזאַ שיינער יום טוב ווי פּסח קען דיר געבן אַביסל אָפּרו פון דיין אייביקער אומרו — אָבער קוים גייען אַוועק די יום טוב'דיקע טעג, איז פּרעה ווידער דער הערשער איבער דיר און דו שלעפּסט ווידער ציגל, און עס דאַכט זיך דיר ווידער אוים, אַז דו בויסט נייע און גרויסע וועלטן.

ניין, מיר זיינען קיינמאָל ניט אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים, ווייל מצרים איז אונז אריין אין די ביינער — מיר קענען זיך ביז׳ן היינטיקן טאָג ניט באַפרייען פון דער שקלאַפעריי. יעדער טאָג איז אַ שטיק מצרים פאַר אונז, יעדע פליכט איז אַ נייער פרעה, וואָס טרייבט און טרייבט מיט אַ דינאַמישער קראַפט און פאַרצערט אונז שטיקערווייז.

## אַז די יום־טוב טעג גייען אַוועק, האַרציקער טאַטע

אַט, אַט פאַלט צו די נאַכט, און דאָס חמצ׳דיקע לעבן הייבט זיך אָן.

אַכט טעג געפראַוועט דעם יום טוב פון יציאת־מצרים און אָפּגעהיט די שווערע פסח׳דיקע דיעטע מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט; די דאָזיקע דיעטע האָט געבראַכט צעשטערונג, — ממש א חורבן, — אויף די דעליקאַטע אידישע מאָגנס, וועלכע האָבן נעבעך קיין כוח ניט צו קעמפן קעגן געפּרעגלטע מצה־„בראָים” און קעגן פעטע קניידלעך . . .

איצט וועלן אידישע ווייבער ווידער פאַרפּאַקן דאָס פסח׳דיקע געשיר און עס „באַגראָבן” ערגעץ אויפ׳ן דאַך אָדער אין קעלער, באַלד נאָך הבדלה וועלן אַראָפּגענומען ווערן אַלע „כשר לפּסח” שילדן פון אידישע קראָמען, און ווידער וועט מר. חמץ איבערנעמען די ממשלה אין אייער טעגלעכן לעבן.

דער פּסח׳דיקער מלך איז טויט, —

עס לעבע קעניג פּאָמפּערניקל!

# שבועות

## גערענקסטו, גערענקסטו?

מיר זיינען געשטאַנען אונטער׳ן באַרג סיני אַקוראַט אין
דער צייט, ווען דער גוטער גאָט האָט צוגעגייגט דעם הימל
צום באַרג און געזאָגט צו משה׳ן, זיין וואַרהאַפטיקן קנעכט,
אזוי צו זאָגן: גיי ארויף צו מיר, משה, אין הימל אריין, און
שרעק זיך ניט. די מלאכים, וואָס היטן מיין פּאַלאַץ וועלן דיר
קיין שלעכטס ניט טאָן. זיי געדענקען נאָך, ווען דיין עלטער־
פּאָטער, אברהם, איז געלעגן אין קאַלך־אויוון און דאָס פייער
פון נמרוד האָט ניט געקאָנט אָנרירן זיינע פּיס אפילו. דאָס
דאָזיקע פייער פאַרברענט פייער, אָבער דיך וועט עס ניט באַ־
רירן. איך וועל דיר אָנטאָן אַ מאַנטל פון פּורפּור און די שטראַלן

פון שיינקייט וועלן פאַלן אויף דיין קאָפּ, אַזוי, אַז קיינער וועט ניט וואַגן צוצוטרעטן נאָענט צו דיר. גרויס איז מיין ליב־שאַפט צו דיר, משה, ווייל איך האָב דיין בילד באַשאַפן נאָך איידער איך האָב באַשאַפן דעם הימל מיט דער ערד. און די מלאכים וועל איך אָנזאָגן: היט אָפּ מיין משה'ן, ווייל ער איז דער פאַסטוך פון מיינע שאָף און דער וואָרהאַפטיקסטער מענטש פון מיין הויז. איך וועל אַראָפּנידערן דעם הימל צו דער ערד, און די ערד וועל איך דערהייבן צום הימל, און דו, משה, וועסט אויסהאַקן צוויי טאָוולען פון סאַפיר און דו וועסט ברענגען די דאָזיקע טאָוולען צו די קינדער פון ישראל.

אַ תורה וועלן מיר זיי געבן.

* * *

גערענקסטו, גערענקסטו ? . . .

דער סיני איז דעמאָלט געווען אַ שיינער, אָבער אַ באַ־שיידענער באַרג, און דערפאַר האָט אים טאַקע דער רבונו־של־עולם אויסגעקליבן פאַר מתן תורה. די אַנדערע בערג זיינען געווען ברוגז, וואָס דער גוטער גאָט האָט זיי ניט אויסגעקליבן. זיי האָבן ניט געקאָנט אריבערטראָגן, וואָס דעם באַרג סיני איז צוגעטיילט געוואָרן אַזאַ גרויסער כבוד, און זיי זיינען גע־קומען צו לויפן אין דער מדבר מיט טענות צו כביכול. דער באַרג תבור און דער באַרג כרמל האָבן זיך אויסגעצויגן און זיך גרויס געמאַכט, און זיי האָבן ניט אויפגעגעבן זייער האָפענונג, אַז אין דער לעצטער רגע וועט מען זיי צוטיילן די היסטאָרישע ראָל, אָבער דער אויבערשטער האָט ניט געוואָלט. ער האָט באַשטימט דעם באַרג סיני טאַקע נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך נידריקער געמאַכט פון אַלע אַנדערע בערג.

גאָט האָט פיינט, אַז מען מאַכט זיך גרויס . . .

* * *

געדענקסטו, געדענקסטו ? . . .

עס איז געווען דער גרויסער און הייליקער מאָמענט. עס האָט זיך דערהערט דאָס שאַלן פון טרומייטערס. עס איז גע־

קומען דער אָנזאָג פון די עשרת הדברות. אַלע באַשעפענישן אויף דער גאַנצער וועלט זיינען פלוצים שטיל געוואָרן, בהמות האָבן ניט קיין מורמל געטאָן, חיות האָבן ניט געברומט, פייגל האָבן ניט געפּישטשעט און ניט געפלויגן אין דער לופט, דער ים האָט ניט געשטורעמט און די מלאכים, שרפים ואופנים מיט די חיות הקודש האָבן קיין שירה ניט געזונגען — מען האָט בלויז געהערט דאָס גרויסע און ריינע קול, וואָס האָט אָנגעזאָגט איבער אַלע וועלטן: א נ כ י ! . . .

* * *

געדענקסטו, געדענקסטו ? . . .

יעדער פון די צען געבאָט איז צוגעקומען צו דיר און צו מיר און צו יעדן אידן באַזונדער און געפרעגט: ווילסטו מיך אָפּהיטן ? און דו און איך און יעדער איד האָט געענטפערט: יאָ ! מיר האָבן געגעבן אונזער ערן-וואָרט, אַז מיר וועלן אָפּהיטן סיי די מצוות פון „עשה” און סיי די מצוות פון „לאַ-תעשה”.

און דערנאָך האָט גאָט כביכול אליין געפרעגט ביי דיר און ביי מיר און ביי יעדן אידן באַזונדער, צי מיר גאַראַנטירן, אַז מיר וועלן מקיים זיין די תורה, און מיר האָבן אַלע געענטפערט: יאָ. איז אָבער גאָט ניט געווען צופרידן און ער האָט געפרעגט ביי די קליינע קינדער און אויך ביי די קינדער, וואָס זיינען נאָך געווען אין דער מאַמע׳ס בויך, און זיי האָבן געענטפערט: מיר זיינען ערב פאַר זיך און פאַר אונזער טאַטע-מאַמע, אַז מיר וועלן אַלע אָפּהיטן די תורה, אַזוי ווי דו האָסט געבאָטן. האָט אָבער גאָט-ברוך-הוא געוואָלט פאַרזאָרגן, אַז די אידן פון די וויטערדיקע דורות זאָלן אָפּהיטן די תורה, האָט ער איינגעזאַמלט אַלע נשמות, וואָס וועלן געבוירן ווערן ביז משיח וועט קומען, און זיי אַוועקגעשטעלט אונטערן באַרג סיני און זיי באַשוואוירן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די תורה אין אַלע צייטן.

די נשמות האָבן געשוואוירן און ערב געווען איינע פאַר דער אַנדערער, אַז זיי וועלן טאָן וואָס גאָט האָט געהייסן.

* * *

געדענקסטו, געדענקסטו ? . . .

דורות זיינען געקומען און געגאַנגען און די נשמות האָבן געהאַלטן וואָרט — איין יאָרהונדערט נאָכ'ן צווייטן. מען האָט די נשמות געפּייניקט פאַר זייער תורה, אָבער זיי האָבן עקשנות-דיק זיך געהאַלטן ביי זייער צוזאָג אונטערן באַרג סיני און זיי האָבן אויסגעהאַלטן . . .

און יעדן שבועות, ווען עס קומט דער זמן פון מתן-תורה, גיט דיין נשמה דיר אַ טאַרע און זי דערמאָנט דיך אָן דעם שאַלן פון שופר, אָן די קולות וברקים דאָרט אונטערן באַרג און אָן דיין צוזאָג, אַז דו וועסט האַלטן די תורה און אָפּהיטן די גע-באָטן, וואָס זיינען אין איר מיט פייערדיקע אותיות פאַרשריבן.

* * *

געדענקסטו, געדענקסטו ? . . .

אָט ערשט נעכטן איז עס געווען. דיין טאַטע פלעגט אַ האַלבע נאַכט זאָגן דעם תיקון שבועות און וואַרטן, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן. דער הימל האָט זיך טאַקע געשפּאָלטן. אָבער ניט פאַר זיינעטוועגן. ער האָט נעבעך ניט זוכה גע-ווען, ווייל ער איז אַ זינדיקער מענטש געווען. און גאַנץ פרי פלעגט ער באַלד נאָכ'ן דאַוונען זיך אַ לאָז טאָן צום „באַרג סיני", און הגם אויפ'ן „באַרג סיני" איז געשטאַנען די אָפּגערי-סענע כאַלופּע פון איוואַן דעם האַלץ-העקער, האָט דער טאַטע דיינער פאָרט מקיים געווען די מצוה פון באַהעפטן זיך מיט'ן באַרג. ער האָט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט מתן-תורה, און ס'איז אים לייכט געווען אויפ'ן האַרצן.

און דער ניגון פון אקדמות האָט אים ממש פאַר'שכור'ט, און ער האָט מיט נחת נאָכגעזונגען: ווען מען זאָל פון אַלע ימים מאַכן טינט און פון אַלע וועלדער פעדערס און אַלע מענ־טשן זאָלן ווערן שרייבער, וואָלט מען ניט געקאָנט אויסשרייבן און אָפּמאָלן די גרויסקייט פון השם־יתברך.

און היינט — ווען דער „באַרג סיני" איז ווייט אַוועק, און אייך, ליבער קאָסמאָפּאָליט, דוכט זיך, אַז איר טראָגט אויף זיך ניט מער דעם עול פון דער תורה, אפילו היינט, זענט איר ערבים זה בזה. אין וועלכן לאַגער איר זאָלט זיך ניט געפינען, ווי גאָטלאָז און תורה־לאָז איר זאָלט ניט זיין, קאָנט איר פאָרט ניט אויסמעקן דעם צוזאָג פון אייער נשמה, ווען זי איז גע־שטאַנען אונטערן באַרג סיני.

יאָ, אידן זיינען ערבים זה בזה, איינער איז פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר'ן צווייטן, ווייל דאָס איז דער קאָנטראַקט, וואָס איז גע'חתמ'עט געוואָרן אונטערן באַרג סיני.

## תורה איז די בעסטע סחורה

תורה איז די בעסטע סחורה.

חוץ נאַטירלעך קליידער, צוקער, שיך, קעז, העמדער, ווייץ, אויטאָמאָבילן און אייז־קרים, פון וועלכע דער אָרעמער מענטש מוז מאַכן אַ לעבן נעבעך.

אידן האַנדלען שוין מיט דער תורה אַ היפּש ביסל יאָרן, און זיי האַלטן שטענדיק אָן דעם פּרייז — אַמאָל ביליקער, אַמאָל טייערער, אַמאָל איז דער פאַרלאַנג אויף תורה גרע־סער, אַמאָל קלענער. אָבער דער „סופּליי" גייט קיינמאָל ניט אויס.

און דאָס איז טאַקע די גרויסע מעלה פון דער תורה אַלס סחורה. עס איז שטענדיק פאַראַנען גענוג, און מען דאַרף ניט

דינגען קיין יוניאָן-לייט זי צו פּראָדוצירן. מען קען זי נוצן נאָכ-אַמאָל און נאָכאַמאָל, און אַז מען האָט זי שוין אָפּגענוצט נאָכ-אַמאָל און נאָכאַמאָל, ווערט זי ווידער אַ שפּאָגל-נייע סחורה.

ווען דאָס וואָלט זיין דער פאַל מיט קעז, למשל, דאָס הייסט, מען זאָל קענען אייביק נוצן דעמזעלבן קעז, וואָלטן אידן, וואָס האַנדלען מיט קעז, פּשוט נתעשר געוואָרן. צום באַדויערן איז עס ניט אזוי. קעז איז בלויז איינמאָל קעז, אָבער תורה איז שטענדיק תורה — נעכטן, היינט, מאָרגן און אי-בערמאָרגן.

קיין גרויסע אינוועסטמענטס דאַרף מען צו דער תורה אויך ניט האָבן. אַביסל חשק, אַביסל זיצפלייש און אַביסל אידיש געוויסן — דאָס אַלץ.

## דער יום טוב פון תורה און בלינצעס...

שבועות — דער יום טוב פון רייפן פרילינג און פון זוניקער פּראַכט, פון ווייסע בליטן און גרינע שפּראָצונגען, דער יום-טוב פון מחיה׳דיקע רעגנדלעך און לאַשטשענדיקע ווינטעלעך, פון פרישער ערד און קלאָרע הימלען, — דער יום-טוב פון תורה און פון בלינצעס...

אויב אייך געפעלט דער יום-טוב פּסח, טאָ זאָל ער אייך געפעלן! איך ווייס איין זאַך: אַ דעליקאַטער מאָגן קאָן אים ניט פאַרטראָגן. עסן מרור, כריין, חרוסת און מצה איז ניט פאַר מיינע כוחות. אויב אייך געפעלט סוכות און עס אַרט אייך ניט, וואָס אַ קאַלטער, אָסיענדיקער רעגן רינט אריין דורכ׳ן דאַך פון דער סוכה גלייך אין אייער טעלער יויך מיט לאָקשן — טאָ זאָל עס אייך וואויל באַקומען! איך האָב ליב יויך באַזונ-דער און רעגן באַזונדער; אויב איר האָט אַ הנאה פון ראש-השנה און יום-כפור, ווען די ווייבער גייען אַרום מיט רויטע

נעזער פון דעם ערשטן „על חטא״ ביז דעם לעצטן „אבינו מלכנו״ און ציטערן ווי אַ פיש אין וואַסער פאַר׳ן יום-הדין, האָב איך אויך צו אייך גאָרניט — מ י י ן יום-טוב אָבער איז שבועות, דער שענסטער, ליכטיקסטער און זומערדיקסטער יום-טוב פון אַלע ימים-טובים . . .

דער צויבער פון אַמאָליקע שבועות׳ן !

מיט גרינע צווייגן איז געווען באַהאַנגען יעדעם ווינקעלע. דער ניגון פון „אקדמות״ האָט זיך צעקלונגען אין יעדער שטוב און זיך אויסגעמישט מיט דעם געזאַנג פון די פייגעלעך, וואָס האָט זיך אריינגעריסן דורך די פענצטער ; דאָס געמיט איז געווען גרינג נאָך אַ שווערן ווינטער און נאָך אַן אומעטיקער ספירה ; פרישע, געזונטע לופט האָט אָנגעפילט דעם ברוסט-קאַסטן און מען האָט געאָטעמט פריי. דערצו נאָך, אַז איר האָט געהאַט אַביסל פאַנטאַזיע און עס האָט אייך פאַרטראָגן העט-ווייט, דאָרטן צום באַרג סיני און איר האָט ממש אליין „געזען״ די קולות וברקים און עס האָט זיך פאַר אייערע אויגן אָפגעשפילט די גאַנצע הערלעכע דראַמע פון מתן-תורה — ווער איז דעמאָלט געווען גליקלעכער פון אייך ?

נו, און געדענקט איר די ערשטע שבועות-נאַכט, ווען איר פלעגט וואַרטן, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן ? אמת, דער הימל האָט זיך קיינמאָל ניט געשפּאָלטן, אָבער דאָס איז שוין ניט געווען אייער שולד — די דערוואַרטונג אליין איז ווערט געווען כל-הגעלטן.

ס׳איז דאָך בעסער צו זיצן און וואַרטן, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן, איידער זיצן איבער צייטונגען און לייענען שוידערלעכע מעשיות וועגן ים-טראַגעדיעס און קידנעפּערס . . .

* * *

דער גרויסער מאַסנמיטינג ביים באַרג סיני מיט אַזויפיל און אַזויפיל טויזנטער יאָרן צוריק איז געווען אַ גרויסער דער-פאָלג. עס האָט געהערשט אַ גרויסער קריזיס אין יענער צייט

און דער עולם האָט געזוכט אַ „נייעם דיל.״ משה האָט פאַר־שטאַנען דעם עסק זייער גוט און ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ צייט פון קריזים וועט אַ פאָלק זיך אָנכאַפּן אָן אַ שטרוי. ווען משה וואָלט אפילו ניט געהאַט קיין תורה אַוועקצוגעבן, נאָר — לאָמיר זאָגן — אַ רעזאָלוציע וועגן אַ וועלט־קאָנגרעס, וואָלטן עס די אידן אויך אָנגענומען. קיין קאָמוניסטן זיינען דאָן ניט געווען, קיין סאָציאַליסטן אויך ניט, און אפילו רבנים האָבן נאָך דעמאָלט ניט עקזיסטירט, איז טאַקע דערפאַר אַלץ צו־געגאַנגען בשלום ביים באַרג סיני, און דאָס פאָלק האָט אויס־געשריען איינשטימיק „נעשה ונשמע״ מיט אַזוי פיל כוח, אַז דער באַרג איז אַזש דערציטערט געוואָרן.

זינט יענער צייט איז דער באַרג סיני ווי פאַרשוואונדן פון דער לאַנד־קאַרט, געוואָרן אַ לעגענדע, ניט מער. מען זאָגט, אַז ערגעץ־וואו, ניט ווייט פון ארץ־ישראל, שטייט אַ בערגל, וואָס הייסט סיני, עטלעכע גלחים וואוינען דאָרט אין כאַטקעס און פאַרקויפן סלאַיעס מיט מן צו טוריסטן — אַ לעפעלע מן קאָסט אַ פינפערל. דער גאַנצער באַרג סיני איז פון דער על־טער אַפּגים צוגעפאַלן צו דער ערד און לאָזט וואַקסן אויף זיך ווילדע גראָז. די תורה אָבער, וואָס מען האָט אונז דאָרט גע־געבן, איז געבליבן אַן אייביקייט. מען האָט זי צעטראָגן אויף אַלע פיר עקן וועלט און זי גייט אונז נאָך פון דור צו דור און איז אונזער טרייב־קראַפט, אונזער אַמוניציע, אונזער אויסדויער און אונזער עקשנות.

## משה, דער דעמאָקראַט

כ׳ווייס ניט, צי איר געדענקט, ווען איר זענט געשטאַנען אונטערן באַרג סיני און מקבל געווען די תורה. אייער פּנים איז דאַמאָלט געווען רויט ווי אַ בוראַק און די שוואַרצאַפּלען האָבן אייך געביטערט אין די אויגן, און טראָפּנס שוויים האָט איר געווישט מיטן ארבל פונם שטערן.

איר האָט געפילט, אַז איר מאכט א גרוים געשעפט, אָבער איר האָט ניט געוואוסט, צי וועט דאָס געשעפט אייך ברייגגען פּראָפיטן, צי איר וועט חס וחלילה דערלייגן דעם קאָפּ...

איר האָט דאָך מן-הסתם געלייענט אין די ספרים, אַז איר זענט ניט געווען דער ערשטער קונה אויף דער תורה. מען האָט זי אָנגעבאָטן צו אַנדערע פעלקער, אָבער די אַנדערע פעלקער זיינען געווען צו קאָנסערוואַטיוו, און האָבן ניט געוואָלט „געמבלען." מיט אייך איז געווען לייכטער דורכצופירן ס'געשעפט — איר האָט זיך געלאָזט ריידן, א וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער — די תורה איז אייערע.

אך, וואָס דעמאָלט האָט זיך אָפּגעטאָן ביים בארג סיני!

עס האָט געדונערט און געבליצט, און די קולות זיינען געגאנגען ביזן זיבעטן הימל.

דער פרעזידענט איז דעמאָלט געווען א געוויסער משה בן עמרם, אַ דעמאָקראַט, וואָס האָט וואָכנלאַנג צוגעגרייט זיין „מעסעדזש" צום פאָלק ישראל. אין יענע צייטן איז נאָך קיין קאָנגרעס ניט געווען און קיין סענאַט אויך ניט, און דערפאַר האָט דער פרעזידענט אליין געמוזט מאכן אלע געזעצן, וואָס דאָס איז פאר אים געווען זייער באקוועם, פארשטייט זיך. וואָלט פרעזידענט משה אין יענע צייטן געהאַט א קאָנגרעס און א סענאַט פול מיט רעאַקציאָנערע רעפּובליקאנער, וואָלט אים ניט אזוי לייכט אָנגעקומען צו געבן די אידן די תורה. אפילו קיין סופרים-קאָורט איז אין יענע צייטן ניט געווען, און בלויז דער גוטער גאָט אליין האָט געקענט מבטל זיין די קאָנסטיטוציע, אויב ער האָט געוואָלט; ער פלעגט זיך אָבער קיינמאָל ניט מישן אין אַזעלכע קלייניקייטן. דער גוטער גאָט האָט געוואוסט, אז מען קאָן זיך פאַרלאָזן אויף פרעזידענט משה הונדערט פראָצענט, און ער האָט ניט געוואָלט פארלירן אומזיסטיקע צייט. ס'איז דאָך בעסער צו זיצן און הערן א קאָנצערט פון מלאכים, בשעת זיי זינגען שירה, איידער זיך

גריבלען אין די טרוקענע געזעצן. ביי דעם גוטן גאָט זיינען אזעלכע זאַכן קיי־און־שפּיי, עס ליגט אים ניט אין דער לינקער פּאה...

און אז פּרעזידענט משה האָט שוין געהאַט פּארטיק זיין גאַנצן „מעסעדזש" צום פאָלק, האָט ער באשלאָסן צו „דעלי־ווערן" דעם „מעסעדזש" מיט גרויס פּאָמפּ און טומל. קיין ראַדיאָ איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, און דערפאַר האָט ער פאררופן א מאַסנפאַרזאַמלונג (אָפען עיר) ביים באַרג סיני, און דאָרט האָט ער געליייענט פאַרן פאָלק זיין מעסעדזש.

פאַרשטייט זיך, אז אויך ביים באַרג סיני, האָבן זיך שוין געטראָפן עטלעכע קאָמוניסטלעך, וואָס האָבן אָנגעהויבן שרייען „בו", אָבער דער קלוגער משה האָט אַראַנזשירט מיט דער דעמאָלסדיקער „עלעקטריק קאָמפּאַני", אַז עס זאָל דונערן און בליצן בשעת ער וועט ארויפשטייגן אויפן באַרג און האַלטן זיין רעדע. די דונערן און די בליצן האָבן פאַרהילכט אַלע „בו"־געשרייען פון די אומצופרידענע.

מיט דער תורה איז דעמאָלט געווען פּונקט דיזעלביקע מעשה, ווי מיט די געזעצן פון דער היינטיקער צייט. עס האָט דאָן געהערשט א גרויסער קריזיס, און אידן האָבן אָנגעהויבן צו רעוואָלטירן. זיי האָבן נאָך אפילו ניט געהאַט פאַרגעסן די לאַנגע ארבעטס־שטונדן אין מצרים און דעם שענדלעכן לוין, וואָס פּרעה פלעגט צאָלן, אבער אָנשטאָט צו זיין דאַנקבאַר פאַר יציאת מצרים, האָבן זיך געטראָפן רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן פּראָטעסטירט און געמאַכט טראָבל. משה האָט איינ־געזען, אַז ער מוז קאָנטראָלירן אַלע קלאַסן און אַלע שיכטן פון אידנטום, און ער האָט דערפאר באַשלאָסן, אַז צי זיי ווילן יאָ, צי זיי ווילן ניט, דאַרף מען אויף זיי ארויפוואַרפן די תורה. ער האָט אפילו ניט גענומען די זאַך צו אַן אָפּשטימונג, ער האָט בלויז אַ פרעג געטאָן מיטן הארטן וואָרט: איר ווילט אַ תורה? און אַלע האָבן זיך דערשראָקן און געענטפערט „נעשה ונשמע" — איינשטימיק.

מיר האָבן געקראָגן די תורה און מיר האָבן זי.

און אזוי־אָ איז עס געוואָרן!

אמת איז, אז מיר היטן ניט אָפּ די תורה, ווי משה האָט געבאָטן, אָבער די תורה איז פּאָרט געבליבן אונזערע. מיר פאַרשעמען די תורה ביי יעדער געלעגנהייט, אָבער מיר באַרימען זיך פאַר דער וועלט, אז אונז, דוקא אונז האָט גאָט די תורה געגעבן.

די תורה איז געוואָרן אונזער נאַציאָנאַלער פאַרמעגן, און כאָטש זי איז לאַנג ארונטער פון גאָלד־סטאַנדאַרד, טראָגט זי נאָך אַלץ איר גרויסן ווערט אויפן וועלט־מאַרקעט.

דער ווערט פון דער תורה ביי אידן ווערט באַשטימט לויט די באַדינגונגען, אונטער וועלכע אידן לעבן. גייט אידן גוט, איז פאַראַן אַ תורה־„דיפּליישאָן", גייט ח"ו אידן שלעכט, איז פאַראַן אַ תורה־„אינפליישאָן" . . .

דער מאַרקעט גייט ארויף און אַראָפּ, ווי להבדיל אויף וואָל סטריט . . .

דער אמת איז, אַז אונזערע אידעלעך וואָלטן קיינמאָל ניט אָנגענומען די תורה, ווען זיי וואָלטן ניט געהאַט דעם אמתן שטאַרקן און געניטן פירער.

משה איז געווען אַ מענטש מיט כאַראַקטער, מיט ווילן, מיט אימפּעט און שוואונג. צו זיין אַ פירער, מיינט ניט דוקא, אז מען מוז זיין אַ גוטער רעדנער, מען מוז נאָר האָבן וואָס צו זאָגן. עס מוז זיין טיפקייט פון געדאַנק און ערלעכקייט פון האַרץ. אַנדערש קאָן מען קיין פירער ניט זיין.

מיר האָבן שוין איבערגעלעבט אַ סך באַוועגונגען אין אונזער געשיכטע, אָבער קיין איינציקע פון די דאָזיקע באַוועגונגען האָט זיך ניט אזוי „צוגעטשעפּעט" צום אידישן פאָלק, ווי די תורה־באַוועגונג.

אַט נעמט אפילו די היינטיקע צייטן. עס זיינען פאַראַן באַוועגונגען מער ווי מען דאַרף און מער ווי מען קאָן פאַר־טראַגן, אָבער קיין איינע פון זיי האָט נאָך ניט געשלאָגן קיין וואָרצלען, קיין איינע פון זיי האָט נאָך ניט ארומגעכאפט דאָס גאַנצע פאָלק.

אפילו ציוניזם, די גרעסטע און שטאַרקסטע באַוועגונג ביי אידן, קאָן זיך ניט בארימען מיט א נאַציאָנאַלער ראָל ביי אידן. עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מער ניט־ציוניסטן, ווי ציוניסטן אויף דער וועלט, אָפּגערעדט שוין פון די קלענערע באַוועגונגען, וואָס שטייען אויף און גייען אונטער יעדן מיטוואָך און דאָנערשטיק.

משה איז געווען ד ע ר פירער און לא קם כמשה — עס וועלן שוין אַזעלכע משה׳ס ניט זיין.

און ווי האָט דאָרט געזאָגט דער דיכטער היינע: ווען משה איז געשטאַנען אויפן בארג סיני, איז דער באַרג געווען קליין...

און טאָמער וועט איר קומען און שרייען, אז די אלטע תורה איז פארשימלט און אלט און פאַסט זיך ניט צו צו דער נייער צייט, און איר ווילט דוקא האָבן א שפּאָגל־נייע תורה, וועלן מיר אייך ענטפערן פראָסט און פשוט: גיט אונז א נייעם משה, וועלן מיר אייך געבן א נייע תורה...

## תורה — א גוטע ביזנעס

סוף כל סוף האָט זיך די תורה גאָרניט צו באַקלאָגן אויף אונז. מיר האַלטן זי בכבוד אויף וויפל עס לאָזט זיך, און אויף וויפל מיר האָבן צייט.

אין אמעריקע, למשל, האָבן מיר פאַר דער תורה אויס־געבויט גאַנצע פּאַלאַצן. קיין אינסטיטוציע פאַרמאָגט ביי אונז ניט אַזויפיל ריעל־עסטייט ווי די תורה.

טויזנטער און טויזנטער שולן האָט מען פאַר איר אויפ־געבויט און טראָץ די ערשטע, צווייטע און דריטע מאַרטגייער־דזשעס, איז דער פאַרמעגן זייער א גרויסער. פאַרשטייט זיך, אַז טויזנטער און טויזנטער אידן מאכן א לעבן ארום דער תורה, און דאָס איז, דוכט זיך, אויך עפּעס ווערט. רבנים, שמשים, חזנים שטאַרבן אפילו פון הונגער, אָבער ע פּ ע ס גיט זיי די תורה פאָרט. וואָס דאַרפט איר מער? אפילו די רעפאָרם־ראַבאַים, וואָס האַלטן שוין גאָר ניט פון דער תורה, מאַכן אויך א לעבן פון איר, און ערשט דאָ קען מען זען, ווי קלוג עס איז געווען, וואָס מען האָט זי אונז געגעבן.

און ניט די אידישע כלי קודש, נאָר אפילו די קריסטלעכע כלי קודש האָט זיך פאַרמאָסטן אויף אונזער תורה.

אין די לעצטע יאָרן האָבן ליבעראַלע גלחים זיך א נעם געטאָן צו „בוסטן" די אידישע תורה סיי אין זייערע „סויר־מאָנס" יעדן זונטיק, סיי ביי אלע „גוד־וויל" באנקעטן, כאָטש מען ווייסט ניט גענוי, פאר וועלכן צוועק.

וואָס די גלחים האָבן אין זינען מיט זייער פריינדשאַפט צו אונזער תורה, ווייסן מיר אפילו ניט, אָבער מיר האַלטן עס פאַר א שיינעם זשעסט סיי־ווי־סיי. עס איז מעגלעך, אַז זיי ווילן דערפירן צו א שלום צווישן אונזער תורה און זייער תורה, אָבער דאָס קאָן האָבן פונקט אזא ווירקונג, ווי עס האָט גע־האַט א ווירקונג דער ווערסאַילער שלום צווישן פעלקער.

ס'איז כלומרשט שלום, אָבער איינער האַלט ס'מעסער גרייט קעגן אנדערן און וואַרט אויף א גינסטיקער מינוט, ווען עס אריינצושטעכן.

עס איז אויך מעגלעך, אַז די גלחים ווילן סוף־כל־סוף ביי אונז איינגאנצן אוועקנעמען די תורה, אָבער מיר וואָרענען זיי, אַז דאָס וועט זיי ניט געלינגען.

טראָצדעם, וואָס מיר האַלטן די תורה אונזערע ווי א שטיפקינד אָדער ווי א סטאַק, וואָס ברענגט ניט קיין דיווי־

דענדען, זיינען מיר אָבער אַלץ ניט גרייט זי אוועקצוגעבן. פאַר־קערט, מיר ווילן קעמפן ביזן לעצטן שמש, און זי פון די הענט ניט ארויסלאָזן...

די עשרת הדברות, וואָס מען האָט אונז דאַן געגעבן אויף דעם באַרג סיני, עקזיסטירן נאָך ביזן היינטיקן טאָג אין — חומשל (פרשה יתרו) און עס גייט זיי דאַרטן גאַנץ גוט — קיינער טשעפּעט זיי ניט...

* * *

פאַרגעסט ניט, ביטע, צו לייענען די געשיכטע פון רות היינטיקן שבועות. רות איז די שענסטע ראָמאַנטישע געשיכ־טע אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור פון אַלע צייטן.

רות איז די גלאָריפיצירונג פון ליבע און די פאַרהערלע־כונג פון — שוויגערטום. אַזוי ליב האָבן ווי רות, האָט נאָך קיין מיידל ניט ליב געהאַט און אַזאַ שוויגער ווי נעמי איז געווען האָט נאָך די וועלט ביז איצט ניט באַשאַפן.

לויט אונזערע נאַציאָנאַלע און מאָראַלישע באַגריפן זיינען רות און נעמי ניט געווען אַזעלכע צדקניות'ן, פונדעסטוועגן האָט די געשיכטע זיי פאַרשריבן פאַר די שענסטע פרויען־געשטאַלטן פון אַלע צייטן.

שטעלט זיך, אדרבה, אליין פאָר: רות, אַ ניט־אידיש מיידל פון מואב האָט חתונה מיט אַ אידישן יונגנמאַן און ווערט באַלד נאָך דער חתונה — ניט פאַר אייך געדאַכט — אַן אלמנה. אמת, זי איז אַ באַשיידענע אלמנה, ארבעט שווער ביים קלייבן זאַנגען אויפ'ן פעלד, אָבער ווען עס מאַכט זיך איר די ערשטע געלעגנהייט, הייבט זי אָן פלירטעווען מיט איר „באָס", דעם רייכן פאַרמער בועז. מילא, איז דאָס אויך קיין אומגליק ניט. אָבער ווי וואָגט עס אַ יונגע אלמנה זיך אַריינצוכאַפּן אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אויף בועז'נס געלעגער און אים בעטן, אַז ער זאָל ווערן איר מאַן? קאָן מען אַזאַ האַנדלונג אָנרופן

צניעות? ווען עס מאַכט זיך אַזאַ מעשה היינטיקע צייטן, וואָלטן דאָך די טאַבלאָיד־צייטונגען ממש נתעשר געוואָרן פון דעם סקאַנדאַל.

נו, און נעמי! אַ כשר'ע אידישע פרוי געווען. געהאַט אַ מאַן מיט צוויי זין און געווען שטאַרק רעספּעקטירט אין בית־לחם. פּלוצים האָט זיך געמאַכט אַ מעשה און די ביזנעס האָבן אָנגעהויבן גיין שלעכט, האָט די גאַנצע פאַמיליע זיך אַוועקגעלאָזט זוכן „אַמעריקע" ערגעץ אין מואב, און אַזוי שנעל ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין דער נייער מדינה, האָבן זיך די צוויי זין צוגעכאַפּט צו צוויי שיקסעס און חתונה געהאַט מיט זיי. טאַטע־מאַמע האָבן געשוויגן, גאָרניט געזאָגט.

און ווי אַזוי באַציט זיך די היינטיקע שוויגער צו איר איטאַליענישער אָדער אירישער שנור? גאַנץ אַנדערש ווי נעמי! אַ היינטיקע שוויגער באַטראַכט די געמישטע הייראַט פון איר קינד פאַר אַ גרויסער טראַגעדיע, און אויב זי מאַכט ניט קיין גוואַלדן, איז עס נאָר צוליב דעם, וואָס זי שעמט זיך, ערשטנס, פאַר די שכנים, און צווייטנס, צוליב דעם, וואָס דער זון האַלט אויס די מאַמען...

נאָר ווי געזאָגט, דאָס איז אַלץ לויט אונזערע היינטיקע באַגריפן. אין יענער צייט איז די האַנדלונג פון רות און פון נעמי געווען אין איינקלאַנג מיט זייער מאָראַל, און דערפאַר איז ליכט געווען פאַר זיי ביידן אריינצוקריכן אין דער געשיכטע.

ווען אַ היינטיקע פרומע שוויגער זאָל זיך קאָנען עפּנטלעך באַרימען מיט איר ניט־אידישער שנור, און ווען אַ מיידל זאָל האָבן די מאָראַלישע רעכט צו קריכן אויפ'ן געלעגער פון אַ מאַן אין מיטן נאַכט, וואָלטן זיי אויך געקאָנט ווערן העלדינס און וואָלטן אויך געקאָנט אריין אין דער געשיכטע.

צי די היינטיקע רות קריכט יאָ אויפ'ן געלעגער פון אַ פרעמדן מאַן, צי זי קריכט ניט, קיין דוד המלך וועט פון איר ניט ארויסקומען...

# די דריי וואָכן

## זומערדיקע טרויער-און-טרייסט

יעדעס יאָר, אַזוי אין סאַמע מיטן זומער, קומען צו גיין די באַרימטע „דריי וואָכן" וואָס הייבן זיך אָן מיט שבעה עשר בתמוז און ענדיקן זיך מיט תשעה באב און לייגן דיר אוועק טרויער אויפן האַרצן. פאַסטן צוויי שווערע תעניתים, אָפּ־קומען די ניין טעג אָן פלייש, זאָגן קינות, זיך לייגן אַש אויפן קאָפּ און קלאָגן אויפן חורבן.

אין אמעריקע באַמערקט מען ניט אזוי שטארק דאָס קלאָ־געניש אויפן חורבן, די ים ברעגעס זיינען פול מיט אידישע קינדער וואָס בייסן אריין אין די היים-געבראָטענע פרענק־פורטערס מיט אזוי פיל חשק און ליידנשאפט, ווי דאָס בית

המקדש וואָלט קיינמאָל ניט חרוב געוואָרן, און מען אנטבלויזט די פליישיקע לייבער מיט אַזויפיל חוצפה, גלייך עס וואָלט קיין „ניין טעג" ניט געווען.

און ביים „פּאָוקער" טישל אין די בערג, טראַכט מען אויך ווייניק וועגן דעם חורבן, עס קלאָגט בלויז דער פאַר־לירער, אָבער זיין האָפנונג גיט ער נישט אויף, ווייל ביי דער צווייטער „סעסיע", נאָכן מאָלצייט פון ספּרינג־טשיקן קען דער קאַרטן־גאָט צושיקן דריי מלכים און צוויי מלכו'ס און דאָס וועט טרייסטן און דערפרייען זיין הארץ.

עס טראַכט אויך ווייניק וועגן דעם חורבן דער טאָג־טעג־לעכער איד וואָס נייט ווייבערשע מאַנטלען אדער מענערשע הויזן. ביי אים איז דער חורבן פון דער יוניאָן א סך נאָענטער צום הארצן ווי דער חורבן פון בית המקדש און איר קענט אפילו צו אים קיין טענות ניט האָבן! צוויי טויזנט יאָר זיינען אוועק זינט יענעם חורבן, אָבער פריש און צאַפּלדיק איז דער חורבן פון „סלעק", שטיק־ארבעט און סטרייקס...

דריי וואָכן איז לייכט איבערצוקומען; שווער איז איבער־צוקומען צוויי־און־פופציק וואָכן פון יאָר — איין יאָר נאָכן אַנדערן.

און באלד נאָך די דריי וואָכן קומט דער שבת נחמו — דער שבת פון טרייסט.

ביי אידן פירט זיך, אז שבת נחמו עסט מען צווייערליי קוגלען. דעם ערשטן קוגל (דעם קלענערן) וואָס ווערט גע־מאַכט פון לאָקשן מיט צימערינג עסט מען לכבוד שבת גופא, דעם צווייטן קוגל (דעם גרעסערן) וואָס ווערט געמאכט פון רייז און פון ראָזשינקעס, עסט מען לכבוד דער טרייסט, וואָס דער דאָזיקער שבת ברייננגט אונז.

אידן האָבן ליב א גרויסע פּאָרציע טרייסט מיט ראָזשינ־קעס.

ווי עס זעט אויס, האָט דער נביא ישעיה אַפּנים גוט פאַר־שטאַנען, וואָס דאָס אידישע פאָלק וויל. ער האָט געוואוסט, אז מיט א טרייסט־וואָרט קאָן מען היילן די גרעסטע וואונדן ביי אידן און מיט א וואָרט פון האָפנונג קאָן מען מאכן, אז אידן זאָלן פארגעסן די גרעסטע עוולות, וואָס מען איז קעגן זיי באַגאַנגען. און טאקע דערפאר האָט ער אָנגעשריבן זיין באַ־רימטן עדיטאָריעל „נחמו, נחמו עמי,״ וואָס טראָגט מיט זיך טרייסט און האָפנונג אפילו איצטער, נאָך צוויי טויזנט יאָר...

אין די שולן לייענט מען דעם דאָזיקן נחמו־עדיטאָריעל אויפן קול, און כאָטש די צרות זיינען אלטע און פארגעסענע, שטעלן אָבער די אידן אלץ אויף די אויערן צו הערן די טרייסט־ווער־טער פונם נביא.

ישעיה, דער נביא, איז געווען א בייזער איד, און ווען ער פלעגט זיך אוועקזעצן ביי זיין שרייב־טיש, האָט ער אוים־געגאָסן פעך און שוועבל אויף די קעפ פון די אידעלעך, וואָס זיינען אָפּגעטראָטן פון גלייכן וועג און געוואָרן אדער פאַ־שיסטן אָדער קאָמוניסטן. ער אליין איז געווען א רעכטער סאָציאַליסט און דערצו א פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט, א קעמ־פער פאר שלום און א שונא פון דיקטאַטור. ניט איינמאָל איז ער אויפגעטראָטן אויף דער פּלאַטפאָרם פון מוריה־סקווער־גאַרדן אין יהודה און געדונערט קעגן די זינדיקע, אומגלויביקע אפּיקורסים, וואָס זייער צאָל איז געווען גרויס צווישן די אידן. צער און צאָרן האָט געטריפט פון זיין האַרץ און פון זיין מויל, און ער איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן צו רופן, פאָדערן, וואָרע־נען און שטראָפן די ברידער פון זיין שטאָט.

און אָט דער גוטער—בייזער נביא האָט אויך געפונען צייט און כוח צו טרייסטן זיין פאָלק. אויב די אידעלעך וועלן נאָר זיין גוט און פרום, האָט ישעיה געזאָגט, וועט נאָך די אלע צרות, וואָס דער אויבערשטער וועט אויסגיסן אויף זייערע קעפּ, פאָרט קומען די גאולה. ער וועט זיי אויסלייזן און וועט ארונטערשיקן משיחן...

טרייסט איז אַ שיינע זאַך.

לאָמיר זיך אַלע צונויפנעמען און לאָמיר שאַפן אַ פּאַר־אייניקטן פראָנט מיטן צוועק זיך צו טרייסטן אויף אַ געמיינ־שאַפטלעכן אופן. לאָמיר — אין אונזער געדאַנק, פאַרשטייט זיך — אוועקשטעלן דעם נביא ישעיה אויף דער פּלאַטפאָרם פון מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, און זאָל זיך אונז אויסווייזן, אַז ער רעדט צו אונז, בייזערט זיך אויף אונז און טרייסט אונז אין אונזער שווערער נויט.

אָט זעט: דער טשערמאַן האָט אים נאָר־וואָס פאָרגע־שטעלט פאַרן עולם. אין זאַל ברעכט אויס אַ שטורמישע אָוואַציע, הורא־געשרייען פאַרהילכן די לופט. דער עולם שטעלט זיך אויף, טאַפּעט מיט די פיס פון לויטער באַגייסטע־רונג, און די בראַוואָ־פּאַטשערייַ וואַקסט פון מינוט צו מינוט.

בלויז פון איין ווינקל האָט אימיצער אַ געשריי געטאָן „בו" און דער טשערמאַן איז געוואָרן אַ פאַרציטערטער. ער האָט אין שאַרפע ווערטער געגעבן צו פאַרשטיין די „בו"־שרייער אַז דער גאַסט־רעדנער איז ישעיה הנביא און ניט עפּעס אַ האָלידריגע, און אין זאַל זאָל ווערט ווידער שטיל.

ישעיה הנביא מיט דער פיין־אויסגעקאַמטער באָרד און מיט די שווער־אַראָפּהענגנדיקע ברעמען גייט צו נענטער צום ראַנד פון דער פּלאַטפאָרם, און בשעת די פאָטאָגראַפישע אַפּאַ־ראַטן ארבעטן מעשים, עפנט ער זיין מויל און רעדט שטיל און געלאַסן:

שמעו שמים והאזיני ארץ — פריינדע און גענאָסן! בנים גדלתי ורוממתי — קינדער האָב איך אויסגעהאָדעוועט און אויפגעצויגן, אָבער ישראל לא ידע, זיי ווייסן נעבעך גאָרנישט, עמי לא התבונן, זיי פאַרשטייען נעבעך גאָרנישט. צעריסן זיינען מיינע קינדער אין הונדערטער לאַגערן, אין טויזנטער פּאַרטייען, און אין צענדליקער טויזנטער וועלט־אַנשויאונגען.

זאָגט איין איד אלף, זאָגט א צווייטער בית, זאָגט א דריטער טאָג, ענטפערט א פערטער נאַכט, און עס איז קיינמאָל ביי זיי קיין איינזיקייט ניט פאַראַן. וואָס טויגן מיר אייערע פּאַר־טייען, אז דאָס פירט צו בלויז צו בייז־בלוט און צו שנאה, וואָס טויגן אייערע שטרעבונגען, אז איר קענט ניט דערגרייכן דעם באחרית הימים, וועלכער איז דער וויכטיקסטער פון אלע שטרעבונגען פון דער מענטשהייט; ווער דאַרף אייערע פּלאַט־פאָרמען, אַז שלום און אחדות שטייען אָפּגעזונדערט און וואוי־נען ניט צווישן אייך!

אפילו אין דער גרעסטער נויט טיילט איר זיך פאַנאַנדער און איר קאָנט ניט אָנהאַלטן דעם אזוי־גערופענעם פּאַראיי־ניקטן פראָנט, און דערפאַר איז טאַקע דער שונא מנצח, דער־פאַר קאָן ער שאַלטן און וואַלטן און טאָן מיט אייך וואָס ער וויל.

— אייער איינציקע טרייסט איז אייער אייביק לעבן — אייער נחמה ליגט אין דער האָפנונג, אז אפשר אמאָל אין די שפּעטערע דורות וועט איר זיך פאָרט צונויפריידן און קומען צו אן איינהייטלעכן געדאַנק און צו איינהייטלעכע מעשים. די אייביקייט ענדיקט זיך קיינמאָל ניט און דערפאַר ענדיקט זיך קיינמאָל די האָפנונג ניט...

ישעיה הנביא האָט ווייטער גערעדט און געוועבט חלומות פאַר דער צוקונפט, געבראַכט ווערטער פון טרייסט, אָבער א העלפט פון עולם האָט שוין געהאט לאַנג פאַרלאָזן דעם זאַל, און די אַנדערע העלפט האָט געכראָפּעט.

נחמו, נחמו — אפילו טרייסט־ווערטער מוזן זיין „שפּאַ־נענד און אינטערעסאַנט," אז ניט קאָן זיי דער עולם ניט פאַר־טראָגן...

# שבת נחמו

היינט איז שבת נחמו, אידישע קינדער, און מיר דאַרפן זיך טרייסטן מיט פאַראייניקטע כוחות.

איך האָב אַלע מאָל אַ הנאה פון די „טאָפּלטע" שבתים: שבת חזון און שבת נחמו, שבת-שובה און שבת שירה, שבת חנוכה און שבת הגדול. היינט-זשע די שבתים, וואָס פאַלן אוים אום חול המועד זיינען אודאי אָנגעלייגטע געסט, און די איבע-ריקע שבתים פון יאָר דאַרף מען אויך ניט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, ווייל יעדער שבת איז געוויינלעך דער טאָג, ווען מען קריגט „פיידע", און „פיידע" איז דער גרעסטער יום-טוב.

שבת נחמו האָט זיין באַזונדערן רייץ. עס איז דער שבת פון האָפנונג און טרייסט: עפּעס פילסטו נאָך די האַרבע „ניין טעג" און נאָך דעם שווערן תשעה באב, ווי אַ שטיין וואָלט דיר אַרונטער פון האַרצן, און טאַקע דערפאַר זיינען די טרייסט-ווערטער פון דעם נביא אַזוי אָנגענעם — זיי באַרואיקן דאָס געמיט און לאַשטשען די נשמה.

נחמו, נחמו — לאָמיר זיך טרייסטן, שבת׳דיקע אידן, און לאָמיר קוקן דער צוקונפט גלייך אין איר צעקאַליעטשעטן פּנים אריין, און זאָל אונז ניט אַרן, וואָס זי — די צוקונפט — גייט נעבעך אַרום מיט אַ קראַנק האַרץ און מיט אַ געשוויר אויף די נירן.

און חוץ די אַלע זאַכן גייט מיר אָן די צוקונפט ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. פאַרוואָס, כ׳בעט אייך, זאָל איך אָוועק-געבן דאָס גוטע ביסעלע זאָרג פאַר דעם, וואָס דאַרף ערשט קו-מען, אַז איך קאָן בעסער פאַרווענדן מיינע זאָרג אויף די צרות, וואָס זיינען ש ו י ן דאָ? פאַרוואָס אויסקרענקען דעם מ אָ ר ג ן, אַז איך האָב נאַר-וואָס אויסגעקרענקט דעם נ ע כ ט ן און דאַרף נאָך אויסקרענקען דעם ה י י נ ט?

פאַרוואָס באַזאָרגן די גרויע האָר, אַז די שוואַרצע פאַלן דערוויַיל אַרוים פון קאָפּ מיט דער שנעלקייט פון זעכציק אַ שעה? ...

נחמו, נחמו ...

וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן, דאַרף מען זיך טרייסטן און מען דאַרף טאָן, ווי מיין באָבע עליה השלום האָט געטאָן. אַז די באָבע מיינע (אָדער אייערע) האָט געליטן פון אַ צאָן-ווייטיק און האָט צוגעלייגט גאָרטשיצע און עס האָט ניט געהאָלפן, האָט זי גענומען אַ בעזעם, געשפּרונגען איבער אים דריי מאָל און אויסגעשריען: „טפו, מיך אַרט ניט". מיינט איר דאָך, אַז זי איז געווען אַזאַ נאַרישע אידענע, וואָס האָט געגלויבט, אַז דער בעזעם וועט איר העלפן? — זאָג איך אייך, אַז ניין! זי איז דוקא געווען אַ קלוגע אידענע (אַלע באָבעס זיינען געווען קלוגע אידענעס!) און זי האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז פון „טפו, מיך אַרט ניט" וועט דער ווייטיק ניט געשטילט ווערן, פּסיכאָלאָגיש אָבער האָט די דאָזיקע „רפואה" יאָ געמאַכט אַ ווירקונג. אַ מענטש, פלעגט די באָבע זאָגן, קאָן זיך איינרעדן אַ קרענק און פונקט אַזוי קאָן אַ מענטש זיך אַרויסרעדן אַ קרענק.

אַז מען וויל, איז „טפו, מיך אַרט ניט" די גרעסטע רפואה צו אַלע מכות.

* * *

נחמו, נחמו — טרייסט זיך, מיינע שבת'דיקע אידן! פאַרלאָזט זיך ניט אויף פרעמדע הענט. טרייסט זיך אליין, כל-זמן איר זייט נאָך יונג און האָט נאָך כוח. דער גוטער גאָט, וואָס זיצט אויבן, איז אַ שופט צדק און ער פאַרלאָזט ניט זיינע קינדער. טאָמער האָט ער באַשאַפן אַ באַרג, האָט ער אויך באַשאַפן אַ טאָל. וואָס העכער דער באַרג, אַלץ טיפער דער טאָל. טאָמער גיט דער גוטער גאָט אַמאָל אַ טריקעניש אין אַמעריקע פאַר-

ריכט ער באַלד אַליין דעם פעלער און מאַכט אַ פאַרפּלייצונג אין פוילן — צום גוטן סוף גלייכט זיך אַלץ אויס! אין די הימ־לען, יו נאָו, איז אַנדערש ווי אויף דער ערד — דאָרט מוז מען יעדע רגע באַלאַנסירן דעם בודזשעט . . .

נחמו, נחמו — וואָס אַרט עס אייך, אַז איר וועט זיך טרייסטן? . . .

נחמו, נחמו — אַלע צייטן גייען ניט אַוועק מיט איין צייט. מיר'ן נאָך אם ירצה השם דערלעבן אַ סך נחת ביי אַנדערע פעלקער און ביי זיך אליין אויך. עס וועט נאָך קומען אַ צייט, מיינע שבת'דיקע אידן, ווען אַ רעוויזיאָניסט און אַ הסתדרות'־ניק וועלן זיך פּאַשען אויף איין לאָנקע, און אַ מזרחיסט און אַ רעפאָרמער וועלן עסן פון איין שיסל.

ווען מיר וואָלטן היינט געהאַט נביאים, וואָלטן זיי אויך געזאָגט, אַז ס'וועט נאָך קומען אַ צייט — מיט הונדערט אָדער מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער — ווען אַלע הכשרים פון רבנים וועלן אָפּגעשאַפט ווערן און אידן וועלן קאָנען עסן אמת־כשר'ע פרענקפורטערס אום תשעה־באב אויף די הייסע זאַמד־ברעגן פון קוני איילאַנד.

און עס וועט אויך קומען אַ צייט — יו'ל סי — ווען אַ שול־פּרעזידענט וועט ניט זיין דער גאַנצער קנאַקער פון זיין קאָנגרעגיישאָן און וועט ניט האַלטן דעם רב אין שקלאַפעריי פאַר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך אויף אינסטאַלמענטס. אָט קענען מיר פאַרזענלעך אַ רב, וואָס האָט זיך באַקלאָגט פאַר אונז, אַז זיין פּרעזידענט צווינגט אים צו קומען דאַווענען יעדן טאָג אין שול זיבן אַזייגער פאַרטאָג. דאָס איז דער גרעסטער סקאַנדאַל אין דעם היינטיקן אידישן לעבן! צווינגען אַ רב דאַווענען — וואו איז דאָס געהערט געוואָרן? דערצו איז עס נאָך אַ רב, וואָס „נעמט אויס" אַ מיידל עטלעכע מאָל אַ וואָך (ניט אַלע מאָל דיזעלבע מיידל), און עס טרעפט זיך, אַז ער קומט אַהיים פיר פאַרטאָג, אָבער קוים לייגט ער דעם קאָפּ אַוועק אויפ'ן

קישן, קלינגט באַלד דער וועק־זייגער: „דינג, דינג דינג! שטיי אויף לעבודת הבורא!"

אָט די דאָזיקע הפקרות מצד די פּרעזידענטן, וואָס ווילן דוקא צווינגען אַ רב צום דאַוונען יעדן טאָג, וועט מוזן אָפּגע־שטעלט ווערן באחרית הימים . . . מיר וועלן נאָך דערלעבן במהרה בימינו, אַז עס וועט הערשן שלום און אחדות צווישן פּרעזידענטן, גבאים, שמשים, רבנים און ביי כל־ישראל אויף דער גאַנצער וועלט פאַר אַלע צייטן, אמן.

דערווייל אָבער, איידער עס קומט אָן די דאָזיקע גאָלדע־נע צייט, לאָמיר זיך הייסן געבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע לאָקשן־קוגל און לאָמיר זיך טרייסטן מיט דער טרייסטונג, אַז ערגער קאָן שוין ניט זיין און אַז בעסער האָט קיין שיעור ניט.

לייגט, ביטע, צו דאָס אויער צו דער ערד, וועט איר הערן די שטים פון נביא: נחמו, נחמו . . .

נחמו, נחמו . . .

דער טראַדיציאָנעלער שבת פון טרייסט, וואָס קומט זיך יעדן יאָר אין דער זעלביקער צייט און טרעפט שטענדיק אריין אין די גרויסע היצן.

ס'איז שווער זיך צו טרייסטן, ווען דער שווייס באַדעקט אייער שטערן, עס פעלן פשוט די פיזישע כוחות צו האָבן אַ „גוד טיים" מיט די טייערע טרייסט־ווערטער פון דעם וועלט־באַרימטן לעקטשורער, נביא און פילאָזאָף ישעיה, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע טרייסטערס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.

מיט אַ שבת פריער איז די לאַגע געווען אַ סך ערגער, ווי איר ווייסט. עס איז געווען דער שבת פון טרויער, שבת חזון, און דערזעלביקער נביא האָט גערעדט גאָר אַנדערע רייד. פון לעצטן שבת ביז היינטיקן שבת איז אַ חילוק ווי פון טאָג צו

נאַכט. „ידע שור קונהו", האָט אונז דער נביא געקיבעצט לעצטן שבת, ווי איינער רעדט: אָן אָקס האָט מער שכל פון אייך, איר פּיפּערנאָטערס! דערנאָך האָט ער אונז געסטראַשעט אין גאָט'ס נאָמען, אַז ער וועט פון אונז מאַכן אַש און בלאָטע, ער וועט פאַרניכטן אונזערע שטעט, פאַרברענען אונזערע קאָלאָניעס און אויסרייסן אונז מיט'ן וואָרצל...

אָט אַזוי אָ, מיט אַזעלכע רייד.

אָבער היינט איז דער טאָן אַ גאַנץ אַנדערער. ניטאָ מער דער שוים אויף די ליפּן, ניטאָ דער כעס אין הארצן, די אויגן זיינען ווייכער, דער שטערן מילדער און די ווערטער זיינען געלאַסן און מחיה'דיק און טרייסטנדיק.

נחמו, נחמו עמי — אַזוי האָט געזאָגט גאָט אליין.

און עס צעגיסט זיך דער שטריינגער נביא אין אַ פּאָעטישער שפּראַך און ער זאָגט, זאָגט ער:

„אויף אַ הויכן באַרג שטייג אַרויף, דו אַנזאָגערין פון ציון, הייב אויף דיין קרעפטיקע שטים, דו אַנזאָגערין פון ירושלים — האָב קיין מורא ניט... אָט וועט גאָט קומען מיט שטאַרקייט און זיין אָרעם וועט געוועלטיקן און וועט אייך אַנטקעגן טראָגן זיין שכר... פונקט ווי אַ פּאַסטוך זיין טשערעדע, אַזוי וועט זיין האַנט איינזאַמלען די לעמעלעך און אין זיין שוים וועט ער טראָגן די יונגע און די שוואַכע..."

איז דאָך גוט? קיין בעסערע „באַלפור דעקלאַראַציע" האָט אונז, דאַכט זיך, קיינער נאָך ניט געגעבען, אָבער וואָס קומט דערפון ארוים, אַז אפילו די שענסטע, פּערלדיקסטע ווערטער פון דעם גרעסטן נביא, זיינען אויך ניט מער ווי — ווערטער...

שטראָף-ווערטער און טרייסט-ווערטער בלייבן ווערטער...

די מאָדערנע צייט קאָן ניט לעבן מיט ווערטער. היינט-צו-טאָג מוז מען פאַרקאַטשען די אַרבל און עפּעס טאָן. ווען ישעיה

האָט געלעבט איז געווען געגנוג אַן אָנזאָגערין פון ציון, אין דער היינטיקער צייט מוז מען האָבן אַן אָנשלאָגערין פון ציון . . .

די העכסטע מאָראַל פון אונזער יאָרהונדערט איז אַ „פּאַנטש אָן דהי נאָוז”, אַ זעץ אין די ציינער איז די העכסטע עטיק, און אַ שאָס פון אַ קאַנאָן איז דער שטאַרקסטער „נחמו, נחמו” . . .

יאָ, הייליקער נביא, ס׳איז אַנדערע צייטן. אַמאָל האָט מען געדאַרפט דאָס וואָרט, היינט מוז די וועלט האָבן דאָס בלוט...

נחמו, נחמו עמי.

# די פאָרכטיקע טעג



## זיי קומען

הכלל, ס׳איז קיין שפּאַס.

די ימים-נוראים׳דיקע טעג קומען טאַקע אָן, און אַט, איידער מען קוקט זיך אום, וועט איר שטיין מיטן טלית איבערן קאָפּ און בעטן ביי דעם רבונו של עולם, אז ער זאָל אויף אייך רחמנות האָבן און אייך געבן אַלץ וואָס ער באַזיצט: א גוט ביסעלע פּרנסה, געזונט, א שנת חיים, עשירות, כבוד און אַלע אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס כביכול האָט אין סטאָק פאַר ניי-יאָר פּרעזענטן צו זיינע אויסדערוויילטע אידן.

פאַרשטייט זיך, אז „פון אויבן" וועט מען אויך האָבן אַביסל טענות צו אייך. איר זענט דאָך עפּעס א שטיקל בעל-חוב, ניט איינמאָל דורכן יאָר, האָט איר אַריינגעכאַפּט אַן עבירה׳לע, ניט אַלעמאָל האָט איר געהאַנדלט ווי אַן אָנשטענ-דיקער מענטש, זייער אָפט האָט איר ניט דערזען אַן אויס-

געשטרעקטע האנט, וואָס האָט זיך צו אייך געצויגן, גאנץ אָפּט האָט איר אָפּגעטאָן א שטיקל ארבעט, וואָס איז געווען ניט צו גאָט און ניט צו לייט.

און, ווי איר ווייסט, איז אלץ פארשריבן געוואָרן אויף אייער חשבון, אלץ פארצייכנט אויף דער „דעביט" זייט פון אייער „אקאונט", און איצט, ווען איר קומט און פארלאנגט א „באָנוס" צום סוף פונם אלטן יאָר און צום אָנהויב פונם נייעם יאָר, וועט מען ערשט מוזן באטראכטן, וואָס מען קאָן טאָן מיט אייך.

דערווייל ווייסן מיר ניט, וואָס מען וועט אייך צו׳פּסק׳ענען אין די דאָזיקע פארכטיקע טעג, מיר פון אונזער זייט, קענען אייך בלויז גאראנטירן א שנת חיים, אויב איר וועט זיך נאָר אויסהיטן פון די אויטאָמאָבילן...

## סליחות

דער דעמאָקראטישער קאנדידאט פאר פּרעזידענט און אויך דער רעפּובליקאנישער האָבן שוין ארייגעשיקט זייערע „לשנה טובה׳ס" צו די אַמעריקאנישע אידן.

א דאנק.

עס פעלן אונז נאָך די ניי־יאָר באגריסונגען פון דעם סאָ־ציאליסטישן און פון דעם קאָמוניסטישן פּרעזידענט קאנדידאט.

מיר ראָטן די צוויי לעצטע ניט צו וואַרטן אויף דער לעצ־טער מינוט. מיר, אידן, האָבן זייער ליב, אז פּאָליטישנס קושן אונזערע בייבים ערב עלעקשאָן און ווינשן אונז אן אל־דאָס־גוטס ערב ראש השנה.

היינט ביינאכט גייען מיר צו סליחות. מיר האָבן איבער־געלייענט אלע אדווערטייזמענטס וועגן די חזנים, און מיר

זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג אז יעדער חזן איז דער גרעסטער, בעסטער, פיינסטער מאַן און פאַמיליען־פאַטער מיט כאָר־באַגלייטונג.

אגב, האָבן מיר אויך באַמערקט, אז די חזנים האָבן גענו־מען נייע בילדער מיט פארשיידענערליי יאַרמולקעס. גרויסע יאַרמולקעס, קליינע יאַרמולקעס, שמאָלע יאַרמולקעס און ברייטע יאַרמולקעס, יאַרמולקעס מיט זילבערנע צויטן און יאַרמול־קעס מיט גאָלדענע בענדער.

נאָכפאָלגנדיק די „עדים" איינעם נאָכן אנדערן האָבן מיר אויך איינגעזען, אַז וואָס קלענער דער חזן, אַלץ גרעסער די יאַרמולקע, און פאַרקערט, וואָס דאָס באַווייזט נאָכאַמאָל, אז מען קאָן ניט שאַצן מענטשן לויט די קליידער, וואָס זיי טראָגן.

אָבער מיט אלע זייערע חסרונות, איז דאָס חזנים־פאָלק זייער א וואויל פאָלק, און מיר האָבן זיי ליב ס'לעבן.

היינט ביינאכט ווערט געשטעלט דער ערשטער טאָן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, פאר דעם נייעם סעזאָן. אלע אידן וועלן זיך א לאָז טאָן קעגן דעם רבונו של עולם און אים „באַלאַגערן" מיט דיזעלביקע שבחים און מיט דיזעלביקע בקשות, וועלכע דער גוטער גאָט קען שוין פון אויסווייניק. אלע אידן דאַווגען פון איין מחזור, אלע אידן שלאָגן זיך דעמ־זעלביקן על־חטא, אלע אידן וויינען איבער דעמזעלביקן ובכן תן פחדך...

אָבער געדולדיקע אויערן האָט דער אויבערשטער אין הימל, ער הערט און שווייגט און קוקט אראָפּ מיט רחמנות אויף זיין פאָלק ישראל, וואָס צאָלט, נעבעך, די לעצטע עטלעכע דאָלער פאַר אַ טיקעט אין שול אריין צו הערן דעם באַרימטן און גרעסטן חזן מיט זיינע משוררים.

יאָ, מיר זיינען א גרויס פאָלק און מיר האָבן א גרויסן גאָט.

היינט ביינאכט דאַרף פּאַרקומען דער גרויסער „סעיל״ אויף טיקעטס, אָבער דאָס הענגט שוין אָפּ דערפון, וואָס פאר א „סוקסעס״ דער חזן וועט מאַכן. איז דער חזן א גוטער, וועט די הכנסה זיין א גוטע, איז אבער דער חזן ניט קיין גוטער, וועט שוין די שול היינטיקס יאָר קיין מאַרטגעדזשעס ניט באַצאָלן... אלץ שטייט אויפן חזן: אי א גוטער „סעיל״ אי א גוט יאָר.

די חזנים אליין שניידן זייערע פּרייזן. וואָס עלטער דער חזן, אַלץ ווייניקער נעמט ער. די ווידזשעס גייען פּונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון די יאָרן. און סיי-ווי-סיי לאָזן די שול-בודזשעטן ניט צאָלן קיין גרויסע ווידזשעס, און די גבאים טראַכטן ביי זיך, אַז די גאַנצע וועלט שניידט בודזשעטן, מעגן זיי אודאי שניידן.

און ווען דער חזן שרייט, נעבעך: „הנשמה לך והגוף שלך,״ איז ער שוין געוואוינט צו די צרות, די נשמה מיטן גוף זיינען „פארפאָונט״ ביים רבונו של עולם, אבער ווידזשעס, זעט איר, קען ער אזוי לייכט ניט מקריב זיין...

אָבער דער גאַנצער ענין מיט שולן, חזנים און בכלל כלי קודש וועט באַלד איינגאנצן ארונטער פון מאַרק. אַט לייען איך אין אן ענגלישער צייטונג וועגן א נייער אידישקייט, וואָס א געוויסער ראַביי וויל איינפירן.

די דאָזיקע אידישקייט הייסט נעאָ-חסידיזם, וועלכע באַצוועקט צו „טעאַטראַליזירן״ אידישקייט, סצענירן דעם חסידיזם. טאָמאַשעווסקי האָט עס שוין איינמאָל פּרובירט מיט זיינע „תורהלעך״ און „פינטעלעך״, און עס איז אים געלונגען צו האָבן גרויסע הכנסות אין זיין טעאַטער. עס האָט אפשר געהאַט א גוטע ווירקונג אויפן המון אויך, ווייל דער המון האָט שטאַרק געפּאַטשט בראַוואָ, ווען ער, טאָמאַשעווסקי, איז ארויסגעקומען אויף דער בינע מיטן תורהלע, באַלויכטן פון א שטאַרקן „ספּאָט-לייט״ און האָט געזונגען דאָס ליד, אז די „טאָורע איז די בעסטע סחאָ-רע.״

דער דאָזיקער ראַבײ באַצוועקט דיזעלביקע זאַך, נאָר פאַרן בעסערן עולם, פאַר די אינטעלעקטועלן. ער וויל זײ באַווייזן, אַז מען קאָן אויסטאַנצן אידישקייט מיט באָרוויסע פיס, אַז דורך שענערע מאַלערײ, מוזיק און דראַמע קאָן מען באַפעסטיקן די אידישע אמונה.

„נעאָ-חסידיזם”, זאָגט דער ראַבאַי, וויל אַרײנדרינגען אין דער נשמה פון מענטשן דורך זײנע פינף חושים, און ער גלויבט, אַז דאָס אידישע פאָלק וועט דורך דעם געראַטעוועט ווערן פאַר זײן גאָט.

מײן בראָנקסער פעטער האַלט ניט פון די אַלע זאַכן. ניט מער ווי נאַרערײ זײנען אָט די אַלע באַוועגונגען, זאָגט ער. מען נאַרט זיך אַלײן אָפּ און מען נאַרט יענעם אָפּ. אמונה איז אַ טיפער ענין, און אַז מען האָט אמונה, האָט מען זי, און אַז מען האָט זי ניט, וועלן די אַלע באַבסקע רפואות ניט העלפן.

ווען אַ פרומער איד וויל בעטן צו גאָט, טוט ער עס אין אַן אָפּגעריסענעם בית המדרש׳ל, אָדער אַפילו בײ זיך אין דער היים; עס פעלט אים גאָר ניט אײן, אַז ער וואָלט געקאָנט ווערן נאָך מער פרום, ווען ער זעט טאַנצן אַן אשה מיט באָר-וועסע פיס. ווען אַ איד איז אָבער ניט פרום, וועט עס גאָר ניט העלפן. פאַרקערט: דאָס טאַנצן פון אַ באָרוועסער אשה קען נאָך צעשטערן די מחשבות, ר״ל.

בײם בראָנקסער פעטער הייסט עס: חזיר געפּרעגלט אין כשרע פעטס, בלײבט חזיר, אַפילו ווען עס טראָגט אַזאַ „פענסי” נאָמען ווי נעאָ-חסידיזם...

## סליחות — די גרויסע מיד-נאַיט שאָו

מודעה רבה — אַן אויפרוף צו אַלע אידן!

איר זענט געבעטן צו קומען הײנט בײנאַכט צו דעם יערלעכן מוזיקאַליש-דראַמאַטישן פעסט-שפּיל, וואָס רופט זיך סליחות. פאַרזאַמלט זיך, ביטע, פונקט צוועלף אַזײגער בײ-

נאַכט און נעמט מיט זיך מיט אביסל חרטה אויף אייערע עבירות; נעמט אויך מיט זיך מיט אַ ווייך האַרץ און פלענטי טרערן, כדי מיר זאָלן קאָנען אָנהייבן אויף אַ ווירדיקן אופן דעם סעזאָן פון תפילה און תשובה.

די פאַרזאַמלונג וועט פאַרקומען אין אייער שול אָדער אין אייער בית־המדרש אָדער אין אייער „מאַש־רום". דער גרויסער עמוד־קינסטלער, דער וועלט־באַרימטער ר׳ אַזוי־און־אַזוי, וואָס האָט אַ שטים ווי אַ לייב און איז דערצו אַ טאַטע פון זעקס קינדער, וועט זאָגן די סליחות. דאָס קליינע אינגעלע מיט דעם „אַלטל" וועט זאָגן „הנשמה לך," און דער פאַריער מיט דער באַסאָווער שטים, וואָס האָט געקראָגן אַ דזשאָב אין כאָר פאַר די ימים נוראים, וועט אים ענטפערן „והגוף שלך."

עס איז קיין צווייפל ניט, אז מען וועט שטאַרק קעמפן היינט אויף דער נאַכט (ווי אַלע יאָר) וועגן דעם „הנשמה לך והגוף שלך," דער חזן אליין איז קיינמאָל ניט שוה בשוה מיט דעם דאָזיקן פסוק. ער גיט זיך געוויינלעך אליין אן ארגומענט וועגן דעם ענין אין די שענסטע טענער — אַ טאָן ארויף און אַ טאָן אַראָפּ. פאַרשטייט זיך, אז ער איז מסכים, אז דעם גוטן גאָט געהערט אַלץ: אי די נשמה, אי דער גוף, אָבער אז ער הייבט זיך אָן צו באַרעכענען, זעט ער, אז עפּעס הינקט דאָ אונטער, די לאָגיק האלט ניט אוים. מילא, „הנשמה לך" איז זיכער אַלראַיט, וואָרים צו וועמען דען געהערט דעם בידנעם מענטשנס נשמה, אויב ניט צו זיין ליבן נאָמען? נאָר טאָמער געהערט דער גוף אויך צו דעם אויבערשטן, טאָ ווי קומט עס, וואָס דער גוטער גאָט שפּייזט ניט אָט דעם דאָזיקן גוף ווי עס דאַרף צו זיין און דער חזן אליין מוז נעבעך גיין און זוכן ברויט מיט פוטער פאַר ווייב און קינדער?

דרייט זיך טאַקע דער חזן ארום דעם דאָזיקן פסוק נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל. דאָס „אַלטל" קומט נאָכאַמאָל אַרוים מיט אַ דין קולכל „הנשמה לך" און דער באַס בורטשעט אים אנט־

קעגן (דער באַס איז אַ לינקער און אַ לינקער מוז בורטשען): „והגוף שלך", אָבער צו אַן אויסגלייך קומט עס ניט... דער חזן קאָן נאָך אַלץ ניט פאַרשטיין פאַרוואָס ער מוז דאָס האַנד־לען מיט די בלוטזויגערס, די גבאים, פאַרוואָס ער מוז זיך אויס־עסן ס'האַרץ און שפּילן פּאַסקודנע פּאָליטיק כדי צו קריגן אַ שטעלע, אַז דער גוף געהערט גאַרניט צו אים.

פונדעסטוועגן פאַרשטייט דער חזן זיין שליחות. ער ווייסט אַז ער ווערט דאָ אַרויסגעשטעלט אַלס דער אַדוואָקאַט ביי דעם גרויסן משפט, פאַר וועלכן מיר אַלע דאַרפן זיך שטעלן. די „קעיס" איז שוין צוגעגרייט געוואָרן מיט לאַנגע דורות צוריק, דער חזן אָבער דאַרף נעמען און ווידערהאָלן די אַלע טענות און בקשות, מיט וועלכע מיר, די אָנגעקלאָגטע, קומען פאַר דעם ריכטער־שטול של מעלה.

אַמאָל ווען אידן איז געגאַנגען גוט אין אַמעריקע, פלעגן זיי גוט באַצאָלן דעם חזן פאַר דער „פאַרטיידיקונג", אָבער היינט, אַז עס גייט די אידן שלעכט אין אַמעריקע, ווערט די־דאָזיקע פאַרטיידיקונג געמאַכט בחצי חינם, און זייער אָפט בלייבט מען דעם חזן שולדיק אפילו דאָס ווייניק ביסל געלט, וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט.

דער חזן, ווי איר ווייסט, האָט אַ קורצן סעזאָן. ביי קלאָוקס, למשל, איז עס אינגאַנצן אַנדערש. דאָרט — ווי עס מאַכט זיך. אַמאָל איז עס אַ לאַנגער סעזאָן מיט אָווערטיים, און אַמאָל איז עס אַ קורצער סעזאָן אָן אָווערטיים. דער חזן אָבער ווייסט אין פאָראויס, אַז מער ווי פון סליחות ביז נעילה קאָן זיין סעזאָן אפילו אונטער די בעסטע אומשטענדן ניט אָנהאַלטן. און דערפאַר מוז ער אַריינכאַפּן אין די עטלעכע טעג, אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. אויב איר זענט אַ ביזנעסמאַן, קאָנט איר פאַרשטיין זיין לאַגע און סימפּאַטיזירן מיט אים.

און צו די אַלע זאַכן ווערט מיט יעדן יאָר די צאָל פון די דאַווענערס קלענער, אידן זיינען אַ קאַפּעטשקע מיד געוואָרן

פון תפילות און פון חזנים. דער ביז איצטיקער רעפּערטוּאַר פון תפילות האָט ניט קיין אָנציאונגס-קראַפט און אין א וועלט, וואָס בייט זיך מיט אַזאַ שנעלקייט, איז שווער אָנצוהאלטן דעם אידן ביי טראַדיציע און אלטערטום. ער זוכט אַ נייעם אויסדרוק אין תפילה, פּונקט ווי ער זוכט להבדיל, בין טומאה לטהרה, א ניי לידל אין טעאַטער.

כאָטש גיי און גיב אים יעדן יאָר א פּריש-צאַפּלדיקן שמע קולנו...

צום גליק זיינען אָבער נאָך פאַרט געבליבן אביסל אידן, וואָס קומען פאַר דעם רבונו של עולם אין די דאָזיקע פאַרכטיקע טעג און זוכן א תיקון פאַר זייער נשמה. פאַראַן אידן, וואָס וואַרטן אפילו אויף די הייליקע טעג, כדי זיך אָפּצורייידן פון הארצן און לייכטער מאכן דאָס געוויסן. זיי פילן זיך זיכערער אין דער „אָנוועזנהייט פון גאָט" און זוכן שוץ אין די העכערע וועלטן. פאַראַן אָבער אידן, וואָס — בע-מע! זיי זיינען ניט אַהין און ניט אַהער, אָבער זיי לאָזן זיך פונדעסטוועגן ניט אריין אין פולשטענדיקע הפקרות. זיי דאַוונען אפילו ניט מיטן גאַנצן הארצן, אָבער זיי מורמלען נאָך פון יוצא וועגן. עפּעס טוט זיי א צי אין שול אריין, כאָטש זיי ווייסן אליין ניט פאַרוואָס. פאַראַן נאָך אידן, וואָס קומען זיך דערמאָנען אָן די קינדערשע יאָרן, ווען מען איז געשטאַנען לעבן טאַטן אין בית-מדרש און מיטגעוויינט מיט אים. דעם טאַטנס קרעכץ פלעגט דאָך די נשמה ארויסנעמען און ביים „לאל עורך דין" איז ער דאָך — מיינע שונאים — שיער אין חלשות ניט געפאַלן. זיינען טאַקע די ימים נוראים'דיקע טעג די בעסטע צייט צו ווערן צוריק אַ קינד און איבערלעבן אין זכרון יענע מאָמענטן פון געלייטערט-קייט אין אלטן בית-המדרש לעבן אלטן טאַטן. פאַראַן אבער אידן, וואָס אנטלויפן אינגאַנצן פון דער שול און זוכן דאָס ביסל גשמיות אין די נאַכט-קלובן, רחמנא לצלן, און פון אָט די דאָזיקע אידן קאָן דער חזן קיין לעבן ניט מאַכן, אפילו ווען ער זאָל פאַרוואַנדלען דעם „שמע קולנו" אין א מאָדערנעם דזשעז...

היינט ביינאַכט איז די „מיד-נאַיט" פּרעמיערע פון רעלי־גיעזן סעזאָן, דער סופרים-קאָורט אין הימל פאַרזאַמלט זיך צו די יערלעכע זיצונגען און אויב איר וועט ניט אויסלייזן אייער נשמה, וועט מען אייך שמייסן אין גיהנום איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, אַז דער רוח וועט אייך נעמען.

און דאָס וואָס איר זאָגט, אַז אייך אַרט ניט, וואָס עס וועט מיט אייך פּאַסירן נאָכן טויט, איז קיין טענה ניט, ווייל איר ווייסט דאָך אפילו ניט, וואָס עס וועט מיט אייך פּאַסירן מאָרגן — מאָרגן קאָן קומען דער פאַשיזם אהער, עס קען אויס־ברעכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע — און אין ביידע פאַלן וועלן די סליחות זיין דער קרבן. די סאָציאַלע רעוואָלוציע דאַרף ניט קיין סליחות און צו פאַשיזם העלפט ניט קיין סליחות.

און דערפאַר — כל זמן עס איז נאָך צייט, קומט צו דער מיד-נאַיט שאָו היינט אויף דער נאַכט און דערקוויקט אייער האַרץ מיט אַ אידיש וואָרט.

## חזנים — דעם אייבערשטנס טרובאַדורן

די חזנים אָרגאַניזירן זיך יעדן יאָר פאַר דעם גרויסן קאַמף אין די מורא'דיקע טעג. ניט אַ קאַמף מיט די הימלען ח"ו, נאָר אַ קאַמף מיט די גבאים איז דאָס געוויינלעך. און איר מעגט אונז גלויבן, אַז אין דעם פּרט איז דער גבאי שטאַרקער פון גאָט.

די חזנים — דאָס זיינען גאָטס טרובאַדורן און זיי גייען איבער דער וועלט און גיסן אריין אין אידישע הערצער שיינע נגינה, וואָס האָבן, הערט איר, אַ גרעסערן ווערט ווי דזשילי מיט מאַרטינעלין אינאיינעם.

מיר האָבן ליב אידיש געזאַנג. צי מיר בעטן זיך יאָ אויס אַ גוט יאָר ביי דער פּמליא של מעלה, אָדער ח"ו ניט, דערווייל האָבן מיר אַ הנאה פון גוטער, מתיקות'דיקער מוזיק, און דאָס

איז עפּעס ווערט. קומען טאַקע אַט די דאָזיקע גאַטס טרובאַ־דורן און גיבן זייערע יערלעכע דריי קאָנצערטן, אַז עס איז אַ פראַכט צו הערן און אידן באַצאָלן פאַר טיקעטס, שטעלן אויף די אויערן, לאָזן זיך באַגייסטערן און האָבן אַן אמת׳דיקן נחת־רוח.

וואָלט דאָך דאָס געווען אַלץ אַלרייט. וואָס מער באַדאַרף אַ מענטש האָבן פאַר זיין פאַרגעניגן ווענן? לאָזט זיך אָבער אויס, אַז די חזנים מוזן, חוץ זינגען, אויך מאַכן אַ לעבן פאַרן ווייב מיט די קינדער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר און דאָס איז שוין ניט אזוי פריילעך.

קומען צו גיין די גבאים און טענה׳ן: וואו שטייט עס גע־שריבן, אַז איר חזנים דאַרפט מאַכן אַ לעבן? אַט זינגען דאָך די מלאכים שירה צו גאָט כביכול, נו, מאָנען זיי ווידזשעס דער־פאַר? דינגען זיי זיך פאַר אַ פרייז? ווילן זיי פּובליסיטי אין די צייטונגען?

זיינען אפשר די גבאים אויך גערעכט. חזנים דאַרפן זינגען לשמה, ווייל לשמה זינגט זיך גאַנץ אַנדערש. דער דאָלער איז דאָס אַלץ מחלל, מאַכט אַלץ ביליק, און ווי אַזוי קאָן דאָס אַ מענטש אָפּזינגען אַ ונתנה תוקף׳ל לשמה, אַז ער ווייסט אין פאָראויס, אַז דאָס ונתנה תוקף׳ל וועט אים איינברענגען 17 דאָלער מיט אַ קוואָרטער?

קומען אָבער צו גיין די חזנים און לייגן אַוועק זייער טענה: אמת, מיר זינגען, מיר בעטן גאָט און מיר זיינען די שלוחים פון פאָלק, אָבער וואָס זאָלן מיר פאָרט טאָן, אַז מיר קאָנען ניט שטעפּן קיין הויזן צו פאַרדינען אויף פרנסה, און אפילו אז ווען מיר זאָלן יאָ קענען — איז ניטאָ קיין הויזן און מען דאַרף ניט האָבן אונזער שטעפּן.

זיינען די חזנים אויך גערעכט. מיר קענען זייערע ווייבער און מיר ווייסן, אַז זיי קאָנען ניט מאַכן פון קיין שניי גאָמולקעס, בפרט נאָך אום זומער, ווען ס׳איז אפילו קיין שניי ניטאָ.

אחוץ דעם ליידן די חזנים זייער שטארק פון עסנגיטים, א קראַנקהייט אַזאַ, וואָס פאַרשאַרפט זייערע אַפּעטיטן, און האָבן ליב א סך צו עסן, ווייל דאָס, זאָגן זיי, איז גוט פאר זייער קול.

און יעדן יאָר האלט עס ביי אַזאַ לאַגע:

די גבאים פון די שולן ווילן, אַז די חזנים זאָלן דאַוונען.

די חזנים, ווידער, ווילן, אַז די גבאים זאָלן זיי געבן צו עסן.

סיי די גבאים, סיי די חזנים זיינען זיך גאַנץ פיינע לייט, נאָר אויף דעם איינעם פונקט קאָנען זיי זיך ניט אויסגלייכן, און דערפאר אָרגאַניזירט מען זיך און מען קעמפט א שרעקלעכן, ביטערן קאמף.

א קאַמף צווישן דער שטים און דעם מאָגן.

א דועל צווישן זינגען און עסן.

און דאָ איז נאָך די צרה גרעסער מיט דעם, וואָס אידן אַרבעטן ניט די דריי ימים-נוראים׳דיקע טעג, און זיי ווילן אודאי גיין הערן א גוטן חזן, דעם בעסטן חזן וואָס ס׳איז דאָ, אבער עס קען זיך אזוי מאכן, אז זיי זאָלן טרעפן חזנים אויף דער פיקעט-ליַין, אָדער סקעבס אין די שולן.

מיר אליין קענען אפשר הונדערט חזנים, וואָס זיינען סקעבס.

א סקעב-חזן, ווי באַוואוסט, נייט שלעכטע רעק ביי זיך אין שאַפּ דאָס גאַנצע קיילעכדיקע יאָר, און ראש השנה קומט אָט דער קאָליקע אויסבעטן א גוט יאָר פאַר א גאַנצער עדה אידן. מיר ווילן יוניאָן-חזנים, מיר זיינען אזעלכע געבראָטענע יוניאָן-לייט, אַז מיר לייגן ניט קיין תפילין אָן א יוניאָן-לייבל, וועלן מיר דאָך ניט גיין נעמען א טשענס מיט א סקעב דאַוונען אין די דריי מורא׳דיקע טעג פון יאָר . . .

לאָמיר האָפן אַז די חזנים מיט די גבאים וועלן זיך סוף־כל־סוף אויסגלייכן און מיר וועלן יעדן יאָר געניסן פון ריינער יוניאָן־ארבעט, פון וועלכער גאָט און לייט וועלן א הנאה האָבן.
אמן כן יהי רצון...

## א חזן אויף פּראָבע

באַרימט זיך פאַר מיר א חזן מיט זיין גרויסן דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט לעצטן שבת, בשעת ער האָט „געמאַכט פּראָבע" אין א ברוקלינער שול.

— פאַרשטייט איר מיך — זאָגט ער — די אידן לעקן דאָך די פינגער פון מיין דאַוונען. זיי זיצן מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס, ווען איך גיב מיר אַ זאָג אַ קדושה׳לע אָדער אַ תכנת שבת, און אַז איך ענדיק באַפאַלט מען מיך און מען „שעיקט הענדס" מיט מיר, פונקט ווי איך וואָלט געווען א קאַרוזאָ. אָט טאַקע פאַראַכטאָגן שבת איז דאָס געווען. מען האָט מיך באַשטעלט צו פּראָבע אין א ברוקלינער שול און איך בין מיר געקומען מיט דער יאַרמולקע, מיטן טלית׳ל און מיט דער שטימע גרייט צו „דערלאַנגען" ווי עס דאַרף צו זיין, ווי איך קען. איידער איך בין אָבער צוגעגאַנגען צום עמוד רוימט מיר איין דער שמש אַ סוד אין אויער, אַז איך זאָל עס מאַכן „האָרי אָפּ". די מעמבערס, זאָגט ער, האָבן פיינט אַז מען קוועטשט זיך... נו, מילא, טראַכט איך ביי זיך, וועל איך זיך ניט קוועטשן, א דאגה ביי מיר! איך קאָן דאַוונען ווי מען וויל: מיט קוועטשן און אָן קוועטשן. בקיצור, איך בין צוגעגאַנגען צום עמוד און א זאָג געטאָן, גלייך ניט מיר מיינט מען: „שוכן עד מרום וקדוש שמו". אין שול איז פלוצים געוואָרן שטיל, ווי, להבדיל, אין א גויאישן טעאַטער, און איך האָב באַלד דערזען, אַז מיין שטים געפעלט דעם עולם. אין א מינוט ארום איז ווידער אונטערגעלאָפן דער שמש און מיר ווידער א זאָג געטאָן א סוד

אין אויער: „ר׳ חיים, איר מ ע ג ט זיך אביסל א קוועטש טאָן. אייער שטים געפעלט דעם עולם און אַז די שטים איז אַלרייט מעג מען זיך קוועטשן...” בקיצור, איך האָב מיר א זאָג געטאָן אַ פיינעם „ובמקהלות”, דערנאָך א „אל אדון” און וויטער א „צור ישראל” און א „קדושה”, און וואָס זאָל איך אייך דערציילן, דער עולם איז געווען אין זיבעטן הימל. זיי האָבן, זאָגן זיי, נאָך אַזאַ חזן ניט געהאַט. דער מוסף איז געווען נאָך א גרעסערער סוקסעס.

— הייסט עס, אז איר האָט געקראָגן א שטעלע פאַר די ימים נוראים...

— ניין, די שטעלע האָט דוקא געקראָגן אַן אנדערער, א חזן מיט א בלעכענער שטים און וואָס קען ניט קיין עברי, אָבער זיין שוואָגער איז דער פרעזידענט פון שול...

## מיר האָבן פלענטי געזינדיקט

ווידעראַמאָל צעקלינגט זיך דער לאל עורך דין, ווידעראַמאָל באַווייזן זיך די משוררים מיט די קוויטשעדיקע קולות, ווידעראַמאָל שול-טיקעטס, ווידער לשנה טובה קארטלעך „מעיד אין דזשוירמעני”, ווידער באַגריסונגען פון געהויבענע ניט-אידן און ווידער א חשבון הנפש פאַר די זינד וואָס מיר זיינען באַגאַנגען, ווי-איז-מיר-און-ווינד.

דער גוטער גאָט וואָס זיצט אויבן האלט אַן אויג אויף זיינע אידן אונטן. יעדן יאָר וויל ער האָבן א חשבון פון אונזערע מעשים. ער וויל וויסן וואָס מיר האָבן אויפגעטאָן און אָפּגעטאָן. צי האָבן מיר געדאַוונט יעדן טאָג און וויפיל ווערטער מיר האָבן איבערגעהיפּט פון פּיטום הקטורת אָדער פון איזהו מקומן, צי האָבן מיר אָפּגעהיט אלע 613 מצוות, אָדער ח״ו נאָר 612, און זיינען מיר ניט טשאַסאַם געוואָרן קאָמוניסטן

אָדער רעוויזיאָניסטן און געמאכט צו שאַנד און שפּאָט זיין ליבן נאָמען.

היינט־זשע די ריין „פּערזענלעכע" עבירות, וואָס מיר זיי־נען באַגאַנגען! גאָט, זיי אונז מוחל! א קלייניקייט עבירות... וועלכער איד אָדער וועלכע אידענע האָט ניט אויף זיין אָדער אויף איר געוויסן אַביסל „פּערזענלעכע" עבירות? וויפל מאָל האָט מען דאָס געכאַפּט א טרונק בראָנפן און א „שהכל" ניט געמאכט, וויפל מאָל ניט דערזאַלצן פליש, וויפל מאָל חלה ניט גענומען און וויפל מאָל ניט אויסגעשפּיגן ביי עלינו.

און דערנאָך: וויפל מאָל האָט אַ חבר געבעטן אַ גמילת חסד, ווייל עס איז אים געווען זייער שלעכט, און מען האָט עס אים ניט געגעבן? און אז מען האָט באַדאַרפט ראַטעווען די קרובים אין דער אלטער היים, האָט מען דען זיי געראַטעוועט? מיר פלעגן דאָך אפילו די בריוו ניט ענטפערן, און אז מיר האָבן שוין יאָ געענטפערט, האָבן מיר זיי דערקלערט, אז אין אמע־ריקע איז ערגער ווי ביי זיי...

און פאַר אָט די אלע זאַכן נעמט אונז איצט דער אויבער־שטער אויפן צימבל. איצטער־אָ, באַלד, צו די ערשטע סליחות, מוזן מיר אָנהייבן מאַכן אונזער סטראַטעגישן צוג אָפּצוווענדן זיין צאָרן פון אונז. איר דאַרפט אָנווענדן דעם אלטן אויספּרו־בירטן מיטל פון אונטער'חנפ'ענען זיך צום גוטן גאָט, — שיקט אים אַרויף עטלעכע לויב־געזאַנגען: „דו ביסט אַ גרויסער גאָט, אַ חנון ורחום ביסט דו, און דו וועסט דאָך ניט באַשטראָפן דיינע קינדער, ווייל זיי אליין ווייסן ווי זינדיק זיי זיינען."

אָט, אַזוי־אָ, מיט די דאָזיקע רייד!

דער דאָזיקער „טריק" איז שוין א סך מאָל געלונגען און מען דאַרף אים „טראַיען" נאָכאמאָל...

וואָס קענט איר דאָ פאַרלירן?

## אַלטע יאָרן — אין דער ערד מיטן קאָפּ

דאָס אלטע יאָר האַלט ביי דער גסיסה. מען דערוואַרט דעם טויט יעדע מינוט! א נייער יאָר איז שוין גרייט צו פאַר־נעמען זיין אָרט!

די גרויסע לוח־דאָקטוירים גיבן צו, אַז דאָס אלטע יאָר וועט שוין מער ניט אויפשטיין פון זיין קראַנקן־בעט, און זיין לעצטע מינוט וועט קומען שפּעטסטנס ערב ראש השנה צווישן מנחה און מעריב...

מען לאָזט אונז וויסן פון פאַרטרויליכע קוועלן, אַז אידן זיינען זייער צופרידן, וואָס דאָס אַלטע יאָר טראָגט זיך אָפּ אין די אייביקייטן אריין, און עס הייסט יאַקבע, אַז קוים וועט דאָס אַלטע יאָר אויסהויכן זיין לעצטן אָטעם, וועט מען אין אלע שולן זיך צעזינגען: „ברכו את ד׳ המבורך״...

און ווען עס זאָל אויסקומען אויף מיין גורל צו מאכן א הספד איבערן אלטן יאָר, וואָלט איך געהייסן אוועקלייגן דעם בר־מנן פאַר מיינע אויגן, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרצן טוך, אַזוי אַז דער מת זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען, און איך וואָלט געזאָגט לאמר, אַזוי צו זאָגן:

„מיין טייער אַלט יאָר! מיר שטייען דאָ מיט אויפגע־הויבענע קעפּ ביי דיין אָפענעם קבר, וואָס די געשיכטע האָט פאַר דיר אויסגעגראָבן. אַזוי שנעל ווי די אידן וועלן אויס־שפּייען ביי דעם מנחה׳דיקן „עלינו״, וועט דיין נשמה שוין שוועבן צווישן ערד און הימל, און מיט א שמייכל אויף די ליפּן באַגלייטן דיך די אידן אויף דיין לעצטן גאַנג, זיי זיינען העכסט צופרידן, וואָס דיין ממשלה איז צו ענד.

„ווען דו ביזט געבוירן געוואָרן מיט א יאָר צוריק, האָבן מיר געלייגט אַביסל האָפנונג אויף דיר, אָבער דו ביסט גע־גענגאַנגען אין דיזעלבע דרכים ווי דיין טאַטע און דיין זיידע און דיין עלטער־זיידע. דו האָסט ניט אריינגעטראָגן קיין איינציקע

רעפאָרם, האָסט ניט פארלייכטערט דעם גורל פון אידישן פאָלק, האָסט ניט אריינגעטאָן א האַנט אין קאַלט וואַסער גרינגער צו מאַכן אונזער דאָליע ביי דער וועלט.

„און דערפאר טרויערט ניט דאָס אידישע פאָלק אויף דיין טויט. פאַרקערט, מיר גייען צו דיין לויה מיט א מונטער הארץ, און מיר האָפן, אז דו וועסט פארגעסן ווערן און אויסגעמעקט ווערן פון אונזער לעבן, ווייל אין א שוואַרצער שעה ביזטו געקומען און אין א שוואַרצער שעה גייסט דו אוועק.

„דאָס איבריקע פון הספד, אין וועלכן מען וועט דיר אויסרעכענען אלע דיינע אויפטואונגען מיט אלע איינצלהייטן, וועסט דו געפינען אויף די בלעטער פון דער אידישער געשיכ־טע, וועלכע פארשרייבט אלץ און געדענקט אלץ.

„גיי אין דיין רו, אלט יאָר, און האָב א ליכטיקן גיהנום...”

אויפטריט ניי יאָר!

דער קעניג איז טויט, עס לעבע דער קעניג!

באלד נאָך דער קבורה פון זיין טאַטן, וועט באַשטייגן דעם טראָן דער קרוינפּרינץ, ניי־יאָר. יונג און אומדערפארן איז ניי־יאָר, אָבער ער האָט אַ פּאָליטישן חוש, און ער וועט מן הסתם זוכן א וועג זיך צוצושמייכלען צום אידישן פאָלק, און ער וועט געווים צוזאָגן גליקן אבי מען זאָל אים מאַכן א שיינעם קבלת־פּנים אין די שולן היינטיקן ראש השנה. אלע נייע יאָרן האָבן ליב א שיינעם קבלת פנים. זיי ווילן האָבן פלענטי טרערן, קנאַקעדיקע „ונתנה תוקפ'ס” און הערלעכע „לאל עורך דינ'ס” — מאַזעסטעטיש און מיט פּאָמפּ! אַ אי־דישער ניי־יאָר וויל, אז מען זאָל אים שענקען די גאַנצע אויפ־מערקזאמקייט, ער האָט ליב, אז אלע געשעפטן זאָלן זיין צו־געשלאָסן פאר זיין כבוד־וועגן, און אַז אַלע רבנים זאָלן זיך מתעסק זיין מיט אים, האלטן דרשות, זאָגן מוסר און ווייך־מאַכן אידישע הערצער.

מיר באגריסן דאָס ניי־יאָר מיט דעמזעלבן „טיאָך״ אין הארצן, ווי מיר האָבן באגריסט זיין טאַטן און זיינע זיידעס, מיר גיבן אים אבער „דהי בענעפיט אָף דהי דאוט״, און מיר האָפן, אַז עס וועט ברייגען געזונטע מאָגנס, ווייץ אויף די ליפן און א שמייכל אין האַרצן.

אמן, כן יהי רצון.

## ימים נוראים

די שולן זיינען געפּאקט. דער עולם איז אין אַ „שטימונג״ צו דאַוונען. מען וויל „אויסגיסן״ ס׳האַרץ פאַר׳ן האַר פון אַלע וועלטן. די „שמע קולנו׳ס״ זיינען ביזי, זיי טראָגן זיך צום הימל מיט חשק און געשמאַק, אַזוי, אַז די מלאכים זיינען זיך פּשוט מחיה. איר דאַרפט וויסן, אַז די מלאכים אין הימל וואַרטן אַ גאַנץ יאָר צו הערן אָט דעם „בראָדקעסט״ פון דער ערד. זיי אליין זיינען גוואלדאָוונע זינגערס און זיי גיבן קאָנצערט יעדן טאָג פאַר דער פמליא של מעלה, אָבער אַז עס קומען די ימים נוראים, האָבן זיי ליב צו הערן, ווי אידן אויף דער ערד רייסן זיך די גאָרגלען, יעדער אויף זיין שטייגער, אָן נאָטן און אָן אַ דיריגענט. פון חזנים האַלטן די מלאכים ניט. זיי האָבן פיינט חזנים. אַז מען ל ע ר נ ט זיך אוים זינגען, איז דאָס ביי די מלאכים קיין קונסט ניט און דאָס דאַוונען איז קיין דאַוונען ניט, דערפאר אָבער ווען פּשוט׳ע אידן שרייען צו כביכול פון זייערע הערצער ארוים אָנשטאָט פון נאָטן, איז דאָס ביי די מלאכים שטאַרק אָנגעלייגט. עס איז פאַראַנען ה אַ ר מ אָ נ י ע אין די „ווילדע״ געשרייען, עס איז געזאנג פון בלוט און האַרץ, און דאָס מאַכט אַן איינדרוק דאָרט אויבן אין די הימלען. דער גוטער גאָט דאַרף אויך ניט קיין „עף שאַרפּ״ אָדער אַ „בי פלעט״ אין די תפילות; אים אַרט ניט, צי דער טאָן איז אַ פאַלשער, אַבי דאָס האַרץ איז אמת׳דיק. און אַז מען זינגט

מכלכל חיים מיט'ן ניגון פון „אאידא", אָדער אתה נגלתה מיט'ן ניגון פון „קאַרמען", האָט עס ביים אל שדי אַ קנאַפּן ווערט; ביי אים איז דער פּשוט'ער טראַדיציאָנעלער נוסח מער „באַר־גיין" ווי אַלע שאַפונגען פון וואַגנער און בעטהאָווען.

און אפילו נוסח איז ביי אים ניט קיין גרויסער אוצר, דאָס האַרץ אליין איז אויך געַנוג. גאָט האָט ליב דעם אידנ'ס האַרץ.

* * *

דעם אמת מוז מען זאָגן: אידן קאָנען געבן האַרץ, ווען זיי ווילן נאָר. ניט אַלע מאָל ווילן זיי. אָט האָב איך געטראָפן אַ אידן גיין אין שול אריין מיט אַ גרויסן טלית־זאַק אונטערן אָרעם און מיט אויגן טריבע, פאַרוויטיקטע. ער איז געגאַנגען אין שול א י נ ג א נ צ ן זיך איבערצוגעבן צו אַ העכערער וועלט, זיין נעענטער צו גאָט, זיך באַהעפטן מיט אים. עפּעס אַ מין הייליקייט האָט אים באַהויכט. מען האָט געקאָנט זען, אַז דער איד טראָגט אַנטקעגן דער פמליא־של־מעלה זיין גאַנץ האַרץ און די ריינסטע כוונות.

מיט פינף יאָר צוריק האָב איך דעמזעלבן אידן אויך גע־טראָפן אום סאַמע ראש־השנה, אָבער דעמאָלט איז ער געווען אַ גאַנץ אַנדערער מענטש. ער האָט דאַן געצאָלט פאַר אַ שול־טיקעט אַ סך מער ווי ער האָט געצאָלט הייַנטיקן יאָר, אָבער דעמאָלט האָט ער דעם שול־טיקעט ניט גענוצט. ער פלעגט פאָרן צום סטאָק־בראָוקער אין זיין „פּעקערט", און תפילות זיינען אים אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געלעגן.

מילא, דער „פּעקערט" איז שוין ניטאָ. דער סטאָק־בראָו־קער געדענקט שוין ניט זיין נאָמען אפילו. ער אליין האָט שוין אויך פאַרגעסן, אַז מען איז אַמאָל רייך געווען. געבליבן ביי אים איז בלויז דאָס ה אַ ר ץ — און אָט דאָס טראָגט ער איצט אין שול אריין, אַ מתנה דעם רבונו־של־עולם.

—ס'איז דאָ ביי מיר בלויז אַ קליין ביסל שרעק, — האָט דער איד זיך פאַר מיר פאַרטרויט בשעת איך האָב אים געטראָפן דעם ערשטן טאָג ראש השנה. — איך האָב מורא, — זאָגט ער, — אַז איך זאָל ח"ו ניט ווערן צוריק אַן עושר . . .

## טישע יעדעש, דאַלשע בודיעש

אַ מאָדנע זאַך מיט די ראש השנה'ס.

אָט קומען זיי, אָט אַנטלויפן זיי און אָט זיינען זיי ווידער דאָ.

און צווישן איין ראש השנה און דעם צווייטן ווערט מיר דערווייל צעריבן אַ יאָר, וואָס איז נאָך ניי און מען וואָלט עס נאָך געקאָנט נוצן — אָבער מ'לאָזט ניט. איך מעגט מיר גלויבן אויפן וואָרט, אַז איך האָב דאָס פאַרגאַנגענע יאָר אפילו גוט ניט אָנגעקוקט; מען האָט עס ביי מיר צוגענומען, איידער איך האָב נאָך אָפילו צייט געהאַט צו באַצאָלן פאַר די שול־טיקעטס פון לעצטן ראש השנה — פשוט פון אונטער די הענט ארויסגעריסן.

אַז איך הויב אָן נאָכצוקלערן, וואָס איך האָב געטאָן מיט דעם פאַרגאַנגענעם יאָר, ווערט מיר לײדיק אין קאָפּ — איך געדענקט קיין זאַך ניט. אלץ איז פאַרנעפּלט, פאַרשלייערט און פאַרכמאַרעט, און קוקנדיק צוריק זע איך בלויז אַ טונקעלע מאַסע פון צייט, וואָס רוקט זיך שטום אראָפּ אין תהום אריין.

אַלץ וואָס איך געדענק יאָ איז אַ ווילדער געיעג פון טעג און וואָכן, וואָס זיינען געלאָפן און געפלויגן. איך געדענק אויך, אַז איך פלעג רייסן בלעטער פון לוח, אָבער וואָס איך האָב געטאָן צווישן איין לוח־בלעטל און דעם צווייטן, הייב איך ניט אָן צו געדענקען.

דאָס גאַנצע פאַרגייענדיקע יאָר זעט מיר איצט אויס ווי א מאַסע פאַלנדיקע בלעטער געטריבן פון אן אָסיענדיקן ווינט, ווי א מאַסנפאַרזאַמלונג פון גרויע, נעכטיקע טעג.

* * *

און נאָך אַ זאַך געדענק איך: די גאַנצע צייט זינט לעצטן ראש השנה ביז דעם איצטיקן ראש השנה האָב איך זיך ג ע־א י י ל ט. עפּעס האָב איך קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט. איך פלעג אויפשטיין אין דער פרי מיטן צוועק זיך צו איילן, און אויב עס האָט זיך געטראָפן, אז איך האָב זיך ניט געקאָנט געניג צואיילן, פלעג איך דערנאָך אויפשטיין מיט א שעה פרי־ער כדי אָנצויאָגן מיין איילעניש.

פרעגט מיך אָקאָרשט, צוליב וואָס איך האָב זיך אזוי געאיילט? בין איך אייך שולדיק אַן ענטפער. אפילו ווען איך זאָל אייך וועלן ענטפערן, קאָן איך ניט, ווייל איך אליין ווייס ניט. איך ווייס נאָר, אַז איך פלעג נאָכלויפן די טעג און די וואָכן, ווי א משוגענער הונט, און געוואָלט שטענדיק כאַפּן — וואָס? אָט טאָקע דאָס ווייס איך ניט.

זונטיק פלעג איך וואַרטן מיט אומגעדולד אויף מאָנטיק, אָבער דער מאָנטיק האָט מיך ניט צופרידנגעשטעלט, איך האָב געוואָלט זען דעם דינסטיק, וואָס איז נעענטער צום מיטוואָך. דאָנערשטיק און פרייטיק זיינען געווען ווי א בריק פאַרן שבת און מיט דעם שבת בין איך געווען אויף אַזויפיל צופרידן, וואָס ער האָט מיך געבראַכט נעענטער צו זונטיק.

און איצטער־אַ, ווען עס קומט א ניי יאָר און אידן האָבן זייערע חשבונות מיט זייער באַשעפער, וויל איך צושטעלן מיין חשבון אויך. איך וויל באַווייזן דעם שופט צדק, אַז אַלע אָפּגע־לעבטע יאָרן מיינע זיינען אפילו קיין האַלבע יאָרן ניט געווען, און אַז ער דאַרף מיר אומקערן כאָטש א טייל פון זיי. דער גוטער גאָט וועט דאָך ניט וועלן כאַפּן באַרגיינס ביי מיר.

ניט נאָר איך און אלע אנדערע אידן, נאָר דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער פאָלק לעבט „בחפזון" — אין איילעניש. דער גרעסטער טייל פון די 120 מיליאָן מענטשן אין אמעריקע איז אין שטענדיקער איילעניש. די נייע וועגן, וואָס ווערן געבויט איבערן לאַנד, ווערן געבויט אַזוי, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט דער פולער מאָס פון „ספיד". די אויטאָמאָבילן ווערן אויך געמאַכט אַזוי, אַז זיי זאָלן ממש קאָנען „איינשלינגען" די ברייטע, גלאַטיקע האַיוועיס, און דער מענטש, וואָס זיצט ביים רעדל, מוז, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט, זיך צופאַסן צו דעם געבאָט פון „ספיד", וואָס אמעריקע לייגט אויף אים אַרויף.

פון די עראָפּלאַנען איז אָפּגערעדט. דאָס פליען אליין איז דאָך א גרויסער ענין, אָבער דאָס שנעל פליען איז דער סאַמע עיקר.

די נייע וועלט האָט קיין צייט ניט. זי וויל אַריבעריאָגן זיך אליין. לויפט זי איבער בערג און טאָלן און איבער ימים און פאַלט איבער אירע אייגענע פיס. די קרבנות ווערן שנעל אָפּגעראַמט פון וועג, און די וועלט לויפט ווייטער צו דערגרייכן איר ציל. אָבער שנעלקייט האָט קיין מאָס ניט. עס האָט ניט קיין אָנהייב און האָט ניט קיין סוף. אויב איר האָט דערגרייכט איין מדרגה פון שנעלקייט, וואַרט שוין אויף אייך א צווייטע מדרגה, און אויב אייך דוכט זיך, אַז איר האָט שוין דערגרייכט די סאַמע העכסטע מדרגה פון שנעלקייט, קומט א צווייטער און מאַכט עס מיט א „פּאָינט" שנעלער פון אייך.

און אַזוי אָן א סוף.

איר געדענקט דאָך אודאי די מעשה פון דעם הייליקן סאַמבאָרער רבין, זכר צדיק לברכה. ווען זיינער א חסיד איז אַמאָל געקומען צו אים (דאָס איז געווען מיט א סך יאָרן צוריק) און אים דערציילט דעם גרויסן וואונדער, אַז מען בויט א באַן פון סאַמבאָר קיין לעמבערג, האָט דער רבי, זיין זכות

זאָל אונז ביישטיין, אָנגעקוקט דעם חסיד מיט פאַרוואונדערטע אויגן:

— אַ באַן? — האָט דער רבי איבערגעפרעגט — צו וואָס דאַרף מען אַ באַן?

— פאַרשטייט איר מיך, הייליקער צדיק — האָט דער חסיד געענטפערט — ביז אַצינד האָט עס גענומען דריי טעג צו פאָרן פון סאַמבאָר קיין לעמבערג מיט פערד און וואָגן, איצטער, אָבער, וועט מען מיט דער באַן קאָנען פאָרן פון סאַמבאָר קיין לעמבערג אין בלויז דריי שעה צייט.

דער צדיק האָט אַ צי געטאָן מיט די פּלייצעס און זיך אָנגערופן מיט געלאַסנקייט:

— זאָג מיר נאָר, כ׳בעט דיך, שוטה איינער, ו ו אָ ס א י ז ד י א י י ל ע נ י ש?...

איצטער־אָ, אַז איך האַלט אין באַגעגענען אַ ניי יאָר, און איך ווייס אפילו ניט, וואו דאָס אַלטע איז מיר אהינגעקומען, הייב איך אָן צו באַגרייפן, אַז דער סאַמבאָרער צדיק איז אַפּנים געווען אַ קלוגער איד. טאַקע יאָ, וואָס איז די איילעניש? אפשר ווייסט איר? — איך האָב קיין צייט ניט צו טראַכטן וועגן איילעניש — איך איל זיך...

## עשרת ימי עבירה

רבותי, מען דאַרף תשובה טאָן, און איך בין טאַקע גרייט תשובה צו טאָן, נאָר איך ווייס ניט ווי אזוי.

איך בין זיך מודה: איך ווייס ניט ווי אזוי.

איך הער שוין דאָס וואָרט „תשובה" נאָך פון דער צייט, ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר, און איך געדענק, אַז דער טאַטע, אין ליכטיקן גן־עדן איז ער, האָט מיר געוואָרנט, אַז

איך זאָל תשובה טאָן, ווייל איך בין א זינדיקער בחורל, און איך האָב אים צוגעזאָגט, אז איך וועל, נאָר איך האָב אים אָפּגענאַרט, ווייל איך האָב שוין דעמאָלט ניט געוואוסט ווי אַזוי מען נעמט זיך דערצו און ביז אויף דעם היינטיקן טאָג ווייס איך ניט מיט וואָס מען עסט דאָס.

מילא, וויפל איך האָב אַזוינס געזינדיקט ביי 5 יאָר און וויפל תשובה איך האָב געדאַרפט טאָן, האָט דער טאַטע גע־וואוסט בעסער פאַר מיר, אָבער היינט, ווען איך האָב שוין אליין מיטגעמאַכט אַ היפּש ביסל ווינטערן, און געגאַנגען מיט אייגענע פיס איבערן לעבן, פיל איך, אז מן הסתם האָט זיך דאָ אָדער דאָרט ביי מיר פאַרוואַלגערט א חטא'ל אין גאַנג פון די טעג און אינם לויף פון די יאָרן און איך בין גרייט תשובה צו טאָן, אָבער גיי טו, אַז איך בין אַזוי „גרין" אין דעם פּרט, ווי א בייבי.

תשובה טאָן איז פּונקט ווי שרייבן דראַמעס אָדער זיין א סטאָליאר — מען מוז עס קענען!

מיך וואונדערט נאָר, פאַרוואָס מען האָט אָוועקגעשטעלט דאָס תשובה טאָן אויף אַזאַ אומגערעכטן באַזיס. מען האָט באַשטימט צען אָפיציעלע טעג אין יאָר אויף תשובה טאָן, ניט געבנדיק כאָטש צען אָפיציעלע טעג אויף זינדיקן. אלץ מוז דאָך האָבן אַ „פּראָ" און „קאָן" אין לעבן, עס קען דאָך ניט זיין ליכט אָן שאָטן: אויב עס איז פאַראַן אַן אָפיציעלע תשובה־צייט איז, דוכט זיך, נישט מער ווי רעכט, אַז מיר זאָלן האָבן אַן אָפיציעלע חטאים־צייט — ווייל נאָר אזוי קאָנען זיך זאכן אויסגלייכן אין דער וועלט.

בין איך גערעכט, צי ניין?

און טאַקע דערפאַר פיל איך זיך אין עשרת ימי תשובה ווי א פאַרלוירענער מענטש. איך געדענק ניט, אז איך זאָל האָבן געזינדיקט און פלוצים שפּאַנט מען מיך איין תשובה צו טאָן, אָן א פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען.

יאָ, ליבע שבת-תשובה׳דיקע אידן, מיר מוזן אַביסל בייטן די קאָנסטיטוציע פון תשובה, — מיר מוזן קודם כל פאָדערן אַז „עשרת ימי עבירה,״ — וועלכע זאָלן זיך אָנהייבן, לאָמיר זאָגן, דעם צווייטן טאָג שבועות, און אין יענער צייט זאָל דער עולם מעגן טאָן וואָס ער וויל; אין די דאָזיקע צען טעג זאָל מען זיין געצוואונגען צו ברעכן איינס פון די צען געבאָט יעדן טאָג און דערנאָך ווען עס וועלן קומען די צען תשובה טעג, זאָל זיין אויף וואָס חרטה צו האָבן.

וואָס שטאַרקער עס וועלן זיין די עבירות, אַלץ שטאַרקער וועט זיין די תשובה, און דערפאַר וועט מען טאַקע מוזן אכטונג געבן, אַז די „עשרת ימי עבירה״ זאָלן דורכגעפירט ווערן הונ-דערט פּראָצענט, און מ׳וועט מוזן אכטונג געבן, אַז דער עולם זאָל ניט אונטערפאַנפען, ניט אָפּנאַרן, נאָר טאַקע זינדיקן ווי עס באַדאַרף צו זיין, מיטן פולן האַרצן, ווייל בלויז דורך שטאַרקע עבירות קאָן די תשובה דערנאָך זיין א סוקסעס.

תשובה מוז האָבן א „כנגד״, אַניט וועט זי באַנקראָטירן סוף-כל-סוף, עס וועט איר פעלן אָנשטויס, עס וועט איר פעלן חשק און ווילן זיך צו האַלטן.

מען דאַרף האָבן עשרת ימי עבירה — אָפיציעל און קאָנ-סטיטוציאָנעל — אָט וואָס מען דאַרף!...

## אין הונדערט יאָר אַרום

די דאָזיקע ווערטער ווערן געשריבן מיט הונדערט יאָר שפּעטער, אין דעם יאָר 2037, לויט דער קריסטלעכער צייט-רעכענונג, אקוראַט אום ערב ראש השנה.

דער שרייבער פון די דאָזיקע ווערטער געפינט זיך איצט אין הימל, אין א קאַבינע צווישן גן-עדן און גיהנום, ווייל ער קען זיך דערוויל ניט צושלאָגן צו א בעסערער דירה.

די דירה־טראָבלס דאָ זיינען זייער אַנגעווייטיקטע. אין דעם גן־עדן געגנט קאָסט א וואוינונג זייער טייער. דאָס איז איינס. צווייטנס, מוז מען צאָלן גרעפּט כדי זיך אריינצוכאַפּן אויף יענער זייט גרעניץ, צום גיהנום... אלע פּוסט־און־פּאסטניקעס האָבן זיך באַזעצט אין גן־עדן און עס איז דאָרטן זייער נודנע; דער אמת געזאָגט, איז די גרעניץ־וואוינונג אקוראט ווי געוואונטשן פאַר אַזאַ מת ווי איך. מיטן רעכטן אויג קען איך באטראכטן אלץ וואָס עס טוט זיך אין גיהנום, און מיטן לינקן אויג קוק איך אריין אין גן־עדן וויפל מיין האַרץ גלוסט. אַ צייטונגס־מענטש האָט ליב צו קוקן איבעראל.

עס איז זייער אינטערעסאנט צו באַטראַכטן, ווי אזוי דער הימל האָט סוף כּל סוף דערגרייכט דאָס גרויסע אידעאל פון גלייכהייט, אָן קלאַסן־קאַמף. אמת איז, אז עס זיינען דאָ פאַראַן עטלעכע מתים, וואָס ווילן מאַכן „טראָבל”, אָבער אַלץ וואָס זיי טוען, קלעפּט זיך ווי אַן ארבעס אָן דער וואַנט. איך ווייס ניט צי אייער דור געדיינקט אים נאָך, אָבער דאָ געפינט זיך א געוויסער מת מיט דעם נאָמען יוסף בּאראנדעס. איז דער דאָזיקער באראָנדעס א גוואַלדיקער קאָך־לעפל. ער האַלט דרשות פאַר דער חברה מתים, און רעדט זיי איין, אז זיי וואָלטן זיך געדאַרפט „בונטעווען”, אָבער די מתים הערן אים ווי די קאַץ. אַלע מתים זיינען זייער גלייכגילטיק. דאָ אנומלטן איז אים איינגעפאלן א נייע אידעע: צו שאַפן א הימלישע יוניאָן, און די אויפגאבע פון דער דאָזיקער יוניאָן דארף זיין צו „דיס־אָרגאַניזירן” אלע כחות, וואָס זיינען פאַראַן. ווי געזאָגט, העלפן זיינע רייד, ווי א טויטן באנקעס, ווייל פונקט ווי אויף אייער ערד, איז אויך דאָ ניט מעגלעך צו אָרגאַניזירן א יוניאָן אָדער וואָס־ניט־איז, אויב עס איז ניטאָ קיין שטארקע אָפּאָזיציע. באראנדעס האָט יעדן פרימאָרגן הארץ־ווייטיק, ווען ער זעט ווי אב. קאַהאַן און אָלגין שפּאַצירן געאָרעמט און באַריידן די ווייבערישע מתים. זיי באטייליקן זיך אויך צוזאמען ביי די פּארמיטיק „עקסערסייזעס”. ווען מען זאָל זיי קענען אָפּרייסן

איינעם פון דעם אַנדערן און מאַכן אַ שלעכט לעבן צווישן זיי, וואָלטן מיר דאָ אויך זיך געקאָנט „דערלעבן" צו אַ שטיקל סקאַנדאַל. אָבער זיי גייען שטענדיק צוזאַמען. און ווי מען גיט מיר איבער פון פאַראַנטוואָרטלעכע קוואַלן, פּלאַנעווען זיי אונטערצוקויפן צוויי מלאכים'לעך און אויסנאַרן ביי זיי זייערע פליגל. זייער גרויסער אידעאַל איז צו שטיין אין כאָר מיט אַלע אַנדערע מלאכים און זינגען שירה צו דער פמליא של מעלה. מען צווייפלט אבער, צי דאָס וועט זיי געלינגען, ווייל אפילו די ביליקסטע מלאכים-פּאָליטישנס ווילן זיך אויך ניט שיידן מיט דעם גרעסטן אוצר, וואָס זיי פאַרמאָגן — זייערע פליגל.

אָבער ניט וועגן דעם האָב איך אייך געוואָלט דערציילן. נעכטן זיינען אָנגעקומען עטלעכע פרישע מתים און מען האָט זיי באַזעצט אין אַ קאַבינע לעבן מיר. די דאָזיקע מתים האָבן אָנגעהויבן צו דערציילן די נסים פון דער ערד און איך בין נשתומם געוואָרן הערנדיק צו וואָס פאַר אַ מדרגה מיין אַמאָליקע וועלט איז דערגאַנגען.

אָט דערציילט מיר אַ מת, אַז די מענטשן אויף דער ערד באַנוצן זיך איצט מיט דער אַזוי-אָנגערופענער „סינטעטישער" שפּייז. יעדער מענטש, זאָגט מיר דער מת, טראָגט מיט זיך אַ פּעקעלע פּילן אין זיין וועסטל-קעשענע, און ווען ער וויל עפּעס עסן, נעמט ער ארויס אַ פּיל, וואָס דאָס סטייעט אים פאַר אַ גאַנצן מאָלצייט.

אויב אַ חזן וויל, למשל, פאַר מוסף אריינכאַפּן אביסל „העם און עגם" און אַ טעפּעלע קאַווע, דאַרף ער זיך גאָרניט אָנשטריינגען, ער דאַרף ניט קריכן אין גויאישע רעסטאָראַציעס; ער נעמט בלויז ארויס אַ פּיל און ער האָט צופרידנגעשטעלט זיין פאַרלאַנג.

אַ יונגער מת'ל (ערשט נעכטן געקומען) האָט מיר דערציילט אַ געשיכטע וואָס האָט מיך גאָר פאַרוואונדערט. ער

זאָגט מיר, אַז אויך קינדער ווערן געבוירן „סינטעטיש". און עס איז העכסט אוממאָדערן, ווען אַ פרוי האָט קינדער מיט איר אייגענעם מאַן. עפּעס הייסט עס ביי אייך דאָרטן „יודזשע-ניקס", וואָס דוכט זיך אַפילו גאָט אין הימל ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט.

דאָס אינטערעסאַנטסטע, וואָס דאָס מת'ל דערציילט מיר איז, אַז צוליב די „סינטעטישע" שפּייזן איז אין גאַנצן אָפּגע-שאַפט געוואָרן אַגריקולטור. מען זייעט ניט און מען שניידט ניט. פון אַלע פעלדער האָט מען געמאַכט גרויסע פּאַרקס, און יונגע פּאָרלעך האָבן פּלענטי פּלאַץ וואו צו ראָמאַנסירן.

אַ אידישער מת, וואָס איז דאָ אַרויפגעקומען מיט עטליכע וואָכן צוריק, האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אידישקייט האָט אָנגענומען גאַנץ אַנדערע פאָרמען. ראש השנה און יום כפור דאַוונט מען שוין מער ניט אין שול, ווייל עס זיינען מער קיין שולן ניטאָ. איין איינציקער חזן זינגט זיינע „סוירוויסעס" פופצן מינוט דורך דער ראַדיאָ, און די גאַנצע וועלט הערט אים. אָבער כאָטש מען דאַוונט ניט, דערציילט מיר ווייטער דער מת, איז אָבער אַלץ פאַראַן אַ חזנים-פאַרבאַנד מיט אַ חזנים-פּראָבלעם. יעדן יאָר פאַר די ימים נוראים קריגט מען זיך און מען האַלט מיטינגען, און מען באַקלאָגט זיך אויף דעם צושטאַנד פון חזנות, און ווען עס קומען אָן די ימים נוראים, שטעלט זיך אַוועק איין איינציקער חזן אויף פופצן מינוט צייט און ער איז דער שליח ציבור פאַר כל ישראל.

די גרעסטע איבעררעשונג האָבן מיר דאָ געהאַט, ווען מען האָט אונז דערציילט אַז מען האָט שוין אויסגעטריקנט דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן, און מען האָט געמאַכט פון אים אַ בולוואַר, און אַז פון אַמעריקע קיין אייראָפּע קען מען פאָרן אין אַן אויטאָמאָביל אין דריי שטונדן צייט. די מענטשן וואָס פליען מאַכן די שטרעקע אין אַכט-צען מינוט צייט. אַ סך היגע מתים האָבן ניט געוואָלט גלויבן, אָבער אַלע וואָס קומען אַרויף דערציילן דיזעלבע געשיכטע.

מען האָט אונז אויך אהער ארויפגעבראכט די ידיעה, אז דער ציוניזם אנטוויקלט זיך זייער שטארק אין די גלות לענדער, און אז נאָך דער וועלט-מלחמה אין דעם יאָר 1998 האָט ענגלאנד צום צווייטן מאָל איבערגענומען דעם מאַנדאַט איבער ארץ ישראל און צוגעזאָגט צו שאַפן אַ היימלאַנד פאַר אידן. ביז איצט, דערציילט מען ווייטער, האָט נאָך ענגלאנד קיין סך ניט אויפגעטאָן.

א מאָסקווער מת האָט אונז דערציילט, אז זינט עס איז אונטערגעגאנגען דער באָלשעוויזם אין רוסלאנד, האָבן אידן אביסל פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער אַלע ווילן זיי נאָך אַלץ פליען אין אמעריקע.

רומעניע — הערן מיר — איז אונטערגעגאַנגען, אָבער אידן שלאָגט מען דאָרט נאָך ווי אין די אַמאָליקע יאָרן.

לואי מאַרשאַל, וולכער ווערט דאָ פאררעכנט פאר א זייער פראָמינענטן מת, איז געווען שטארק אויפגערעגט, ווען מען האָט אים געבראַכט די נייעס, אַז די קריסטלעכע בירגער פון ניו יאָרק האָבן געפּאָדערט, אז מען זאָל ארויסנעמען דאָס בילד פון אלבערט איינשטיין, וואָס איז דאָרט איינגעקריצט געוואָרן ביי אן ארייננאנג פון קירך מיט א הונדערט יאָר צוריק. ער האָט געוואָלט געבן א קלאַפּ אין טיש, אָבער די האַנט האָט געטראָפן אין א וואָלקן, און מען האָט געהערט בלויז א קליי-נעם דונער. דערזעלבער לואי מאַרשאַל איז אויך שטארק ברוגז, ווען ער זעט דאָ פארבייגיין ביי די טויערן פון גן עדן האנס הערצלען, וועלכער האָט מיט אַן ערך פון הונדערט יאָר צוריק זיך גע׳שמד׳ט און דערנאָך זיך גענומען דאָס לעבן. האנס וואוינט שטענדיק אין גן-עדן, ווייל ער האָט ספּעציעלע פּריווי-לעגיעס, וועלכע ווערן דאָ אָנגערופן „זכות אבות״.

מיר האָבן דאָ אַ טשיקאַווון מת׳ל, וואָס האָט אויף דער ערד געהייסן משה נאַדיר. דער דאַזיקער נאַדיר-מת זיצט גאנצע

טעג און זאָגט תהלים, שטענדיק גייט ער אַרום אַ פאַרזאָרגטער און איז אין כעס, למאי די תכריכים האָבן ניט קיין קעשענעס.

און ווייטער — נאָר, דוכט זיך, גענוג געדרייט אייך אַ ספּאָדיק. אָט קומט טאקע אָן אַ פּאָסט־עראָפּלאַן און איך שיק אייך אַרונטער די עטלעכע איינדרוקן פון אַ בעסערער און שטילערער וועלט, אַ וועלט, וואו מען ליידט ניט פון צוקער־קראַנקהייט און ניט פון גאַל־שטיינער און וואו עס פליט אייך ניט איבערן קאָפּ די זעקסטע עוועניו „עלעווייטעד״.

גריסט דאָרט מיינע אור־אייניקלעך, וואָס גייען מן הסתם אַרום און שילטן זייער עלטער־עלטער זיידן, למאי ער איז גע־בוירן געוואָרן אַ איד...

## זינדיקן איז אָל־רייט, מען דאַרף אָבער חרטה האָבן

חרטה האָבן איז אַ גרינגע זאַך.

אָט האָט איר אָפּגעזינדיקט אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר און מיר צען חרטה־טעג וועט איר אַלץ אָפּווישן. ס׳געוויסן ווערט ביי אייך ווידער ריין, ווי עס וואָלט נאָר־וואָס אַרויס פון אַ טערקיש־באָד, דאָס געמיט ווערט לייכט, דער קאָפּ אויסגע־לייטערט; און די אויגן הייבן שוין באַלד אָן זוכן אַ טראָפּעלע נייע זינד...

ביי אידן איז לייכט צו באַגיין אַ חטא. אָבער עס איז פּונקט אַזוי לייכט צו האָבן חרטה. שטעלט אייך פאָר אַזאַ מין זאַך: איר האָט צוגע׳גנב׳עט אַ לאַבן ברויט און איר האָט בשעת מעשה געוואוסט, אַז גנב׳ענען טאָר מען ניט — אַ בפירוש׳ער געבאָט „לא תגנוב״. אָבער אַז די „קיים״ קומט פאָר פאַר דער פּמליא של מעלה, און אייערע ליפּן מורמלען ווער־טער פון חרטה און אייער אויג פאַרגיסט אַ טרער, גיט באַלד

דער שופט צדק א וואונק צום מלאך ביי דער רעכטער זייט, און יענער פארשרייבט: „סוספענדעד סענטענס.״

פאר דערזעלבער גנבה וועט אייך א ליאדע מעדזשיסטרייט אין א ניו יארקער געריכט געבן דרייסיק טעג פריזאן.

מיינט איר דאך, אז חרטה קאן בלויז אפווישן אזא קליי־נעם חטא ווי צו׳גנב׳ענען א לאבן ברויט — האט איר א טעות. אויב עס איז נאר נוגע דעם הימלישן געריכט, מעגט איר צו־גנב׳ענען א פאר פערד, בא׳גנב׳ענען א באנק, אן „עלעקשאן״ אדער אפילו צו׳גנב׳ענען יענעמס ווייב — עס וועט אייך גאר ניט שאדן. אין די „צען טעג״ קאנט איר זיך באפרייען פון אלע עבירות, אויב איר האט נאר א חוש פאר חרטה. דער ליבער גוטער גאט פארקוקט מיט חסד אלע זאכן, אויב איר מאכט נאר דעם קלענסטן פארזוך פאר חרטה. ווארים וואס איז דען דעם רבונו של עולם א חילוק, צי איר האט די פאר פערד אדער יענער האט די פאר פערד, צי איר האט די באנק אדער יענער האט די באנק — סיי־ווי־סיי געהערט אלץ צו אים, און דער בידנער מענטש באנוצט זיך מיט די אלע זאכן בלויז אויף דערווייל.

דער אייבערשטער ווייסט גאנץ גוט, אז כי לי הכסף ולי הזהב — אלץ איז זיינס. נאר אזוי ווי דער לעבעדיקער מענטש דארף זיך מיט עפעס שפילן, האט ער אונז אויסגעבארגט זיינע אוצרות, און מיר האבן דערווייל א „גוד טאים״... אזוי שנעל אבער ווי די שעה שלאגט אן און מ׳דארף אוועקגיין פון דעם דאזיקן וועלטל אונזערן, קאן מען גארנישט מיטנעמען, ווייל — מען לאזט נישט! די אלע אוצרות, וואס דער גוטער גאט האט אונז אויסגעבארגט, גיט ער באלד אוועק צו אנדערע, צו די וואס קומען נאך אונז. און זיי שפילן זיך מיט זיי א שטיקל צייט, און ס׳איז ווידער די אייגענע מעשה — זיי מוזן זיי אויך איבערלאזן.

און דערפאר איז אייגנטלעך ניט פאראן אזא זאך ווי גנבה. עס איז פאראן בלויז א מין כאפעריי. איר כאפט און יענער

כאַפּט. אָבער צונעמען קאָן עס קיינער ניט. איר מעגט אפילו זיין ראקעפעלער אליין, קאָנט איר ניט האָבן קיין אייגנטום און קיין עשירות, אזוי שנעל ווי דער מלאך המות באווייזט זיך אויף דער שוועל.

און אז עס קומען די עשרת ימי תשובה, און איר קלאַפּט זיך אין האַרצן פאר גנבה און גזילה, שמייכלט מען דאָרטן אין הימל אונטער די וואָנצעס, ווי איינער רעדט: ווילסט חרטה האָבן? האָב! עס קאָן גאָר ניט שאדן. אָבער זיי וויסן, ברו־דערקע, אז גע'גנב'עט האָסטו גאָרנישט; ניט מער, דו מיינסט, אַז דו האָסט גע'גנב'עט, דער אמת אָבער איז, דו האָסט געכאַפּט און פאר כאַפּן קומט דיר קיין שטראָף ניט...

אידן האָבן אין אלע זייערע יאָרן געכאַפּט. זיי האָבן גע־כאַפּט מן פון הימל, זיי האָבן געכאַפּט א קאַפּיטל תהלים, זיי האָבן געכאַפּט שיריים ביים רבין, זיי האָבן געכאַפּט פּעטש פון דער וועלט. נו, קומט זיי א שטראָף דערפאַר?

נעווער!

חרטה איז אָבער א שיינער ענין, סיי־ווי־סיי. עס מיינט גאָר ניט, נאָר שיין איז עס. איך קען א אידן, וועלכער האָט געפירט א טאָג־בוך פון זיינע חטאים אין דעם פארגאנגענעם יאָר. יעדן טאָג האָט ער אויף זיין לוח פאַרשריבן די זינד, וואָס ער פלעגט באַגיין. קיין איינציק בלעטל פון דעם לוח איז ניט געווען ליידיק. פאַרקערט, ער פלעגט שרייבן מיט דריבנע אותיות'לעך, און עס האָט קוים געסטאַיעט פלאַץ. פאַר'ן גרעסטן חטא האָט ער מער פון א שורה ניט אוועקגעגעבן. און ווען עס איז געקומען ערב ראש השנה, האָט ער דעם לוח פאַר־ברענט און א וואונק געטאָן צו די הימלען, אז ער האָט חרטה...

געמיינט האָט ער, אַז עס וועלן זיך ארונטערלאָזן דונערן און בליצן אויף זיין קאָפּ, בשעת ער האָט אריינגעלייגט דעם לוח אין פייער אריין, אָבער אנשטאָט דעם — זאָגט ער מיר —

האָט ער געהערט אַ בת־קול פון הימל, וואָס האָט מיט פייער־לעכקייט אויסגערופן צו אים:

— חיים בן משה! פאַרגעס אָט די חטאים, וואָס דו ביסט באַגאַנגען אין דעם לעצטן יאָר. קויף אַ נייעם לוח און שרייב ווייטער...

גאָט — זאָגט ערגעץ אַ פסוק — האָט ליב חרטה. אויב איר האָט, למשל ארונטערגעריסן אַן עפּל פון סטעפּאַנ׳ס בוים און איר האָט זיך מיט דעם עפּל דערקוויקט אום סאַמע תשעה באב, וויל דער גוטער גאָט, אַז איר זאָלט חרטה האָבן אויף אייער שריט. ער פאַרגינט אייך דעם עפּל, ער ווייסט, אַז דאָס האַרץ האָט בײַ אייך געח׳לש׳ט, ער פאַרשטייט, אַז איר זענט דאָך ניט מער ווי אַ זינדיקער מענטש, אויף וועמען דער יצר הרע האַלט שטענדיק אַן אויג. אבער חרטה וויל ער. אַן עפּל אום תשעה באב איז זיך איין זאַך, און חרטה — אַ צווייטע. ס׳איז ניט הפקר פּעטרישקע. האָסט דו תשובה געטאָן אויף דעם עפּל פון איין תשעה באב, מעגסטו שוין אויף דעם חשבון עסן אַן עפּעלע אום תשעה באב פון צווייטן יאָר.

די טענה איז אַ גערעכטע און האָט נאָך דערצו אַ גרויסע מאָראַל. מ׳דאַרף ניט זיין קיין אייביקער בעל־חוב. באַצאָל יעדן יאָר וואָס דו ביסט שולדיק. קריג אַרויס אַ באַשטעטי־קונג מיט דעם זיגל „גמר חתימה טובה” און ווער ווידער אַ נייער בטוח. מיטאַמאָל איז שווער אָפּצוצאָלן. און מען טאָר ניט פאַרציען קיין חובות אין דער לאַנגער באַנק אריין.

מיט די הימלען איז גוט צו האַנדלען אין דעם פּרט. עס איז זיך לייכט אויסצוגלייכן. אַ קלאַפּ אין האַרצן, אַ תפילה׳לע, עטלעכע געשמאַקע טרערן, און דער גאַנצער חשבון בין אדם למקום איז געסעטלט.

ס׳איז בלויז שווער צו האַנדלען מיט מענטשן. זיי זיינען צו קלוג, צו כיטרע, און האָבן צופיל לאָיערס, צופיל ריכטער און ריידן צופיל וועגן יושר און גערעכטיקייט. מיט דער פמליא

של מעלה אָבער איז אַ מחיה. מאַך אַ פויסט און מיט דער פויסט גיב א קלאַפּ אין הארצן און זאָג „חטאתי", און — עווערינטינג איז אָ־קעי.

און דערפאַר זאָג איך: זינדיקן מעג מען, אָבער חרטה האָבן מוז מען.

## שבת שובה

פארגעסט ניט אָן שבת שובה. מאַכט אייך אַ קניפּל, ביטע.

שבת שובה. מילא, וואָס מיר האָבן אַלע אָפּגעדאַוונט אין די צוויי ראש־השנה טעג איז פאַרפאַלן. אויף אונזער טיקעט האָבן מיר געמעגט דאַוונען וויפל מיר האָבן געוואָלט, אָבער געדענקען מוז מען, אַז חוץ דאַוונען דאַרף מען אויך תשובה טאָן, ווייל תפילה אָן תשובה איז ווי אָן אייערקיכל אָן אייער.

און אַז איר ווילט וויסן, איז תשובה מער ווי תפילה. יעדער איינער קאָן אָפּמורמלען עטלעכע תפילות און פּטור, תשובה אָבער פאָדערט שוין קרבנות אויך. אָט האָט איר אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר געגעסן העם־סענדוויטשעס, נו? קאָנט איר דען אַזאַ חטא אָפּווישן מיט עטלעכע תפילות? נעווער! איר מוזט תשובה טאָן! און אפילו ווען איר וויסט אין הארצן, אַז באַלד נאָך יום־כפּור וועט איר ווידער עסן העם־סענדוויטשעס (איר זענט געוואוינט דערצו נאָך פון פינטשעוו), דאַרפט איר כאָטש אין די צען תשובה־טעג ברענגען אַ קרבן און ניט עסן קיין חזיר־פלייש. און אַז איר קאָנט ניט ביישטיין דעם נסיון און איר מוזט עסן חזיר אפילו אין די עשרת ימי תשובה, טאָ זאָלט איר כאָטש אַכטונג געבן, אַז איר זאָלט דערפון קיין הנאה ניט האָבן. אויף אַזוי פיל מוזט איר זיך מקריב זיין.

און דער בראָנקסער פעטער האָט אַ גוטע עצה פאַר די אַלע חזיר־פרעסער. זיין טענה איז, אַז מען דאַרף ניט עסן דוקא

חזיר-פלייש, כדי צו געניסן פון טרפות, מען קאָן, זאָגט ער, עסן כשר פלייש פון געוויסע בוטשער-שעפּער, וואָס איז פּונקט אַזאַ טרפות ווי העם.

איר ווילט טרפות? זאָל זיין טרפות! אָבער זאָל כאָטש אַ איד מאַכן אַ לעבן דערביי . . .

* * *

און היינט-זשע צדקה, דאָס קאָן מען אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. תפילה און תשובה זיינען אודאי אָל-ראיט, אָבער צדקה איז דער אמת׳ער ענין.

ערשטנס, איז צדקה אַ „קעש פּראָפּאָזישאָן" און דאָס אליין איז שוין ווערט געלט; צווייטנס, איז צדקה אַן אַלט-איינגע-פונדעוועטע אינסטיטוציע ביי אידן, וואָס עקזיסטירט כמעט משׁשת ימי בראשית.

דאָס אידישע פאָלק איז צעטיילט אויף צוויי חלקים: איין חלק גיט, דער צווייטער נעמט. די צרה איז נאָר, וואָס די חלקים זיינען ניט גלייך — ס׳איז דאָ מער נעמערס ווי געבערס.

מיר זיינען אַן אָרים פאָלק, און אַז מען גיט אונז ניט אויף שבת, האָבן מיר ניט.

אַמעריקאנער אידן זיינען די גרעסטע צדקה-געבערס. אַ סך גיבן לשם צדקה און אַ סך לשם פּובליסיטי, אָבער מען גיט, ווער מער און ווער ווייניקער. דריי מיליאָן אידן אין פּוילן לעבן פון אַמעריקע. דריי מיליאָן אידן אין רוסלאַנד האָבן געקראָגן און קריגן איצט פּלענטי געלט פון אַמעריקע. ארץ ישראל נעמט געלט פון אַמעריקע. רומעניע און אַלע אַנדערע גלות-לענדער וואָלטן דערשטיקט געוואָרן ווען ניט אַמעריקע.

תשובה, תפילה און צדקה — דאָס זיינען די „דריי אידישע מוסקאַטירן" און אויף זיי האַלט זיך דאָס ביסל אידישקייט, וואָס עס איז נאָך פאַראַנען אויף דער וועלט.

און דער בראָנקסער פּעטער האָט זיך זיין טענה: פון תשובה האַלט ער גאָרניט, פון תפילה האַלט ער ווייניק, און פון צדקה וואָלט ער אויך ניט געהאַלטן, ווען איך זאָל אים ניט צושיקן פון צייט צו צייט די עטלעכע דאָלער...

צדקה, זאָגט ער, איז גוט פאַר אידן, אָבער נאָר פאַר די, וואָס קאָנען נעמען און ניט האָבן קיין האַרצווייטיק דערביי.

## אין די עשרת ימי תשובה

זינט מוצאי ראש השנה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די רעגיסטראַציע פון עבירות, גייט דער גאַנצער הימל כאָדאָ־ראָם.

אַן ערך פון 16 מיליאָן אידן האָבן שוין רעגיסטרירט זייערע עבירות, און אַזוי ווי 16 מיליאָן אידן האָבן ווייניקסטנס אַ ביליאָן עבירות, קאָנט איר זיך שוין משער זיין, וואָס פאַר א „ביזי" עס הערשט אין אַלע זיבן הימלען.

צוזאַמען מיט זייערע עבירות האָבן די 16 מיליאָן אידן אויך געמאַכט אַפּליקיישאָנס פאַר א שנת חיים און די מלאכים מוזן איבערקוקן יעדן אַפּליקיישאָן באַזונדער, איידער זיי שטעלן אים צו צו דער פמליא של מעלה. ערב יום כיפור, ווי איר ווייסט, מוז אַלץ זיין גרייט, ווייל די אַפּליקיישאָנס ווען דאַן געשטעלט ווערן צום יום־הדין.

נו, נו, טוט זיך עס אביסל אין די הימלען!

די מלאכים־קלויערקס האָבן איצט דאָס שווערסטע שטיקל אַרבעט, און ס'איז באמת א רחמנות צו קוקן אויף זיי, ווי זיי לויפן אַרום איבער די הימלען מיט פאַרשוויצטע שטערנס, פאַרקאַטשעטע פליגלען און מיט בלייפעדערס הינטער די אויערן — אָט מעקט מען און אָט שטעלט מען און אָט קוקט מען נאָך

צו אימיצער פון די 16 מיליאָן האָט טשאַסאָם ניט פאַרדרייט די פאַקטן אין זיין אַפּליקיישאָן.

דער הימלישער אָפּיס איז אפילו איצט איינגעאָרדנט לויט די לעצטע מאָדערנע מעטאָדן. עס איז פאַראַן א „קאַרד-סיסטעם" מיט אַן אינדעקס סיי פון אלע חטאים, סיי פון אלע אידן, וואָס זיינען זיי באַגאַנגען. אָבער דאָס מאַכט אלץ די ארבעט ניט לייכטער, ווייל די צייט איז אַזוי פאַרדאַמט קורץ! צווישן ראש השנה און ערב יום כפור מוז די גאַנצע ארבעט ווערן פאַרטיק. ס'איז נאָך אַ מזל, הערט איר, וואָס די מלאכים געהערן ניט צו קיין יוניאָן.

דער סניגור, וועלכער פירט-אָן די פאַרטיידיקונג פאר די 16 מיליאָן אידן ביי דעם יום הדין זיצט איצט פאַרשלאָסן צווישן צוויי וואָלקנס, און לאָזט קיינעם ניט צו צו זיך. דער סניגור איז שטאַרק באַזאָרגט, ווייל ער פילט, אַז ער וועט האָבן אַ שווער שטיקל ארבעט ביי דעם גרויסן פראָצעס. דערווייל האָט ער ארויסגעשיקט זיינע אסיסטענטס, אז זיי זאָלן איבער-קוקן די „טריפה'נע" אַפּליקיישאָנס און זוכן וואו מעגלעך אַ „פּאָינט" פאר דער פאַרטיידיקונג.

דער קטיגור ווידער, וועלכער דאַרף אָנקלאָגן דאָס אידישע פאָלק ביים יום הדין, שפּאַצירט זיך איבער די הימלען מיט פאַרלייגטע פליגל פון הינטן און שמייכלט צו זיך אליין. ער איז צופרידן, וואָס עס קומט דער יום-הדין און א געפיל פון זיכערקייט שפּיגלט זיך אָפּ אויף זיין גאַנצער געשטאַלט.

דער שמייכל אויף זיין פּנים ווערט אָבער פאַרגליווערט פון צייט צו צייט. אים געפעלט ניט וואָס אברהם, יצחק און יעקב מאַכן אין דער איצטיקער צייט צו אָפטע שפּאַצירן איבער די הימלען. וואו מען זייעט זיי ניט, גייען זיי אויף. ער ווייסט אפילו, אַז די דריי אבות מיט די לאַנגע, ווייסע בערד האָבן ניט קיין אָפיציעלע דעה ביים משפט, אָבער שטילערהייט און אומאָפיציעל מיען זיי זיך פאר דעם און פאַר יענעם. עס זיינען

שוין געווען פאַלן, ווען די דעלעגאַציע פון די דריי אבות האָט זיך געשטעלט פאַר דעם כסא הכבוד אליין און געפאָדערט חסד פאַר עפּעס א פּעדאַיעצער אידן — כאָטש ער איז געווען שולדיק הונדערט פּראָצענט.

היינט-זשע די צדיקים, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין הימל פון צענדליקער דורות! זיי זיינען אן אמתער „ניוסענס". אַזוי ווייניקסטנס טראַכט דער קטיגור. ער קען זייער פּנים ניט אָנקוקן. ווען עס קומען אָן די עשרת ימי תשובה ווערן זיי רעגעלע פּאָליטישענס. זיי קויפן אונטער די מלאכים מיט א גוט וואָרט, און זייער אָפּט שנאָרן זיי אויס א שנת חיים פאַר אידן, וואָס פאַרדינען מיתה ערשטן גראַד. די דאָזיקע צדיקים האָבן „פּול" ביי אלע הימלישע טשינאָווניקעס און שרייען אָפּ איין „קאָנוויקשאָן" נאָך דער אַנדערער.

פאַראַן אין הימל איין אידל, וואָס איז ווי א דאָרן אין דעם קטיגור'ס אויגן. דאָס דאָזיקע אידל הייבט אָן ווערן „ביזי" באַלד ראש חודש אלול און ביז הושענא רבה מאַכט ער קיין אויג ניט צו. רק ער לויפט אַהין און אַהער און רק ער האַלט „ספּיטשעס" פאַר'ן פאָלק ישראל. זיין נאָמען איז לוי יצחק בערדיטשעווער. ווען דער הימל וואָלט זיך צוגעהערט צו אַלץ וואָס ער זאָגט, וואָלט מען אַלע אידן אַוועקגעזעצט אויף גאָל-דענע שטולן, און מען וואָלט זיי געגעבן דאָס אייביקע לעבן. ניטאָ ביי אים קיין איינציקער איד וואָס איז קיין צדיק ניט. אפילו א משומד להכעיס איז ביי אים אויך א איד, און ער איז גרייט פאַר אים צו שפּרינגען אין פייער אריין.

דער קטיגור ווערט שטענדיק מלא כעס, ווען ער באַגעגנט זיך מיט לוי יצחק בערדיטשעווער. ער האָט אים פיינט בתכלית השנאה. ער קאָן אים פּשוט ניט אָנקוקן.

מיינט איר דאָך, אז ר' לוי יצחק מאַכט זיך א צימעס פון קטיגור. א נעכטיקער טאָג! ער האָט אים זיבן איילן טיף אין הימל. יעדעס מאָל ווען עס קומט אים אויס זיך צו באַ-

געגענען מיט'ן קטיגור אויג אויף אויג, שטעלט אים ר' לוי יצחק ארויס א לאַנגע צונג, ווי איינער רעדט: טו מיר עפּעס, פּאַסקודנאַצי וואָס דו ביסט!

ס'איז, כ'לעבן, געווען שיין צו קוקן ווי ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט ערשט היינט אינדערפרי זיך אָנגענומען די קריוודע פון אַ געוויסן רב. דער דאָזיקער רב האָט גע'כשר'ט אַ בוטשער, וועלכן מען האָט געכאַפּט ביים פאַרקויפן טריפה'נע לעבער אלס כשר.

מיט דעם דאָזיקן רב איז געווען א שטיקל סומאַטאָכע אין הימל. די מלאכים איז ניט געפעלן געוואָרן די טאַקטיק זיינע — אַ רב זאָל אָפּטאָן אַזאַ פּאַסקודנע זאַך!

— נו, איז וואָס? — האָט ר' לוי יצחק בערדיטשעווער אָנגעהויבן צו שרייען. — מה רעש? א קצב איז ניט מער ווי א מענטש — אין קצב בארץ שלא יחטא — יעדער מענטש מעג אַמאָל מאַכן א טעות.

— אָבער סטייטש! — האָט זיך אָנגערופן א מלאך פון דער זייט — אַ קצב מעג טאַקע אַמאָל זינדיקן אויך. אָבער דער דאָזיקער קצב האָט דאָך פאַרקויפט טריפה'נע לעבער, און אַ געריכט אויף דער ערד האָט אים פאַראורטיילט — טאָ וואו נעמט עס אַ רב אויף זיך די אחריות צו כשר'ן אַזאַ קצב?

— וואָס-זשע האָט איר געוואָלט — האָט ר' לוי יצחק זיך ווייטער געבייזערט — דער קצב זאָל ח"ו בלייבן אָן פרנסה?

— טאָ זאָגט מיר, ר' לוי יצחק — האָט דער מלאך ניט נאָכגעלאָזט, — פלעגט איר אויך אזוי האַנדלען, ווען איר זענט ארומגעגאנגען צווישן אידן אויף דער ערד?

— אַנדערע צייטן געווען! — האָט ר' לוי יצחק ארויסגעשאָסן און גענומען ווייטער שפּאַנען איבער די הימלען.

אָבער אַזעלכע זאַכן האַלטן ניט אָפּ ר׳ לוי יצחק בערדי־טשעווער פון טאָן זיין ארבעט אין די עשרת ימי תשובה. ער רוט ניט, ער איז נערוועז, שטענדיק האָט ער מורא, אז די הימלען וועלן קריוודן זיינע אידעלעך.

און אָט איז שוין ר׳ לוי יצחק אין אַן אַנדער ווינקל פון הימל. אָט זעט ער אַן אַלטן מלאך מיט לאַנגע פליגלען, וואָס זיצט אויף א וואָלקן און „ארבעט" איבער אַן אפּליקיישאָן פון אַ אידן, וואָס האָט געפאָדערט אַ שנת חיים. דער מלאך איז עפּעס ניט געוועזן זיכער מיט דעם אפּליקיישאָן. ער האָט ניט געקאָנט אנטשיידן, צי דער דאָזיקער איד פאַרדינט, אַז ער זאָל אים רעקאָמענדירן פאַר אַ שנת חיים ביי דער פמליא של מעלה. דער מלאך האָט אפילו ניט באַמערקט, אז ר׳ לוי שטייט ביי זיין זייט.

— וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלערן? — האָט ר׳ לוי זיך אָפּגערופן — הייסט אים פאַרשרייבן א געזונטן יאָר און פטור.

— נעווער מאַינד, — האָט דער מלאך צוריק געענטפערט, — ס׳איז ניט אַזאַ לייכטע זאַך צו אַנטשיידן. איך האָב צרות מיט דעם דאָזיקן אידן יעדן יאָר. ער בעסערט זיך קיינמאָל ניט; פאַרקערט, ער ווערט ערגער.

— וואָס איז זיין נאָמען? — האָט ר׳ לוי יצחק געפרעגט.

— צבי הירש בן דוב רובינשטיין — האָט דער מלאך געענטפערט.

— און אין וואָס באַשטייען זיינע זינד? — האָט ר׳ לוי יצחק ווידער געפרעגט.

— ער מאַכט חוזק פון אידן — האָט דער מלאך געלאַסן געענטפערט, און דערנאָך צוגעגעבן — ער דערגייט זיי אָפּט אין דער זיבעטער ריפּ אריין. און די צרה איז נאָך וואָס ביי אים איז עס כלומרשט א וויץ. אָבער די מענטשן וואָס ער

גרייפט אָן, האָבן אמת'ן צער . . . אַט אַזאַ אידן קאָן מען ניט, מיר־ניט דיר־ניט, געבן א שנת חיים. אין אזעלכע ערנסטע צייטן וואָס אידן לעבן איצט איבער טאָר מען זיי ניט שיטן זאַלץ אויף די וואונדן, מען טאָר ניט מאַכן פון זיי חוזק און מען טאָר ניט אָנווייזן אויף זייערע חסרונות. א גאנצע וועלט שטייט קעגן די אידן, און ער זאָגט זיך וויצן . . .

— רעד ניט קיין נאַרישקייטן! — האָט אים ר' לוי יצחק איבערגעריסן די רייד. איך האַלט, אַז ס'איז פונקט פאַר־קערט. בלויז ע ר נ ס ט ע רייד נעמט מען ניט ערנסט, אָבער חוזק שלאָגט שטענדיק טיפע וואָרצלען, און עס האָט א וויר־קונג צום גוטן. גאָט אַליין האָט ליב אַ גוטן וויץ! דיינע רייד זיינען פונקט דער היפוך פונ'ם אמת: דוקא דערפאר וואָס עס גייט אידן שלעכט, און דוקא דערפאר וואָס זיי האָבן צרות, איז עס א גרויסע מצוה זיי צו געבן א געלעגנהייט צום לאַכן. אידן האָבן בלויז צוויי וואָפן קעגן זייערע שונאים אוןביידע וואָפן ליגן ביי זיי אין מויל: שרייען און לאַכן. מילא, שרייען — שרייען זיי שוין צופיל, אבער לאַכן האָבן זיי זיך נאָך ניט אויסגעלערנט.

ר' לוי יצחק בערדיטשעווער האָט זיך אין דער רגע צוגע־בויגן צום מלאכ'ס אויער און אים שטילערהייט דערציילט אַ געשמאַקן וויץ. דער מלאך האָט זיך אזוי צעלאכט, אַז דער הימל האָט זיך אַזש געטרייסלט. ווען ער האָט אויפגעהערט לאַכן האָט ער זיך אָנגערופן צו ר' לוי יצחק'ן:

— טאָ וואָס־זשע זאָגט איר? מען דאַרף דעם צבי־הירש'ן געבן א שנת חיים, צי ניט?

— אודאי א שנת חיים! — האָט ר' לוי יצחק געענטפערט מיט א גוטמוטיקן שמייכל. — וואָס קאָנסטו דערביי פאַרלירן, האַ?

מיט אַט אַזעלכע שפּיצלעך ראַטעוועט דער בערדיטשעווער רבנים, וואָס כשר׳ן טריפה׳נע קצבים, און ער ראַטעוועט פּעלי־טאָניסטן, וואָס מאַכן חוזק פון די דאָזיקע רבנים.

איר שפּילט זיך מיט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער!...

## תפילה זכה

רבון כל העולמים, האַר פון אַלע וועלטן, דו, וואָס האָסט געשאַפן צוויי יצרים, דעם יצר־טוב און דעם יצר־הרע, און האָסט מיר געגעבן די ברירה אויסצוקלייבן אויף וועלכן וועג איך וויל גיין, — פאַר דיר, אָ, גרויסער באַשעפער, שטיי איך איצט מיט דעם קאָפּ געבויגן און טראָג דיר אַנטקעגן מיין תפילה־זכה און טו אויסגיסן מיין האַרץ פאַר דיר אויף די אַלע שרעקלעכע חטאים, וואָס איך בין באַגאַנגען טאָג נאָך טאָג און שעה נאָך שעה פאַר דעם גאַנצן קיילעכדיקן יאָר.

איך וויל ניט פאַרהוילן פון דיר קיין זאַך ניט, גרויסער האַר! דעם אמת און נאָר דעם אמת וויל איך דיר אויסדער־ציילן, און דו, גוטער גאָט, טו מיט מיר, וואָס דיין הייליקער רצון איז. איך האָב דיך אפילו געקאָנט אָפּנאַרן און דיר גע־קאָנט דערציילן — כ׳ווייס? אויפן הימל אַ יאַריד! איך האָב זיך געקאָנט מאַכן פאַר אַ גאַנצן צדיק, וואָס איז ריין פון זינד, ווי אַ ניי־געבוירן קינד, אָבער איך וויל עס ניט טאָן. איך וויל דערציילן דעם אמת, און נאָר דעם אמת. ערשטנס, ווייס איך דאָך, אַז דו ביסט אַ יודע מחשבות און דו זעסט און דו הערסט די פאַרבאָרגנסטע זאַכן, טאָ וואָס־זשע וועט מיר העלפן דער אָנשטעל פון אַ צדיק? און, צווייטנס, פיל איך, אַז כאָטש איינמאָל אין יאָר מוז אַ מענטש זאָגן דעם אמת, בפרט ווען קיינער, חוץ דיר, הערט אים ניט. פאַר דיר, גוטער גאָט, איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן.

רבון כל העולמים! דו האָסט מיך באַשאַפן מיט א פּאָר אויגן, אז איך זאָל קאָנען זען, וואָס עס שטייט געשריבן אין דיין הייליקער תורה. דו האָסט מיך געוואָרנט, אַז איך זאָל „ניט נאָכגיין מיינע אויגן," אויב זיי וועלן מיך פירן אויף שלעכטע וועגן, אָבער — ווהאָט׳ס דהי יוז! — איך בין דוקא יאָ „נאָכגעגאנגען מיינע אויגן" און איך האָב זיי פאראומריי-ניקט. וויפל מאָל איך בין געפאָרן אין סאָבוויי אַזוי פיל מאָל האָבן מיינע אויגן געקוקט אויף די שיינע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס פוצן זיך אומישנע אוים, אז מען זאָל אויף זיי קוקן. איך האָב מטמא געווען מיינע אויגן קוקנדיק אויף שלעכטע און וואולגאַרע פיעסן אין אידישן טעאטער; איך האָב געקוקט מיט פאַרדאַכט אויף מענטשן, וואָס האָבן פאַרדינט צוטרוי, און איך האָב געקוקט מיט צוטרוי אויף מענטשן, וואָס זיינען געווען זשוליקעס.

רבון כל העולמים! דו האָסט מיר געגעבן א פּאָר אויערן, אַז איך זאָל הערן דברי קדושה און פאַרנעמען די רייד פונ׳ם ביאַליסטאָקער מגיד און פונ׳ם זשאבנער רבין, אָבער מיינע אויערן האָבן זיך דוקא צוגעהערט צו באנקעט-רעדעס, צו אי-דישע ראַדיאָ-שטונדן און צו מאַלע וואָס מען רעדט... דו האָסט מיר געגעבן א מויל און שפּראַך, אז איך זאָל פאַרהער-לעכן דורך רייד אלץ וואָס דו האָסט אין דיין גנאָד באַשאַפן, אָבער גערעדט האָב איך לשון-הרע און דערציילט פיקאנטע וויצן וועגן מעי וועסט.

איצט-אָ, א טאָג פאַר יום-כפּור, שטיי איך פאַר דיר, באַ-שעפער מיינער, און בעט ביי דיר, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין אויף מיינע אלע חטאים, וועלכע איך קאָן יאָ ארויסשרייבן, און וועלכע איך קאָן ניט ארויסשרייבן; לאָז מיך ווייטער וואנ-דערן צווישן דעם יצר-טוב און יצר-הרע, און איך וועל אין זינען האָבן, אז מען דאַרף דעם יצר-טוב אויך אַמאָל צוואווארפן א ביינדל.

די צרה מיטן יצר-טוב איז, וואָס ער איז באַשאַפן געוואָרן ווי א שטיק סענטימענטאלע לעמעשקע, און דער יצר-הרע — דוקא פארקערט — איז שטענדיק אזוי פאַרדאַמט לאַגיש און אַזוי שעלמיש-שכל'דיק.

איך הער א פריילעכע שטים, וואָס טראָגט זיך פון די הימלען, און די שטים שושקעט מיר אין אויער אריין: „סלחתי כדבריך!"

סאַ-לאַך-טי! ...

## עס קומט דער יום-הדין

אונטן שטייען צעבראָכענע אידישע הערצער און בעטן רחמים אויף באגאנגענע און ניט-באַגאַנגענע עבירות, מען קלאַפּט מיט די פויסטן אין דער ברוסט אריין און מען גיסט בוכן טרערן. אויבן משפט מען.

אַט איז א „קיים" — איינע פון מיליאָנען, — וואָס ליגט פאַר'ן כסא-הכבוד פאַר דער פמליא-של-מעלה און וואַרט אויפ'ן משפט. דער הימלישער סעקרעטאר באַטראַכט גענוי דעם רעקאָרד פון דעם אָנגעקלאָגטן. ער שטודירט די „קיים". דער אָנגעקלאָגטער איז אַ פּשוט'ער איד, אַן אַרבעטסלאָזער מענטש, אַ טאַטע פון דריי קינדער און א מאַן פון א קראַנק ווייב. יעדן טאָג פון יאָר איז ער אויפגעשטאַנען פארטאָג, אָפּגעדאווענט (אָפטמאָל איבערגעהיפּט עטלעכע תפלות — אלץ איז פאַר-שריבן, מיסטער!) און געגאַנגען אין גאַס זוכן פרנסה. ניטאָ קיין ארבעט. יעדע טיר איז פאַרשלאָסן. מען דאַרף ניט זיין ארבעט. האָט ער זיך געמוטשעט חדשים-לאַנג, געבאָרגט, געליען, אפילו אויסגענארט געלט ביי זיינעם א לאַנדסמאַן אונ-טער פאַלשע פּרעטענזיעס, ווייל עס האָט געפעלט ברויט. ווען עס איז קיין אַנדער אויסוועג ניט געווען, איז ער אוועק צום

רעליף. דורכגעמאכט בזיונות. ער איז ניט פון די מענטשן, וואָס קאָנען נעמען רעליף. דערצו ווילן זיי דאָרט, אין אָפּיס פון רעליף, אַלץ וויסן: ווי אַזוי דער טאַטע האָט געהייסן און וויפל האָר מ'האָט אויפן קאָפּ. ס'חיות נעמען זיי ארויס. די עטלעכע דאָלער פון רעליף האָבן קוים געסטאַיעט צו באַצאָלן רענט, און רענט האָט ער געמוזט צאָלן, ווייל דער „לענדלאָרד" איז געווען א גרעסערער קבצן פון אים. מ'דאַרף האָבן ס'הארץ פון א גזלן ניט צו צאָלן רענט צו אזא „לענדלער". יענער האָט אפילו קיין רעליף ניט געקאָנט נעמען, כאָטש ער האָט געוואָלט. ער איז דערפאַר אויף טאָפּלטע צרות: אי ער איז א לענד-לאָרד, אי מען גיט אים קיין רעליף ניט. א סקאַנדאַל.

און ווייטער שטייט פארשריבן אין רעקאָרד, אז דער אָנגע-קלאָגטער האָט ווייטער געהונגערט, און אזוי ווי קיין ארבעט איז ווייטער ניט געווען, האָט ער גענומען א קעסטעלע מיט שלייקעס (הויזן-טרעגער בלע"ז) און האָט זיך ארויסגעלאָזט פּעדלען. ווילן אבער אידן, ווי אויף צו להכעיס, קיין שלייקעס ניט קויפן. ערשטנס, האָבן זיי שוין שלייקעס, און צווייטנס, זיינען די צייטן ביטער און וואָס-זשע, בלויז שלייקעס פעלט זיי? און אויב ניט קיין שלייקעס האָט דער אָנגעקלאָגטער זיך גענומען פארקויפן זייף. איז מיט זייף דיזעלבע צרה. וואָס מיר אינמיטן דערינען זייף? פרנסה דאַרף מען, ניט קיין זייף. און פונקט אזוי איז עס געגאנגען מיט די מעסערלעך, מיט די שיך-בענדלעך און מיט די קראוואטלעך. איצט שטייט דער אָנגעקלאָגטער אין שול און כליפּעט אויפן קול:

„על חטא שחטאנו לפניך במשא ומתן . . . פאַר די שליי-קעס בעט ער, אז גאָט זאָל אים מוחל זיין . . .

און דער הימלישער סעקרעטאר קוקט איבער דעם רעקאָרד נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. עפּעס איז ער ניט זיכער, וואָס ער זאָל רעקאָמענדירן צום כסא-הכבוד בנוגע דער דאָזיקער „קיים". זאָל ער רעקאָמענדירן „סקילה, שרפה, הרג וחנק," אָדער אפשר

גאָר א „שנת חיים ופרנסה" — דער סעקרעטאר וויים ניט וואָס צו טאָן.

דער כסא-הכבוד אָבער שמייכלט געמיטלעך, ער הייסט זיך דערלאנגען עטלעכע טראָפּן פון דעם אָנגעקלאָגטנס טרערן און באַטראַכט זייער קלאָרקייט און זייער ביטערקייט, און דער־נאָך רופט ער צו דעם הימלישן סעקרעטאר און זאָגט צו אים בזה הלשון:

„פארשרייב פאַר דעם דאָזיקן אָנגעקלאָגטן און פאַר'ן גאַנצן כלל-ישראל, וואָס געפינט זיך פונקט אין דערזעלבער לאַגע ווי ער — א שנת חיים."

„נו און פרנסה?" פרעגט דער מלאך מיט נייגעריקייט.

„פרנה, פרנסה..." טראכט דער כסא-הכבוד, יאָ, פרנסה איז טאקע א וויכטיקע זאַך, אָבער קודם-כל גיב זיי א שנת חיים, טאָמער גיט מען די אידן אי א שנת חיים אי פרנסה, פארגעסן זיי שנעל אָן גאָט...

און אָט אַזוי-אָ מוטשעט מען זיך פון יאָר צו יאָר, — ווי איז מיר.

# די קערה

(ווענן בוימער־פּאָגראָם אין ארץ ישראל, זומער 1936)

ערגעץ אין א קליין שטעטל אין גאַליציע האָט א איד אריינגעוואָרפן א גראָשן אין א טעלער...

ס'איז געווען ערב יום-כפור. דאָס שטעטל — אָרים און דערשלאָגן א גאַנץ קיילעכדיק יאָר — איז איצט געווען איינ־געהילט אין נאָך א טיפערן אומעט. עס איז געווען דער אומעט, וואָס שפרייט זיך אוים אין די גרויסע, פאָרכטיקע טעג, ווען

דער מענטש דערנענטערט זיך צו זיין באַשעפער און ווען אַ הייליקער ציטער נעמט אַרום זיין גאַנצן גוף. טעג פון תשובה און טעג פון חשבון הנפש...

מנחה-צייט, ערב יום-כפור'דיקע מנחה איז ניט קיין קליי־ניקייט. עס איז א שטיק יום-כפור פאַר זיך אליין. דער רחמנות־דיקער ניגון פון דער שמונה-עשרה, די צענדליקער על-חטא'ס ווי אויפגעשטעלטע ביקסן אנטקעגן דיין האַרץ און דאָס צע־בראָכענע געמיט פון דער גרויסער שעה באַאומרואיקן די נשמה און רויבן די רו. אָט-אָט און דער בידנער מענטש דאַרף זיך שטעלן פאַר דעם הימלישן געריכט, און דאָס גאַנצע לעבן שטייט נעבעך אין קאָן.

האָט א איד אָפּגעדאַוונט זיין מנחה, זיך גוט אויסגעוויינט די אויגן און זיך געלאָזט אהיים פאַרפאַסטן... מאָרגן איז דער גרויסער טאָג.

אין פּאָליש פון דער שול קומען אים אנטקעגן טעלער. אלץ הייסט טעלער! גרויסע טעלער און קליינע טעלער, פלאַכע און טיפע, נייע און אָפּגעריבענע. א גאַנץ יאָר לעבן די דאָזיקע טעלער זייער אייגענעם לעבן און זיינען אָפּגעשיידט איינס פון אַנדערן, ביי דער קערה אָבער אום ערב יום-כפור האַלטן זיי זיך צוזאַמען. א מין אסיפה פון טעלער, וואָס שאַפן צווישן זיך אויף א ווייל א פאַראייניקטן פראָנט.

אָט איז אַ טעלער פאַר מאיר בעל-נס. אַ מיוחס'דיקער טעלער מיט רויט־קאָלירטע בלימעלעך. עפּעס א קליינִיקייט, מאיר בעל-נס! וואַרפט דער איד אריין א גראָשן און דער טוי־בער אָפּקלאַנג פון דער מטבע הילכט אָפּ אין גאַנצן פּאָליש. אָט איז א טיפער טעלער פון ווייסן פאַרצעליי פאַר ביקור חולים — א טייערע מצוה. וואַרפט דער איד אריין נאָך א גראָשן און וואַרט ביז דער שטומפּיקער קלאַנג וועט פאַר־שווינדן. און אָט איז הכנסת כלה. וועלכער איד וועט דאָס ניט געבן א גראָשן פאַר אַזאַ הייליקן צוועק? דער איד וואַרפט

אריין א גראָשן מיט א צופרידענעם שמייכל. עס טוט אים הנאה, וואָס ער קאָן העלפן עפּעס אַן אַלטער, פאַרזעסענער, מיאוס'ער מויד מיט נדן... און אָט שטייט אין אַ ווינקל פון דער קערה נאָך א טעלער — ס'איז ניט קיין טעלער, נאָר א טע־לערל, א קליינס, א באַשיידנס, קוים וואָס מען זעט עס ארוים. אפילו די אויפשריפט לעבן טעלערל איז אוועקגעשטעלט גע־וואָרן מיט דריבנע אותיות ק ר ן ק י מ ת.

צום ערשטן מאָל זעט דער איד אָט דעם נייעם „שלעפער", און ער קוקט אויף די גבאים ווי ער וואָלט וועלן פרעגן: וואָס איז אָט דאָס פאַר א נייע אָנשיקעניש?

— פארשטייט איר מיך, ר' חיים, — רופט זיך אָפּ דער גבאי — די ציוניסטלעך האָבן עס אריינגעבראכט. זיי דאַרפן, זאָגן זיי, געלט פאַר גאולת הארץ, לאַנד ווילן זיי קויפן און בוימער ווילן זיי פלאַנצן.

— נו?

— נו, נו! עס שטייען אזויפיל טעלער, זאָל שטיין נאָך אַ טעלער...

און דער איד טראַכט און טראַכט און נעמט אַרויס נאָך אַ מטבע און ווארפט אַריין אין דעם קליינעם טעלערל, אָבער דער קלאַנג פון דער מטבע איז ניט קיין טרוקענער, דער ווידער־קול צעקלינגט זיך איבער'ן גאַנצן פּאָליש.

— בוימער אין ארץ־ישראל?... מילא! זאָל זיין בוי־מער...

* * *

און ערגעץ אין א ליטווישן שטעטל האָט פּאַסירט דאָס זעלבע, און אין א רומענישן שטעטל אויך אזוי.

דאָס טעלערל איז געגאַנגען אין יעדער אידישער קהלה. די גראָשנס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפזאַמלען. א פּוילישע

זלאָטע און אן איטאַליעניִשע לירע זיינען געוואָרן ברידער, א רומעניִשע לעי האָט זיך צוגעשאַרט צו אן אַמעריקאַנער דאָלער און דער פראַנצויזישער פראַנק איז געוואָרן אַ גוטער ברודער מיטן ענגלישן פונט. די גאַנצע „אַליאַנץ" פון געלטער האָט אָנגעשטריינגט אַלע כוחות צו קויפן לאַנד און פלאַנצן בוימער אויף דעם אייגענעם באָדן. מיט יעדן יאָר איז געוואַקסן די צאָל. וועלדער זיינען אויפגעקומען און האָבן געטאָן זייער גאַנצע פליכט צו דעם נייעם לאַנד. די בוימער און וועלדער האָבן קעגן מגפות געקעמפט און א קילן שאָטן האָבן זיי גע־בראַכט אין הייסן זאַמדיקן מדבר. פארן חלוץ און פארן דאָרף־ארבעטער איז דער בוים געווען א טרייסט און א האָפנונג און א גרויסער געווינס. אי פרוכט, אי שמעקעדיקער אַראָמאַט, אי שוץ קעגן שטיין, זאַמד און זון.

און פּלוצים — א פּאָגראָם!

א פּאָגראָם אויף בוימער. שוין איבער פערציק טויזנט בוימער זיינען פּאָגראָמירט געוואָרן אין די לעצטע צען וואָכן. ווי א היישעריק האָט זיך ארויסגעלאָזט די אַראַבישע האַק און געשניטן די לעבעדיקע גופים פון בוימער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין גרוים ליבשאַפט פון א הייליקן פאָלקס־באַגער אפשר טאַקע אין יענעם מאָמענט, ווען א איד האָט צום ערשטן מאָל אריינגעוואָרפן א גראָשן אין טעלער...

* * *

כי האדם הוא עץ השדה...

א מענטש איז אויך ניט מער ווי א בוים, און אפשר נאָך וויניקער. א מענטש פאַרגייט, אבער בוימער געהערן צו גאַנצע דורות. וואָס עלטער א מענטש, אלץ שוואַכער זיינען זיינע כוחות, אלץ טיפער בייגט ער זיך אונטער דער לאַסט פון יאָרן. בוימער אָבער, ווען זיי דערגרייכן זייער הויכן על־טער, האַלטן זיי אָן זייער פּאָזע, זייער ווירדיקייט און זייער שטאָלץ.

אַלטע בוימער זיינען מחיה׳דיק פריש, אויסגעהאַלטן, סטאַ־טעטשנע, רואיק. זיי פילן די דראַמע פון לעבן אַרום זיך, אָבער זיי שווייגן קלוג. זיי אָטעמען איין אין זיך דעם צער פון זיין, אָבער זיי קומען עס איבער מיט א שטילן מורמל. בלויז א בייזער שטורעמווינט שרעקט זיי צייטנווייז איבער, און אַזוי שנעל ווי דער שטורעם פאַרגייט ציען זיי אויס זייערע צווייגן־הענט צום הימל און זאָגן שטיל א תפילה...

און נאָר ווען מ׳שניידט זיי אָפּ פון וואָרצל אין זייערע יונגע יאָרן וויינען די בוימער זייער שטילן געוויין. אומקומען פון א ברוטאַלער מענטשלעכער האַנט איז פאַר בוימער די גרעסטע טראַגעדיע. ווען מענטש און מענטש קאָנען זיך ניט צונויפקומען איז עס זייער אייגענער, פּערזענלעכער אומגליק, אָבער וואָס זיינען זיי, די בוימער, שולדיק?

מוז דען אַ בוים באַצאָלן מיט זיין לעבן פאַר דעם בייזן בלוט צווישן מענטשן־קינדער? מוז דען א בוים אוועקגיין פון לעבן, ווען ברודער מיט ברודער קאָנען ניט אָדער ווילן ניט לעבן בשלום? מקריב זיין ס׳לעבן — יאָ, אָבער ניט צוליב די נאַרישע קאַפּריזן פון קינדער, וואָס קריגן זיך און שלאָגן זיך איבער א נעכטיקן טאָג.

וויינען די בוימער זייער שטילן געוויין, ווען מען מאַכט אַ פּאַגראָם אויף זיי. זיי ווילן ניט „פאַרגיסן זייער בלוט", זיי ווילן בליען, זיי ווילן גוטע, געזונטע און לאַנגע יאָרן, און בשום אופן קענען זיי ניט פאַרשטיין, פאַרוואָס מען האָט זיך אָנגעזעצט אויף זייערע יונגע לעבנס.

בוימער זיינען אַזוי ווי קינדער, — נאַאיוו און פרום...

# סוכות

## איך דאַרף א סוכה

אַז דו וועסט זיין א גוט אינגעלע,
וועסט דו עסן אין סוכה...

א סך אידן עסן נ י ט אין סוכה.

דאָס איז אַ שאָד.

די צרה מיט אונזערע אידן איז, וואָס זיי ווילן ליבערשט עסן אין אַ פיינעם, וואַרימען דיינינג-רום, איידער אין אַ סוכה. זיי ווילן ניט זיצן און עסן אין זייערע אָווערקאָוטס, און זיי האָבן בטבע פיינט קאַלטע זופּ...

און דערפאר איז אונטערגעגאנגען א מעגלעכקייט פאר א גרויסער סוכה-אינדוסטריע, וואָס וואָלט געקענט דערפירט ווערן זייער ווייט, אויב מען זאָל נאָר לאָזן...

אויב אמעריקע ליידט פון ריעל-עסטייט קריזיס און אר־בעטסלאָזיקייט, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל עס פעלט איר דער סוכה-חוש, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקן. אַמעריקע בויט צו גרויסע און צו שטאַרקע הייזער, זי באַזאָרגט זיך אויף דור דורות און שאַפט דורך דעם ניט נאָר אַ קריזיס פאַר דער איצטיקער צייט, נאָר זי באַזאָרגט אויך מיט אַ קריזיס אירע קינדער און אייניקלעך.

אַלץ מאַכט מען צ ו ג ו ט אין אמעריקע, מען באַ־זאָרגט די אייביקייט און מען נעמט אוועק די מעגלעכקייט פון מענטשן צו בויען און איבערבויען, צו שאַפן און איבערשאַפן.

עס פעלט דער סוכה-חוש.

די סוכה איז א דירת ארעי, דאָס הייסט א צייטווייליקע דירה, וואָס דאָס איז אַ סך בעסער ווי אַ דירת קבע, אַ שטענ־דיקע דירה. ווען מיר זאָלן אלע לעבן אין צייטווייליקע דירות, וואָס היינט בויט מען זיי און מאָרגן צעוואַרפט מען זיי, וואָלט קיינמאָל קיין קריזיס ניט געווען, מענטשן וואָלטן שטענדיק געארבעט און ריעל-עסטייט וואָלט געבליט.

אָט זעט אליין, וואָס פאר א ניט-קלוגע לייט מיר זיינען: אונזער אייגן לעבן היינגט-אָפּ זייער אָפט פון אַ נאַרישער פאַרקילונג אָדער פון אן איינגעשטאָכענעם פינגער, נעמט דאָס דאָזיקע נישטיקע לעבן און בויט-אויף פאר זיך אן עמפּייר סטייט בילדינג, אַ קרייזלער בילדינג און נאָך אַנדערע אַזעלכע בנינים, וואָס האָבן, לויט זייער פאַרנעם, אַן אייביקע צוקונפט און קענען ממש דערלעבן משיח'ן...

איך וויל אַ סוכה אַנשטאָט אַ טענעמענט-הויז. איך וויל בויען און צעוואַרפן — מיר געפעלט דער שפּיל!

# דער רעוואָלט פון די אושפיזין

די אושפיזין האָבן זיך געבונטעוועט.

ווער די אושפיזין זיינען ווייסט איר דאָך. זיי זיינען די זיבן געהויבענע געסט וואָס קומען יעדן יאָר אויף באַזוך צו אייך אין סוכה.

אַזוי שנעל ווי איר קלאַפּט נאָר אריין די פיר פלעקלעך פאַר דער סוכה, הייבן די זיבן אושפיזין זיך גרייטן צו קומען צו אייך און באַשיינען אייער יום־טוב. דער זיידע אברהם — דער עלטסטער פון די אושפיזין — רופט געוויינלעך צונויף זיינע איבריקע זעקס קאָלעגן: יצחק'ן, יעקב'ן, יוסף'ן, משה'ן, אהרנ'ען און דוד'ן, און מען האַלט־אָפּ אַ שטיקל קאָנפערענץ וועגן דעם געפּלאַנטן באַזוך אין דער סוכה. געוויינלעך איז דאָס זייער אַ פאָרמעלע קאָנפערענץ, אָט למשל, ווי אַ מיטינג פון דער באָרד אָוו דירעקטאָרס פון אַ גרויסער באַנק. מען קומט זיך צונויף אויף אַ רגע, דער סעקרעטער לייגט פאַר אַ קורצן באַריכט און מען מאַכט אַ פאָרשלאַג צו שליסן דעם מיטינג. געוויינלעכע רוטינע און ניט מער.

הײַנטיקן יאָר איז אָבער געווען אַן אויסנאַם אין דעם פּרט. באַלד, מוצאי יום כפור, ווען איר האָט נאָר־וואָס אריינגעשלאָגן דאָס ערשטע פלעקל פאַר דער סוכה, האָט דער זיידע אברהם דורך אַ מעסענדזשער פאַררופן די אושפיזין־קאָנפערענץ און געלאָזט וויסן, אַז עס איז אַ ס פּ ע ש ל מיטינג.

דער זיידע אברהם, אלס דער טשערמאַן, האָט זיך דערוואוסט פון זיכערע קוואַלן, אַז איינער פון די אושפיזין בונטעוועט זיך און אַז ער וויל מאַכן טראָבל. עס האָט זיך אפילו אַרומגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז אַלע אושפיזין גרייטן זיך צו אַ סטרייק. דער טשערמאַן אברהם איז אָבער איינער פון די פאָרזיכטיקסטע אושפיזין וואָס איר האָט אויף אייער לעבן געזען און דערפאַר האָט ער געזוכט צו פאַרהיטן אַן אומגליק אין צייט.

אין דער נאַכט פון מוצאי יום כפור איז טאַקע באַלד פאַרגעקומען די אושפיזין־קאָנפערענץ. אהרן, דער סעקרעטער, האָט פאַרגעלייענט דעם באַריכט פון לעצטן מיטינג און דער באַריכט איז גוטגעהייסן געוואָרן איינשטימיק.

— וויל אימיצער אַ וואָרט? — האָט אברהם געפרעגט גלאַט אזוי פון פאָרמאַליטעט וועגן.

און יעקב האָט אויפגעהויבן אַ פליגל און זיך געמאָלדן צום וואָרט.

— יעקב האָט דאָס וואָרט! — האָט דער טשערמאַן געזאָגט.

און יעקב האָט זיך טאַקע באַלד אויפגעשטעלט, אַ גלעט געטאָן זיין לאַנגע, ווייסע באָרד און אָנגעהויבן צו ריידן:

— ווירדיקער טשערמאַן און געערטע קאָלעגן־אושפיזין! איר האָט נאָר־וואָס געהערט דעם באַריכט פון לעצטן יאָר, וועלכן קאָלעגע אהרן האָט פאָרגעלייענט פאר אייך. אין דעם באַריכט ווערט דערציילט, אז מיר אַלע האָבן לעצטן יאָר זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד און באַזוכט יעדע סוכה וואָס אידן האָבן אויפגעשטעלט. מיר זיינען אַלע געקומען צו אידן אַלס שליחים פון שלום און „גוד־וויל", און מיר האָבן געהאָפט, אַז מיט אונזער באַזוך וועלן מיר ניט נאָר פאַרהיטן מלחמות, נאָר מיר וועלן באַפעסטיקן דעם שלום פאר אַלע אייביקייטן. שוין טויזנטער יאָרן, קאָלעגן אושפיזין, אַז מיר גייען אין סוכה און מיר שטעלן זיך ניט אָפּ פאר ווינט און רעגן; שוין טויזנטער יאָרן, אז מיר מאַכן פון דער סוכה אַ צימעס, און מיר מיינען, אַז מיר טוען־אויף וואונדער פאר די אידן בפרט און פאר דער גאַנצער מענטשהייט בכלל. לאָמיר זיך אָבער ניט נאַרן, קאָלעגן־אושפיזין! מיר האָבן אין די אלע טויזנטער יאָרן גאָרנישט אויפגעטאָן. אונזער שליחות פון שלום איז קיין באַבקע ניט ווערט. און נאָך מער! איך טראַכט, אַז מיר זיינען אינגאנצן ניט קיין געוווינשטע געסט און אַז די „סוכת

שלום" איז אין א גרעסערער געפאַר מיט אונז, איידער אָן אונז. וואָס מער אונזערע קינדער, די אידן, פריידיקן שלום, אַלץ מער רייסט זיך די וועלט ארוים צו מלחמה; אַלץ מער ווערן אונזערע קינדער, די אידן, געפּייניקט, און דערפאַר מאַך איך א פאָרשלאַג, אז מיר זאָלן היינטיקן יאָר זיצן אין דער היים און ניט גיין אין סוכה. א שאָד צו פאַרנעצן די פליגלען אין רעגן.

אַזוי שנעל ווי יעקב האָט געענדיקט האָט זיך אָנגעהויבן דער אמת׳ער טומל. יצחק׳ס פּנים איז בלאַס געוואָרן ווי קאַלך; משה האָט אָנגעהויבן צו שרייען, אָבער ער האָט זיך פאַרהאַקט אינמיטן, ווייל ער איז, ניט פאַר אונז געדאַכט, א כבד פּה ביז אויפן היינטיקן טאָג; אהרן האָט געקלאַפּט מיט דער פויסט אויף א וואָלקן; יוסף האָט געשפּאַנט ארויף און אַראָפּ און געמאַכט מיט די פליגלען, און דוד׳ן, וועלכער האָט געסטראָיעט זיין פידל, האָט עס אַ שליידער געטאָן אויפ׳ן דריטן הימל אראָפּ (די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אויפן זיבעטן הימל, יו נאָו).

בלויז דער טשערמאַן אברהם האָט זיך געהאַלטן געלאַסן און סטאַטעטשנע. די מעשה האָט אים אפילו שטאַרק פאַר־דראָסן, אָבער ער האָט איינגעהאלטן זיין כעס, און ווען דער טומל האָט זיך אביסל איינגעשטילט האָט ער ווייטער אָנגע־הויבן פירן דעם מיטינג.

— וויל נאָך אימיצער דאָס וואָרט? — האָט אברהם א פרעג געטאָן.

אַלע האָבן אויפגעהויבן די פליגלען־הענט, אָבער אברהם האָט געגעבן דאָס וואָרט צו דעם עלטסטן פון זיי: יצחק׳ן.

יצחק׳ס רעדע איז געווען אַ קורצע, אָבער אַ שאַרפע. ער האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פון זיין זון יעקב׳ן האָט ער אַזעלכע ווערטער ניט דערוואַרט. ער האָט אָנגעוויזן, אז דער הימל

איז א קאָנסערוואטיווע אינסטיטוציע און אז מען וועט צו קיין רעוואָלוציעס ניט דערלאָזן. עס איז גענוג — האָט ער געזאָגט — וואָס אַ גרויסער טייל פון יעקב׳ס אייגענע קינדער זיינען אַראָפּ פון דרך הישר און געוואָרן קאָמוניסטן, אָבער אין הימל האָט נאָך דערוויל ב״ה סטאַלין קיין דעה ניט. און געענדיקט זיינע רייד האָט יצחק אזוי:

— איך מאַך אַ פּאָרשלאַג, אַז מען זאָל אויסמעקן פון רעקאָרד אַלע ווערטער וואָס מיין ווידערשפּעניקער זון יעקב האָט געהאַלטן און אז מען זאָל גיין אין סוכה ווי אַלע יאָר און מיט נאָך מער כוונה פאַרשפּרייטן און באַאיינפלוסן דעם געדאַנק פון שלום ביי אידן. דער שלום אויף דער וועלט — האָט יצחק פאַרענדיקט — מוז קומען דורך די אידן, און ווי שוואַך דער בנין פון דער סוכה זאָל ניט זיין, וועט אָבער די וועלט סוף כל סוף איינזען, אַז אידן זיינען די אָנזאָגער פון פרידן און אַז דורך די אידן וועט קומען די אויסלייזונג פאַר דער מענטשהייט.

— איך שטיץ דעם פּאָרשלאַג! — האָט יוסף אויסגע־שריען.

— זאָל מען עס נעמען צו אָפּשטימונג! — האָט דוד געפאָדערט.

אָבער דער געלאַסענער אברהם, דער טשערמאַן פון דער דזשאָינט-אושפיזין-קאָרפּאָריישאַן האָט זיך ניט געאיילט. ער האָט געוואָלט דערגיין פאַרוואָס יעקב איז פּלוצים ארויסגע־טראָטן מיט אַזאַ רעוואָלוציאָנערער רעדע, און ער האָט ביי אים געפרעגט צי וויל ער מאכן אַן איינוועגדונג צו דעם לעצטן פּאָרשלאַג פון זיין פּאָטער יצחק.

— אודאי וויל איך מאכן אַן איינוועגדונג! — האָט יעקב זיך אָפּגערופן.

— דו האָסט דאָס וואָרט! — האָט אברהם געזאָגט.

און יעקב איז ווידער געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע פליג־לען און האָט אדרעסירט די קאָנפערענץ:

— איך באשטיי אויף מיין פאָדערונג, אז די אושפּיזין זאָלן היינטיקס יאָר ניט באזוכן די סוכה. איך וויל כאָטש איינמאָל האָבן אָן אָפּוועקסלונג אין דער פּראָצעדור. דער הימל קאָן ניט פאר אלע אייביקייטן אָנהאלטן דעם אלטן סיסטעם. די וועלט בויט זיך פון שעה צו שעה, און מיר דאָ אין הימל לעבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. איך וויל ניט גיין אין סוכה! לעצטן יאָר איז מיר אויסגעקומען ארייַנצופאַלן אין בירא־בידזשאן און איך האָב זיך געפילט ווי אן אויסגע־פּאַטשטער פּאַטריאַרך: קיין איינציקע סוכה אין דעם גאנצן ישוב, וואָס איז כלומרשט אינגאנצן אידיש. איך וויל זיך ניט מאכן צום נאַר. די אידן וואָס גייען אין סוכה זיינען א מינאָ־ריטעט. דאָס איז צו באַדויערן, אָבער אזוי איז עס. מען דאַרף און מען מוז נעמען אין אָנבאַטראַכט די איבריקע אידן וואָס זיצן ניט אין סוכה. זיי זיינען אויך מ י י נ ע קינדער. ניין, איך וויל ניט זיין קיין רעוואָלוציאָנער, אָבער איך וויל גיין מיט דער צייט!

און איידער יעקב האָט זיך אוועקגעזעצט האָט ער מאָדי־פיצירט זיין ערשטן פאָרשלאָג און אזוי געזאָגט:

— אויב איר ווילט, קאָלעגן־אושפּיזין, אז מען זאָל דוקא יאָ באזוכן די סוכה היינטיקס יאָר, קאָנט איר עס טאָן געזונ־טערהייט. איך אליין וועל ניט גיין. איך וועל מיט אייך שיקן א שטעל־פאָרטרעטער.

— וועמען וועסטו שיקן? — האָט אברהם געפרעגט.

— איך וועל שיקן מיין ברודער עשו׳ן! — האָט יעקב געענטפערט.

— עשו׳ן אין סוכה?! — האָבן אלע אויסגעשריען מיט כעס.

— יאָ, יאָ, עשו׳ן וועל איך שיקן. ווען עשו וועט פאַר־שטיין דעם טיפן געדאַנק פון „סוכת שלום״, וועט זיין שלום אויף דער וועלט!

אַזוי האָט יעקב געענדיקט און די אושפיזין־קאָנפערענץ האָט זיך געשלאָסן.

* * *

און וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוף? יעקב האָט זיך געלאָזט איבעררייִדן און ער איז יאָ געגאַנגען אין סוכה. ער האָט זיך אפילו געווענדט צו זיין ברודער עשו׳ן, אַז ער זאָל זיין זיין שטעל־פאַרטרעטער, אָבער עשו האָט זיך אָנט־זאָגט.

— איך ניט וויל סוכה, איך ניט וויל שאָלעם, איך ניט ווייס וואָס דו רעדסט — האָט עשו געענטפערט.

און יעקב האָט איינגעזען, אַז מיט עשו׳ן איז אַ שווערער און ביטערער עסק: ער קאָן ניט פאַרשטיין, ער קאָן ניט באַגרייפן...

## די אושפיזין קומען צו גאַסט

איך האָב מיר אויפגעבויט אַ שיינע סוכה, אַ הערלעכע סוכה! מיין סוכה איז „עיר קאַנדישאָנד״ און האָט אַלע מאָ־דערנע איינריכטונגען. שטיין שטייט מיין סוכה, פונקט ווי אייער סוכה — אין דרויסן. זי קוקט ארויף צום לויטערן הימל, און די זון באַלייכט זי בייטאָג, און די שטערן וואַרפן זייער ליכט אויף איר אין די אָוונטן. „עלעקטריק״ האָב איך אויך. אין איין ווינקל פון מיין סוכה שטייט אויף אַ פּעדעסטאַל אַ ביוסט פון שעקספּיר׳ן, געקויפט אויף אַן אָקשען, אָבער פרעגט מיך בחרם, וואָס פאַר אַ געשעפטן אָט דער דאָזיקער ערל האָט

אין מיין סוכה. שעקספּיר מוז אַפּנים זיין זייער פּאָפּולער, אי־בערהױפּט אַז ער זיך. ביי דער זייט פון שעקספּיר׳ם ביוסט שטייט א ראַדיאָ, און אין א צווייטן ווינקל שטייט א שראַנק מיט ביכער, וועלכע איך האָב געליען דאָ און דאָרט און קיינ־מאָל ניט צוריקגעגעבן. די דאָזיקע ביכער האָבן זיך אוועק־געשטעלט מיטן רוקן צו מיר, און וואָס זיי טוען אויף דער אַנדערער זייט, ווייס איך ניט. אפשר פראַוועו זיי דעם חג־האסיף, דעם יום־טוב פון איינזאַמלונג — זיי ווייסן אַפּנים, אַז איך האָב זיי איינגעזאמלט פון ערגעץ־וואו...

אויף דער וואַנט פון מיין סוכה הענגט א ביליקע פידל און בלויז איין סטרונע איז אויף איר פאַרבליבן, די איבריקע סטרונעס האָבן ניט געהאַט קיין געדולד צו הענגען, האָבן זיי געפּלאַצט... אויבן־אָן פון מיין סוכה געפינט זיך א „פּאָטער־שטול״, וואו איך, דער „פּאָטער״ זעץ זיך אָפט אוועק לייענען כדי צו קענען כאַפּן א דרימל. מערקווירדיק! איך קאָן קיינ־מאָל ניט אנטשלאָפן ווערן אָן א בוך. עפּעס שלאָפט זיך גע־שמאַקער מיט „קווין עליזאבעט״ אָדער „ליידי טשעטערלי״ אָדער מיט אן אנדער בוך אין האַנט.

זיץ איך מיר אין מיין סוכה און איך דרעמל געשמאַק. איך ווער בלויז געשטערט פון מיין אייגענעם כראָפּען, וואָס איז ביי מיר כראָניש.

און אזוי כראָפּענדיק האָב איך זיך דערווייל דערשלאָגן צו די טויערן פון גן־עדן.

ווען איך האָב געזאָגט דעם שמש ביי דער גן־עדן טיר ווער און וואָס איך בין און אים דערצו געוויזן מיין פּאָלים־קאַרד, האָט ער מיך תיכף אריינגעלאָזן... די גן־עדן טיר האָט זיך ברייט געעפנט און עס האָט א שאָס געטאָן מיט שטראַלן, ווי להבדיל, פאַרע אין אַ שוויץ־באָד, אַזוי, אַז עס האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן.

באלד איז צו מיר צוגעלאָפן א לאַנגער און דאַרער מלאך, מיט אראָפּגעלאָזענע פליגלען, און מיט א באַסאָווער שטימע מיך א פרעג געטאָן:

— ווער זענט איר און וואָס ווילט איר?

אין זיין טאָן איז געווען אומפריינטלעכקייט. עס האָט מיר אויסגעוויזן, אז דער דאָזיקער מלאך איז מן הסתם אמאָל געווען א כאָריסט אין א אידישן טעאטער, און מען האָט אים דערפאַר באַלוינט אויף יענער־וועלט מיט א „פּאָליטישן" דזשאַב.

— אין בין דער „גוט שבת" איד, — זאָג איך צו אים — און געקומען בין איך אהער צו כאַפּן אַן אינטערוויו מיט דוד המלכ'ן.

מיט דוד המלכ'ן — האָט זיך דער מלאך גע'ברוגז'ט — פאַרוואָס עפּעס דוד המלך און פאַרוואָס אקוראַט איצט, ווען ער קלייבט זיך צו קומען צו דיר אין דער סוכה אַלס איינער פון די אושפּיזין...

— יאָ, — פאַרענטפער איך זיך, — איך האָב געוואָלט מיט אים כאַפּן א שמועס איידער ער קומט אַרונטער, און איך וואָלט דערפאַר געוואָלט בעטן דעם געהויבענעם מלאך, אז —

דער מלאך איז אביסל ווייכער געוואָרן און מיר דערקלערט, אַז גראד איצט איז דוד המלך פאַרנומען: ער גיט אַ פידל־קאָנצערט אויף דעם זיבעטן הימל, אַ בענעפיט פאַר אַרבעטסלאָזע מלאכים; שפּעטער וועל איך אים זען; ווען ער, דער מלאך וועט מיר געבן דעם צייכן, וועל איך דאַרפן גיין צום זיבעטן קאָרידאָר, אויפזוכן די זיבעטע טיר, וואָס טראָגט דעם נומער 777, אָנקלאַפּן זיבן מאָל, און דעמאָלט וועלן ארויסקומען דוד'ס זיבן סעקרעטאַרן און וועלן ביי מיר פרעגן זיבן פראַגן, און אויב איך וועל ריכטיק ענטפערן, וועלן זיי מיך צולאָזן צו דוד'ן, פאַר ווען איך וועל זיך דאַרפן בוקן זיבן מאָל.

מילא... אין הימל זיינען קיין ברירות ניטאָ. מען הייסט וואַרטן, מוז מען וואַרטן. איך האָב אָבער פאַרשטאַנען, אז ווען איך זאָל דעם מלאך עפּעס אריינרוקן אין דער האַנט אריין, וואָלט אַלץ געגאַנגען ווי געשמירט. און כך חוה, איך האָב גראָד געהאַט ביי זיך אַן אָפּגעשלאָגענע הושענא פון טשאַרט־קעווער רבין, וואָס מיין טאַטע האָט געהאַלטן אין סוכות'דיקן מחזור פון לאַנגע יאָרן, האָב איך זיך באַרעכנט, אז דאָס קאָן זיין אַ גוט שטיקל „גרעפט" פאַר'ן מלאך.

— טהענק יו, טהענק יו ווערי מאַטש — האָט דער מלאך זיך געבוקט פאַר מיר און באַהאַלטן די הושענא אונטער די פליגלען. ער האָט מיר דערפאַר באַלד געגעבן אַ וואָלקן זיך אָוועקצוזעצן און מיך אויסגעפרעגט וועגן פאַרשיידענע מענטשן, וועגן דר. ווייז'ן, וועגן אַלגינ'ען, וועגן צביונ'ען, און מיר דערקלערט, אז זיי וועלן האָבן אַ שווערן דזשאָב אריינצוקומען אין גן־עדן אריין.

און וועגן וואָס וויל איך זען דוד המלכ'ן? האָט דער מלאך ווייטער געפרעגט, —איז ער אפשר אייערער אַ לאַנדסמאַן?

— יאָ, מיינער אַ לאַנדסמאַן, האָב איך געענטפערט. — ער איז געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק אין בית־לחם און איך בין געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע טויזנט יאָר שפּעטער אין לעמבערג; זיין טאַטע האָט געהאַט אַ סך שאָף, און מיין טאַטע האָט געהאַנדלט מיט אָקסן; זיין עלטער־באָבע איז געווען רות פון מואב, וואָס האָט זיך מגייר געווען און איז דערנאָך געוואָרן אַ גרויסע צדקת, און מיין באָבע, אין ליכטיקן גן־עדן איז זי, איז אויך געווען אַ גרויסע צדקת, ווייל זי איז ארויסגעקומען פון דער הייליקער טשאַרט־קאָווער מקוה...

און בשעת איך האָב אַזוי איינגע'טענה'ט מיט'ן כאָריסט־מלאך, איז באַלד אונטערגעפלויגן אַן אַנדער קליין מלאכ'ל מיט

שניי־ווייסע פליגלען, מיט אן ארויפגעריסן נעזל — א הימלי־שער „פלעפער״־מלאך — און מיר דערקלערט, אז זיין מאַי־עסטעט, דוד המלך, ווארט שוין אויף מיר...

ווען איך בין געשטאַנען ביי דער טיר פון פּאַלאַץ, וואו דוד המלך זיצט אויף זיין שטול, האָט מיר א קלאַפּ געטאָן אין האַרצן.

איר'ט געדאַרפט זען וואָס פון אים איז נעבעך געוואָרן! דאַר און קליין און אַ באָרד ווי לאַנגע וואָלקן־פּאַסן האָט דער־גרייכט דעם דיל, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַסטערט פון פאַר־פרוירענער פיש־יויך, געמישט מיט דרעליעס פון פּעטשאַ... און אַ פּאָר ברעמען האָט דוד המלך — אַ שרעק צו קוקן אויף זיי! ווי צוויי אַקאַציע־בוימער היינגען זיי איבער זיינע אויגן.

סטאַראָסט ניע ראַדאָסט...

— מאַיעסטעט! — האָב איך ארויסגעלאָזן דאָס ערשטע וואָרט, כדי אָנצוהייבן דעם אינטערוויו.

— ארויס פון דאַנען, דו שייגעץ איינער! — האָט דוד זיך אויסגעבייזערט אויף מיר.

— מאַיעסטעט!

— ארויס פון דאַנען! איצטער־אָ ווען דו דאַרפסט זיצן אין סוכה, דרייסט דו זיך גאָר ארום איבער די הימלען? אַרויס!

זיין אלטע שטים האָט געציטערט, אָבער מיט ליידיקן בין איך ניט אַוועק; דוד האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער און אַלע איבריקע אושפּיזין וועלן מאכן זייער ערשטן באַזוך אין מיין סוכה.

און אזוי איז טאַקע געווען.

איידער איך האָב געהאַט א געלעגנהייט זיך איבערצו־דרייען אויף מיין שטול, האָט זיך געעפנט דער פאָרהאַנג פון

מיין סוכה און עס האָבן זיך באַוויזן די אושפּיזין — אַלע זיבן — מיט אַמאָל! אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד — דערזעלבער דוד, וועלכן איך האָב נאָר־וואָס געזען אין הימל.

באמת, איך בין געווען איבערראַשט. אברהם האָט צו מיר אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט זייער איידל: „גוט־יום־טוב, מיין זון!" „גוט־יום־טוב, גוט־יאָר," האָב איך געענטפערט, ווי מיין שטייגער איז. (איך שטעל אַלע מאָל צו „א גוט יאָר.")

„זיצט זיידע", האָב איך זיך אויפגעהויבן און געגעבן אים מיין שטול. דער זיידע אברהם האָט זיך ניט געלאָזט בעטן און זיך אוועקגעזעצט און גענומען גלעטן מיט זיינע איידעלע פינגער די צאַרטע פעדים פון זיין לאַנגער, ווייסער באָרד. נאָך אים האָט זיך אוועקגעזעצט יצחק און דערנאָך יעקב. פאַר יוסף'ן איז שוין ניט געווען וואו צו זיצן, האָט ער זיך אָנגעשפאַרט אויף'ן טיש מיט איין פוס אַרונטערגעהאַנגען. משה און אהרן האָבן זיך אוועקגעשטעלט ביי דער וואַנט און דוד, דער קליינער, דאַרער, באַוואַקסענער דוד איז געבליבן שטיין ביים אריינגאַנג און געקוקט אויף מיין צעבראָכענער פידל, וואָס אויף דער וואַנט...

אין האַרצן האָט זיך ביי מיר צעזונגען „ופרוש עלינו סכת שלומך", און מיינע אויגן זיינען געווען אָנגעפילט מיט טרערן פון פרייד צוליב די געהויבענע געסט.

דער זיידע אברהם האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו ריידן:

„וואו האַלט עס עפּעס מיט דער „סוכת שלום" דאָ אויפן עולם־התחתון?"

„די סוכת שלום", האָב איך געענטפערט, „טרייסלט זיך, טייערער זיידע. די סוכה איז אַלראַיט, נאָר דער שלום טויג

ניט. די מענטשן קענען זיך ניט צעטיילן מיט דער ירושה. זיי דאַרפן האָבן אַ סך קרקע. איינער וויל אַביסעלע קרקע אין עטיאָפּיע, אַ צווייטער אין אינדיע, אַ דריטער אין סיביר, און צוליב אָט דעם גוטן שטיקעלע קרקע קוילעט מען זיך איינס ס'אַנדערע״ . . .

„און וואָס-זשע הערט זיך עפּעס וועגן שלום צווישן אידן?״ האָט יצחק אַ פרעג געטאָן.

„ביי אידן איז אויך ניטאָ קיין שלום,״ האָב איך מיט ווייטיק דערציילט יצחק'ן דעם אמת.

„מיין תורה פּריידיקט דאָך שלום!״ האָט משה אריינגעוואָרפן אַ וואָרט.

„נו מילא, פּריידיקט זי!״ — האָב איך געענטפערט גלייכגילטיק. „די תורה איז זיך איין זאַך און שלום אַן אַנדערע. יעדע זיבן אידן האָבן אַן אַנדער פּאַרטיי און יעדע פּאַרטיי האָט 14 ריכטונגען און יעדע ריכטונג האָט 28 טענדענצן. עס איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ איד קאָן ניט אויפהאַלטן דעם שלום מיט זיך אליין. ביים ברעקפעסט איז ער אַן אַלגעמיינער ציוניסט און צו לאַנטש האַלט ער שוין מיט די רעוויזיאָניסטן, ביים סאַפּער שפּרינגט ער „קדוש״ פאַר דער אַמעריקען דזשואיש קאָמיטע, און איידער ער לייגט זיך שלאָפן איז ער כמעט גרייט זיך צו שמד'ן — אָבער אויפשטיין שטייט ער אויף אין דער פרי אין אַ ריין-אָרטאָדאָקסישער שטימונג און גיסט אָפּ נעגל-וואַסער . . .״

„אָבער אַלע אידן גלויבן דאָך אין גאָט!״ האָט יעקב אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש.

„נעווער!״ האָב איך געענטפערט. „אַלע אידן גלויבן ניט אין גאָט, און אפילו די, וואָס זאָגן, אַז זיי גלויבן יאָ — גלויב איך זיי אויך ניט.״

„און ווי גייט עס אידן אין ביזנעס?" האָט יוסף הצדיק געוואָלט וויסן.

„אין ביזנעס? אז אָך און ווי! די אידן האָבן אין דער געשעפטס-וועלט א קליינע באַדייטונג. מען זאָגט אויף זיי, אַז זיי האָבן אויף זיך די בעסטע קעפּ, אָבער ראקעפעלער און מאָרגאַן טוען די ביזנעס. חוץ דיר, טייערער יוסף, איז נאָך ניט געווען קיין איינציקער איד, וואָס זאָל „הענדלען" פינאַנצן אויף א גרויסן פאַרנעם. ווען דו האָסט אמאָל „געקאָרנערט" דעם ווייץ-מאַרקעט אין מצרים, איז דאָס געווען א גוואַלדיקער און געניאַלער אויפטו, אָבער זינט דעמאָלט האָט נאָך קיין איד ניט דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה."

מיינע סוכה-געסט האָבן זיך פּלוצים אויפגעהויבן פון זייערע פּלעצער און גענומען פאַרשווינדן פון מיין סוכה. גע-בליבן איז בלויז דוד. ער איז לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו עס האָט געהאַנגען מיין פידל און אים אַראָפּגע-נומען. פּלוצים האָב איך דערהערט ווי אימיצער שפּילט „אלי, אלי," אָבער דאָס שפּילן איז געווען אַזוי פאַלש, אַז עס האָט אַזש געריסן אין די אויערן. איך האָב זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט, אָבער די פאַלשע טענער פון „אלי, אלי" האָבן זיך ווייטער געצויגן, כאָטש פון דודן איז אין סוכה אפילו קיין זכר ניט געווען.

אימיצער האָט אַפּנים אָנגעשטעלט מיין ראַדיאָ אין סוכה אויף א „אידישער שטונדע". איך האָב קיין ערגערן „אלי אלי" קיינמאָל ניט געהערט . . .

## הושענא רבה — די לעצטע טרעוואָגע

דער הושענא-רבה'דיקער טאַראַראַם איז אין פולן גאַנג. די לעצטע תפילות שאַרן זיך אין „באַנטשעס" צום רבונו של עולם אין הימל אריין, און כאָטש אלץ איז שוין פאַרזיגלט און

עס האַנדלט זיך בלויז וועגן אַ קוויטל, האָבן פונדעסטוועגן אידן אַ טבע צו מאַכן דעם לעצטן געשריי: הושענא, טאַטע זיסער, הושענא!

איר קאָנט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ „ביזי" עס איז דאָרט אין הימל אום הושענא רבה. אַזוי פיל אידן, קיין עין הרע, און פאַר יעדן אידן דאַרף מען אַ קוויטל! אַ גוט קוויטל אָדער ח"ו פאַרקערט, אָבער אַ קוויטל מוז זיין. יעדער איד, וואָס איז רעגיסטרירט אין די הימלען, מוז קריגן זיין בילעט יעדן הושענא רבה, ווייל טאָמער קריגט ער ניט דעם בילעט, איז ער אַ פאַרלאָרענער מענטש פון ביידע וועלטן.

ווי מען גיט אונז איבער פון זיכערע קוועלן, האָט זיך שוין ניט איינמאָל געטראָפן, אַז מען האָט פאַרגעסן אַ אידן צו געבן זיין קוויטל — נו, פרעגט שוין ניט, וואָס עס האָט זיך אָפּגע־טאָן אין אַזעלכע פאַלן! דער גאַנצער הימל איז געגאַנגען כאַדאָראָם. די הימלישע אקאונטענטס האָבן אָנגעהויבן נאָכצו־זוכן, נאָכצופאָרשן, ביז זיי האָבן אנטדעקט דעם טעות — ווייל צוליב אַן איין־און־איינציקן קוויטל האָבן זיי ניט געקאָנט באַלאַנ־סירן דעם בודזשעט פון די אידן, און דער אויבערשטער איז זייער און זייער ברוגז פאַר אַזעלכע זאַכן.

חוץ די אַלע זאַכן, איז עס גלאַט אַ רחמנות אויף אַ אידן, וואָס דרייט זיך ארום אויף דער וועלט אָן אַ קוויטל. איר קאָנט אַזאַ אידן תיכף דערקענען, ער איז ניט אַהין און ניט אַהער, ניט קראַנק און ניט געזונט, ניט זאַט און ניט הונגעריק, ניט טויט און ניט לעבעדיק. אַ איד אָן אַ קוויטל איז ווי אַן אויטאָמאָביל אָן אַ מאָטאָר, אָדער אַ זייגערל אָן די רעדלעך. עפּעס דוכט זיך אייך, אַז עס זעט יאָ אויס ווי אַן אויטאָמאָביל, אָבער עס איז פאָרט ניט. אויפן ערשטן בליק איז עס, דוכט זיך, יאָ אַ זייגערל, אבער גיין, גייט עס ניט... און דערפאַר באַפאַלט מיך שטענדיק אַ פחד, ווען איך דערזע אַ אידן, וואָס קאָן זיך אַליין ניט געפינען. ניט ער שילט און ניט ער בענטשט, ניט ער איז פרום און ניט ער איז אַן אפיקורוס, ניט ער זאָגט

יאָ און ניט ער זאָגט ניין — פון אזעלכע אידן אַנטלויף איך, ווייל איך ווייס, אַז דאָס זיינען אידן אָן וועלכע מען האָט אין הימל פארגעסן.

און צוליב דעם, שיק איך טאַקע א תפילה צו דעם, וואָס זיצט אויבן, און איך בעט זיך ביי אים: פארגעס מיך ניט אין דעם דאָזיקן הושענא-רבה'דיקן טאָג! אַ קוויטל! אַהער אָדער אַהין, אַבי אַ קוויטל . . .

פאַרשטייט זיך, עס איז שוין בעסער א קוויטל אהער איידער אַהין . . . וואָס שאדט עס דיר, גאָטעניו, אז אהער? . . .

טהענק יו, רבונו של עולם.

## רבונו של עולם איך האָב פיינט אַז מען נודעט...

האָבן מיר שוין, הייסט עס, אונזערע בילעטן פאַר דעם קו־מענדיקן יאָר. — הושענא רבה האָט יעדער פון אונז באַ־קומען זיין קוויטל און דאָרט אין הימל איז שוין אַלץ פאַר־שריבן געוואָרן, וואָס עס דאַרף געשען מיט אייך און מיט מיר ביז דעם קומענדיקן ראש השנה, הבא עלינו לטובה.

מיט די הימלישע קוויטלעך איז ווי מיט פרייע „פּעסעס" אין אַ טעאַטער אריין. מען קריגט זיי טאַקע אומזיסט, אָבער מען נעמט פאָרט אַ טשענס. אַמאָל טרעפט מען אָן אויף אַ גוטער פאַרשטעלונג און אַמאָל נודיעט מען זיך אָפּ לאַנגע שטונדן און מען קומט ארויס, לא עליכם, מיט אַ קאָפּ-ווייטיק.

מיר האָבן נאַטירלעך אפילו קיין באַגריף ניט, וואָס אונזע־רע קוויטלעך וועלן אונז ברענגען הייַנטיקס יאָר, אָבער וואָס עס זאָל מיט אונז ניט פּאַסירן, האָפן מיר אָבער, אַז מען האָט אונז ניט פאַרשריבן אַ נודנע יאָר ח"ו, ווייל דאָס וואָלט געווען, פון אונזער פערזענלעכן שטאַנדפונקט, די שווערסטע און ברוטאַלסטע שטראָף.

דער טויט איז אפילו אויך אַ שווערע און ברוטאַלע שטראָף, אָבער ניט אַזוי שווער און ניט אַזוי ברוטאַל ווי נודאַטע. טויט — ווייסן מיר אַלע — מוז סוף כל סוף קומען און אַוועקנעמען אונ־זער לעבן. אַמאָל קומט דער מר. טויט אַביסל פריער, און אַמאָל קען מען זיך אויף אים ניט דערוואַרטן, אָבער ווען ער זאָל ניט קומען, איז ער אַן אויסלייזער פון צרות און פון נויט. מר. טויט ווישט אַלץ אָפּ, באַפרייט פון אַלע דאגות, און מען גייט זיך אַוועק אויף יענער וועלט מיט אַ מינע פון „אַי שוד וואָרי" און „אַי דאָנט קעיר". דער טויט באַפרייט פון מאַרט־געדזשעס, פון הונגעריקע קינדער, פון ביליקער קאָנקורענץ, פון אייפערזוכט, פון שנאה און פון קנאה. אפילו משיח קען ניט אויפטאָן אַזוי פיל, ווי אָט דער גוט־באַקאַנטער און וועלט־באַרימטער טויט, וואָס הערשט איבער אונזער אַלעמענס לעבן.

און אויב מיר באַטראַכטן דעם טויט פאַר אַ שטראָף, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל מיר זיינען, ניט־צו־אייך־געזאָגט, גרוי־סע חזירים, עס איז אונז קיינמאָל ניט גענוג. מיר ווילן נאָך מאַרטגעדזשעס, נאָך שנאה, נאָך הונגער, נאָך צרות און דאגות, נאָך האַרץ־ברעכעניש און נאָך יסורים.

די קליגערע מענטשן — אָט די יעניקע, וואָס זעען איין, אַז זיי האָבן שוין געהאַט „פּלענטי" — טוען אָפּ דעם טויט אַ שפּיצל. אויב ער קומט ניט צו זיי אין צייט, גייען זיי צו צו אַ בריק און שפּרינגען דעם טויט גלייך אין די אָרעמס אַריין — און דעמאָלט האָט שוין דער טויט קיין ברירה ניט, און מוז זיי צונעמען . . .

און דערפאַר בעט איך זיך טאַקע ביי דעם גוטן האַר פון דער וועלט, אַז ער זאָל אַרונטערשיקן עפּעס אַ גוט קוויטל — לעבן אָדער טויט, קיין חילוק ניט — אַבי ניט נודזשען . . .

# שמחת תורה — טוירע-דעי

אידישע קינדער פון איבעראל! ווי איר ווייסט מן הסתם זיינט איר די אמת'ע צאן קדשים, די הונדערט פראָצענטיקע אתה בחרתנו'ניקעס, דאָס אייבערשטע פון שטייסל ביי גאָט ברוך-הוא! איר זיינט דאָס אמת'ע תורה-פאָלק און איינמאָל אין יאָר דאַרפט איר אָפּגעבן אייער צייט און אייער הארץ פאַר דער תורה, וואָס דער גוטער גאָט האָט אין זיין גענאָד אייך געשאָנקען.

כאַפּט ארום די הייליקע תורה, פונקט ווי זי וואָלט געווען אייער געליבטע און דרייט זיך מיט איר ארום צום קלאַנג פון עוזר דלים און קושט הארציק דעם זוים פון איר יום-טוב'דיק קלייד מיט די זילבערנע און גאָלדענע פראַנזן.

נעמט א גלעזעלע משקה און וואַרימט אָן אייער הארץ און אייער בלוט, פארגעסט אז די ביזנעס זיינען אין דער ערד, און אז דאָס ווייב איז דיק און אַלט געוואָרן, און אז די טעכטער זיצן אויפ'ן קאַרק און אז דער סטאַק מאַרקעט פאַלט און פאַלט און פאַלט — פאַרגעסט אָן אייערע שונאים און פריינט און פרייט זיך מיט דער תורה...

איינמאָל אין יאָר איז שמחת תורה, און פונקט ווי מיר שיקן א באָקס קענדי אונזער מאַמען צו „מאָדהערס דעי", אזוי מוזן מיר היינט מאַכן חנ'דלעך צו דער תורה, ווייל היינט איז „טוירע-דעי."

א גאַנץ קיילעכדיק יאָר באַדערט אייך די תורה אפילו אויף א האָר ניט, און אויב איר ווילט דוקא עסן כשר חלב, שטייט זי אייך ניט איבערן קאָפּ און הייסט אייך ניט אָפּהיטן אירע „רולס און רעגוליישאָנס." פאַרגלוסט זיך אייך א שטיקל „בייקאָן" אָדער גלאַט א שטיק חזיר-פלייש, זאָגט אייך די תורה קיין דעה ניט. ווילט איר ניט היטן אירע צען געבאָט רופט זי אייך ניט דערפאַר צום דיסטריקט אטוירני, און אפילו

פאַר׳ן „לא תגנוב״ ווערט איר ניט באַשטראָפט, סיידן מען כאַפּט אייך, און ערשט דעמאָלט האָט איר נאָך אלץ א טשענס, אויב איר האָט א גוטן לאָיער...

און דערפאר ווען עס קומט דער היילינער „טווירע־דעי״ איז עס אייער פליכט צו פרייען זיך, עס איז אייער פליכט צו עסן געבראָטענע קאַטשקעס און עס איז אייער פליכט צו טרינ־קען א גלעזל און נאָך א גלעזל...

עס איז אייער תורה — פרייט זיך מיט איר!

אין די לעצטע יאָרן איז די תורה שטארק פארנאכלעסיקט געוואָרן. דער קריזיס האָט אויף איר געהאַט א שלעכטע ווירקונג, זי איז פארדריינגט געוואָרן אין די שווערע הונגער־יאָרן: מפטיר איז ביליקער געוואָרן, שלישי איז געוואָרן אוים מיוחס, און ששי „פעדעלט״ נעבעך ארום מיט זיך און ביינקט נאָך דער באלעבאטישער ברכה, וואָס מען פלעגט איבער אים מאַכן מיט גרויס פּאָמפּ.

און דערפאַר איז עס אַבסאָלוט נייטיק, אַז כאָטש איין טאָג אין יאָר זאָל מען דער תורה מאכן א באנקעטל.

די תורה, מיינע פריינט, איז ניט ווי א לענדלאָרד אדער ווי די געז־קאָמפּאני, זי מאָנט ניט, אָבער טאקע דערפאר מוז מען איר באצאָלן, וואָס עס קומט איר.

און גלויבט מיר, אַז איר זיינט געווען אַ סך גליקלעכער אין יענער צייט, ווען איר זיינט געגאנגען אַרום דער תורה מיט אייער פאָן מיט אן אויסגעשטאָכענעם רויטן עפּעלע און מיט א ליכטל פון אויבן, און אייער פנים האָט געשיינט ווי הונדערט זונען און אייער הערצל האָט געקלאַפּט מיט אמת׳ער פרייד צוליב דער תורה.

געדענקט איר נאָך דעם ניגון פון „וזאת הברכה״, ווען מען פלעגט די סדרה לייענען ביי אייך ערגעץ דאָרט אין

בערדיטשעוו און אין טארנאָפּאָל? אויב איר האָט א חוש פּאר נגינה, פּרואווט און דערמאָנט זיך, ווייל צוזאמען מיט דעם ניגון איז פארבונדן א שטיק פון אייער יוגנט, וואָס האָט אייך געבראכט אַזויפיל פרייד. דערמאָנט זיך און לאָזט מיר וויסן דורך א פּאָסטל-קארד צי דער ניגון פון „וזאת-הברכה" איז ניט א סך זיסער ווי דער ניגון, לאָמיר זאָגן, פון „האָט מאמא" אָדער פון „שי איז מיי בייבי", און אויף דעמזעלבן פּאָסטל-קארד לאָזט מיר אויך וויסן, צי האָט איר זינט יענער צייט ערגעץ וואו באַגעגנט אזוי פיל פרייד, ווי די פרייד אין אייער טאַטנס אויגן, ווען מען האָט אים אויפגערופן צו חתן תורה אָדער חתן בראשית?

און אויב מען וועט אייך מכבד זיין מיט דער הקפה „עוזר דלים," מיינט ניט, אז דאָס איז א קיבעץ אויף אייער אַרבעטסלאָזיקייט און אָרימקייט. דער „עוזר דלים" איז על-טער פון אַלע קריזיסן, און אידן זיינען אָרימעלייט נאָך פון ששת ימי בראשית אָן.

און געדיינקט וואָס מיר זאָגן אייך אָן:

פּארקויפט ניט אתה הראית „שאָרט" און אויב איר באַ-צאָלט מיט עטלעכע „פּאָינטס" מער פאר פּתיחת הארון, גיט אַכטונג אויף אייער אינוועסטמענט, ווייל נאָך שמחת תורה וועט פּתיחת הארון שטארק פאלן אין פרייז, און איר וועט מוזן ווארטן א יאָר צייט ביז דער פרייז וועט ווידער אויפגיין.

פּארלאָזט זיך ניט אויף די סטייטמענטס פון אייערע גבאים. אפילו דער פּרעזידענט פון דער נעשאָנאל סיטי באַנק גיט אַמאָל ארויס א פארפירערישן סטייטמענט...

לאָמיר זיך פרייען, אידישע קינדער, און לאָמיר הנאה האָבן פון דעם שיינעם יום-טוב.

שמחת-תורה איז דער קלימאַקס פון אַלע ימים טובים, א מין פייערונג פון וואַפנשטילשטאַנד צווישן מענטש און גאָט.

אָפּגעקרעכצט דעם ראש השנה, אָפּגעכליפּעט דעם יום־כּפּור, ארויסגעקראָגן דאָס קוויטל — ווערט אביסל לייכטער אויף דעם געמיט און מען כאַפּט א טענצל מיט דער תורה, אקוראט ווי אין פּסוק שטייט: שישו ושמחו בשמחת תורה.

מען טאָר אָבער ניט פארגעסן, אז מען דאַרף נעמען א טרונק בראָנפען אום שמחת־תורה, ווייל אן אביסל משקה איז א שמחה קיין שמחה ניט, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס א איד קאָן קיינמאָל ניט אָפּשאַצן דעם אמת'ן ווערט פון דער תורה, סיידן ער איז אביסל פארשנאָשקעט...

אויב דער ניגון פון „וזאת הברכה" קלינגט אזוי פייער־לעך אום שמחת־תורה, איז עס נאָר דערפאר, וואָס איר קאָנט באַלד נאָך אייער עליה צוגיין און נעמען א טרינק בראָנפן און פארבייסן מיט אַ שטיק האָניק־לעקעך. מען פילט זיך דעמאָלט ווי אן אמת'ער מחותן, וואָס האָט נאָר־וואָס די מוזינ־קע אויסגעגעבן. און אזוי ווי ביי דער תורה איז „וזאת הברכה" די אמת'ע מוזינקע, דערפאר האָט דער אייבערשטער געהייסן זיך משמח זיין און טרינקען ווי ווייט ס'לאָזט זיך, און א קאַפּעטשקע מער ווי עס לאָזט זיך...

תורה מיט רש"י איז גוט, תורה מיט מהרש"א איז טיף, תורה מיט תוספות איז הייליק, אָבער תורה מיט א „קאַקטעיל" איז אַ נאַק־אַוט...

## אַ דרשה פון בראָנקסער פּעטער נאָך דער צענטער כוסה

הערט אויס, איר פּיפּערנאָטערס פון בראָנקס און בראָנז־וויל און פון אַלע עקן וועלט! גרויסע משוגעים זיינט איר, גרויסע אידיאָטן, בהמות זיינט איר גרויסע! קוקט זיך נאָר אָן, וואָס פאר א פּנים איר האָט! א שענערס לייגט מען דאָך אין דער ערד אריין! וואָס זיינט איר אזוי צעטומלט צו אַל־

די־גוטע יאָר? וועלכע שיפן זיינען דאָס ביי אייך אונטער־געגאַנגען? וואָס גייט אייך אַזוי אָן דער קריזיס? וואָס שרייט איר און מאַכט קולות? האָסטו געהערט אַזוינס?! זאָגט מיר נאָר, כ׳בעט אייך, ר׳ חיים: ווען זיינט איר געקומען קיין אמעריקע? מיט 27 יאָר צוריק? נו, אַל רייט! מילא איר אליין געדענקט דאָך, אַז איר זיינט געקומען אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער; אַז אַ ברודער אייערן האָט מען דער־הרג׳עט אין אַ פּאָגראָם; אַז ביים טאַטן אייערן האָט מען צו־גענומען די קאָנצעסיע זיינע, און איר אליין זיינט געווען ווי אויפ׳ן וואַסער. האָט איר זיך באַטראַכט און איר זיינט אַנט־לאָפן קיין אמעריקע. איר זיינט געוואָרן אַ דיש־וואַשער ערגיץ אין אַ רעסטאָראַנטל אויף ריווינגטאָן סטריט. איר האָט געאַר־בעט שווער, אָבער איר זיינט געווען צופרידן וואָס מען לאָזט אייך לעבן, און איר האָט נאָך אפשר אָפּגעשפּאָרט אַ דאָלער אויף אַ רעגנדיקן טאָג. מיט איין יאָר שפּעטער, ר׳ חיים, האָט איר שוין געהאַט אַן אייגענעם רעסטאָראַן, איר האָט אָנגע־הויבן צו פאַרדינען זייער שיין, און דערנאָך האָט איר אָפּגע־געקויפט איין הויז און דערנאָך דאָס צווייטע, און איר זיינט געוואָרן אַ לענדלאָרד; ס׳איז אייך געווען גוט ווי די וועלט אַזוי שנעל ווי די טענענטס האָבן אייך אָנגעהויבן צו שילטן!...
דער וואָרט לענדלאָרד האָט אייך צוגעגעבן אַ שטיק געזונט, און די קולות פון די טענענטס האָבן אייך שטענדיק אָנגענעם דער־מאָנט, אַז איר זיינט טאַקע אַ לענדלאָרד. ניט אַזוי? אַ קאַפּי־טאַליסט זיינט איר געוואָרן! אייערע קינדער האָט איר גע־שיקט לערנען און זיי זיינען אויסגעוואַקסן לאָיערס און דאָק־טוירים. איר האָט דערווייל אָנגעקויפט נאָך עטלעכע הייזער. דערנאָך האָט איר געמופט אין בראָנקס, דערנאָך אין וואַשינג־טאָן הייטס, דערנאָך האָט איר ספּעקולירט אין וואָל סטריט און ווידער געמאַכט געלט. ביי אייך אין הויז איז געווען די טייערסטע פוירניטשור, און ביי אייער טאָכטער׳ס חתונה האָט איר געגעסן געבראָטענע טייבעלעך און זיך קאַליע געמאַכט דעם מאָגן.

„לחיים ר׳ חיים! נעמט נאָר, כ׳בעט אייך נאָך אַ טרונק בראָנפן! דערנאָך האָט גאָט געהאָלפן און איר זיינט געוואָרן אויס קאַפּעליוש מאַכער. אוים! עס האָט ערגיץ אַ קראַך געטאָן און דער דונער האָט, נאַטירלעך, געטראָפן אייך אויך. אייערע הייזער זיינען איצט קיין סך ניט ווערט, איר האָט צרות מיט די טענענטס אייערע: זיי שילטן שוין ניט, אָבער זיי ווילן ניט צאָלן קיין רענט, ווייל זיי האָבן ניט. גייט איר אַרום ווי אָן אַ קאָפּ און איר ווילט אפילו ניט ספּענדן דריי דאָלער פאַר „אתה הראית", אַ רוח אין אייער טאַטן אַריין! שעמען זאָלט איר זיך, ר׳ חיים, אין אייער ווייטן האַלז אַריין! שעמען זאָלט איר זיך! איר האָט געקאָנט „אריבערטראָגן" די גוטע צייטן מיט אַזוי פיל חן און מיט אַזאַ לייכטן הארץ; איר פלעגט קוקן אין שפּיגל אַריין און טראַכטן ביי זיך, אַז עס פּאַסט אייך צו זיין אַ גביר. אָבער טאָמער האָט זיך דאָס רעדעלע אַביסל אַ דריי געטאָן — שוין! איר זיינט שוין אויס מענטש! איר קייעט שוין די ערד, און מאָרגן וועט איר זיך ארומטראָגן מיט דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף באַגיין זעלבסט-מאָרד...

„ר׳ חיים! איר זיינט אַ גרויסער פּאַסקודניאַק, זיינט איר! איר זיינט אַ פּיפּערנאָטער און אַ אידיאָט זיינט איר. איר ווייסט דאָך אפילו ניט, אַז געלט איז בגימטריא בלאָטע. ווי איר קוקט מיך אָן, מיך, דעם בראָנקסער פעטער, וואָס כל ימי געווען אַ בלוטיקער אָרימאַן — איך בין „בעסער-אָף" פון אייך. איך בין אַ פריילעכער יאָט אַ גאַנץ יאָר, און שמחת תורה בין איך צען מאָל אַזוי פיל פריילעך. איך האָב גאָרנישט און דאַרף גאָרנישט. וואָס ווייניקער איך האָב, אַלץ פריילעכער בין איך, און אַ טרויעריקן טאָג האָב איך נאָך אין מיין גאַנצן לעבן ניט געהאַט. הונגער-טעפּ יאָ, אָבער טרויעריקע — נעוועד!

„יאָ, ר׳ חיים! איר זיינט אַ גרויסער אידיאָט! עס פעלט אייך שכל און איר וועט שטאַרבן מיט די קנייטשן אויפ׳ן שטערן אָנשטאָט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן. איר זיינט אַ לא

יוצלח, ר׳ חיים, און איר זיינט ניט ווערט, אַז מען זאָל אויף אייך רחמנות האָבן. דער רוח זאָל אייך נעמען, ר׳ חיים — לחיים!״

## שבת בראשית

דער שבת פון וועלט-באַשאַף — שבת בראשית.

דער בעל קורא אין שול וועט אייך היינט נאָכאַמאָל דערציילן די גאַנצע מעשה פון אָנהייב אָן. איר וועט הערן ווי אַזוי דער גוטער גאָט האָט געמאַכט דעם דזשאָב אין זעקס טעג צייט, און ווי אַזוי ער האָט אָרגאַניזירט דאָס גרויסע געשעפט, וואָס רופט זיך וועלט.

די גאַנצע מעשה לייענט זיך ווי א שפּאַנענדער ראָמאַן.

עס ווערט באַשריבן ווי דער גוטער גאָט האָט מיט יאָרן צוריק גענומען אַ גרויס שטיק גאָרנישט און דערפון באַשאַפן די וועלט, און כאָטש עס איז ניט ארויסגעקומען קיין גרויס קונסט-ווערק, מוז מען אָבער נעמען אין אָנבאַטראַכט די קורצע צייט, אין וועלכער ער האָט די וועלט באַשאַפן, און דערצו אָן מאַטעריאַל און אָן ווערקצייג. ער האָט דאָך אפילו קיין העמערל מיט עטלעכע טשוועקעס ניט געהאַט. דאָס איז טאַקע צו באַדויערן, ווייל ווען דער גוטער גאָט וואָלט דעמאָלט יאָ געהאַט א העמערל מיט עטלעכע טשוועקעס, וואָלט זיך אפשר די וועלט היינט געהאַלטן מער צוזאַמען...

אָבער טראָץ אַלע שוועריקייטן און טראָץ דער קורצער צייט, איז פאָרט עפּעס אַרויסגעקומען. עס איז, קודם כל, אַרויסגעקומען אַזאַ וואונדערבאַרער הימל, וואָס עס איז א מחיה צו קוקן אויף אים, און אפילו ווען דער הימל ברענגט קיין נוצן ניט, איז ער פון דעקאָראַטיוון שטאַנדפּונקט א וויכטיקער ביישטייער צו דער גאַנצקייט פון דעם אוניווערז.

די ערד, וועלכע דער גוטער גאָט האָט באַשאַפן אין גע־ציילטע עטלעכע שעה, איז טאַקע ניט פון די סאַמע געראָטענע זאַכן וואָס זיינען פון זיינע געטלעכע הענט אַרויסגעקומען, אָבער אפילו די ערד האָט זיך אירע מעלות. קודם כל האָבן זיך די מענטשן מיט וואָס צו שפּילן, און זיי שפּילן זיך טאַקע אין „כאַפּערלעך". יעדער וויל פאַרכאַפּן אַ גרעסער שטיק ערד פאַר זיך, און ווער עס איז שטאַרקער פאַרכאַפּט מער. אין דעם דאָזיקן שפּיל ווערן אַ סך מענטשן דער'הרג'עט, און דאָ קומט ווידער די ערד שטאַרק צונוץ: זי זאַפּט איין אין זיך דאָס בלוט און גיט אונז דערצו פּלענטי באָדן פאַר סעמע־טערים...

אָבער דער שפּאַנענדסטער טייל פון דעם גרויסן ראָמאַן איז די באַשאַפונג פון אָדמ'ען. דאָ הייבט זיך אָן דאָס סאַמע געדיכטע פון דעם ראָמאַן. ווען דער גוטער גאָט האָט שוין געהאַט אַלץ פאַרטיק, האָט ער זיך דאַן אַרומגעזען, אַז עס וואָלט כדאַי געווען צו באַשאַפן נאָך עפּעס אַ באַשעפעניש וואָס זאָל קאָנען אָפּשאַצן דאָס גרויסע קונסט־ווערק זיינס. ער האָט געדאַרפט אַ גאַליאַרקע וואָס זאָל שרייען „הוראַ" און ער האָט געדאַרפט פּאַטריאָטן וואָס זאָלן פּאַטשן בראַוואָ. ער האָט אָפּילו אין אָנפאַנג געטראַכט, אַז די בהמות וואָלטן גע־קאָנט זיין גוטע בראַוואָ־פּאַטשערס, אָבער עס האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז די בהמות זיינען צו נאַאיוו פאַר אַזעלכע זאַכן. און טאַקע יאָ, וואָס ווייסט אַ בהמה?

בקיצור, גאָט איז געקומען צום באַשלוס, אַז מען מוז באַ־שאַפן אַ מענטשן, און איידער וואָס־ווען איז ער צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

ער האָט צונויפגערופן עטלעכע מלאכים און זיי געגעבן אַן אָרדער: גייט אַרונטער אויף דער ערד און נעמט צונויף אַ זשמעניע בלאָטע פון אַלע פיר עקן פון דער ערד (דעמאָלט איז די ערד נאָך אָפּנים ניט געווען קיילעכדיק) און ברענגט

מיר די בלאָטע צו מיין כסא הכבוד, וועל איך מיר דאָרט פון דער בלאָטע מאַכן אַ מענטש.

די מלאכים זיינען ניט געווען צופרידן. עפּעס האָט זיי ניט געשמעקט דער עסק. צו וואָס דאַרף מען האָבן מענטשן אויף דער וועלט? אָן מענטשן — האָבן זיי געזאָגט — וואָלט די וועלט געווען אַ סך שענער און עלעגאַנטער, און וואָס ס'איז נוגע שירה־זינגען, קאָנען די מלאכים זינגען אָוועקטיים, אויב עס איז נייטיק.

די טענות פון די מלאכים האָבן אָבער ניט געהאָלפן. גאָט האָט געוואָלט האָבן מענטשן כדי עס זאָל זיין פרייליכער, און די מלאכים האָבן געמוזט, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, גיין ברייננגען די בלאָטע. אָבער אָנשטאָט אַ זשמעניע האָבן זיי געבראַכט גאַנצע פּעסער מיט בלאָטע, און אַז דער גוטער גאָט האָט עס דערזען האָט ער זיך ממש דערקוויקט. מיט עטלעכע רגע'ס שפּעטער האָט דער בורא עולם אריינגעהויכט אַ נשמה אין דער בלאָטע און אָט איז געוואָרן אָדם.

אדם! דאָס וואָרט האָט אָפּגעקלונגען אין אַלע הימלען. אדם, אַ מענטש!

און די מלאכים האָבן אָנגעהויבן לאַכן דאָס גרעסטע געלעכטער.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט מען אַ פרעג געטאָן אין גאָט'ס נאָמען ביי אָדמ'ען, וואָס זיין באַגער איז, און אָדם האָט קיין סך ניט געטראַכט און אַרויסגעשאָסן אין אַ גאַלי־ציאַנער־פּוילישן דיאַלעקט:

עך וויל אַ וואַב!

די מלאכים האָבן ווידער אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער:

— אַ ווייב וויל ער! — האָט איין מלאך אָנגעזאָגט די בשורה צום צווייטן.

און איר מעגט מיר גלויבן, עטלעכע מלאכים האָבן זיך ממש געקאַטשעט איבער'ן הימל פון לויטער לאַכן.

אָדם איז געשטאַנען און געקוקט אויף די מלאכים מיט פאַראַכטונג און צאָרן. ער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין וואָס „דער נאַר שטופּט זיי" אַזוי...

— עך וויל אַ וואַב! — האָט ער נאָכאַמאָל אויסגע־דונערט.

און גאָט ברוך הוא האָט באַלד איינגעזען, אַז אַ ווייב וועט שוין שטענדיק זיין אָדם'ס שוואַכקייט און אַז אָן אַ ווייב וועט ער זיין אַ פאַרלוירענער מענטש. ער האָט טאַקע אין דער רגע באַשלאָסן צו געבן אים אַ ווייב.

אָבער אַזוי ווי די מלאכים האָבן זיך געקווייטשט צו גיין זוכן נאָך בלאָטע, איז דער גוטער גאָט געפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט אויסגעשניטן אַ ריפּ ביי אָדמ'ען בשעת ער איז גע־שלאָפן, און פון דער ריפּ באַשאַפן פאַר אָדמ'ען אַ ווייב.

און מיט'ן ווייב האָבן זיך אָנגעהויבן צרות. ערשטנס, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ דירה, און דער גוטער גאָט האָט געמוזט באַשטימען אַ גאַנצן „עסטייט" פאַר דעם פּאָר־פאָלק. דער דאָזיקער „עסטייט" האָט געהייסן גן־עדן, אָבער חוה (אַזוי האָט געהייסן אָדמ'ס ווייב) איז ניט געווען צופרידן. עפּעס האָט זי געזוכט. עפּעס האָט געעגבערט איר האַרץ. מיט איר מאַן האָט זי אפילו געלעבט בשלום, אָבער מיט דער צייט האָט זיך איר דער מאַן צוגעגעסן און זי האָט געוואָלט האָבן אביסל „עקסייטמענט"...

און דערנאָך איז געווען דער אמת'ער טראָבל. אַ פאַמיליע־סקאַנדאַל מיט אַן עפּעלע פונ'ם עץ הדעת, וואָס דאָס האָט אוועקגעשטעלט די ערשטע פּרוי אין אַ מיאוסן ליכט.

דערנאָך זיינען די קינדער אויסגעוואַקסן, אָבער אַז אָך און וויי. דער עלטערער זון קין איז געוואָרן אַ רעגעלער

גענגסטער און גענומען זיין אינגערן ברודער הבל'ן „פֿאַר אַ ראַיד״; דער גוטער גאָט האָט ערשט דאַן איינגעזען, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות מיט דער וועלט, און ווען ניט אַ געוויסער נח, וואָס איז געווען אַ באַלעבאַטישער מענטש, וואָלט דער אייבערשטער צו־נישט געמאַכט זיין באַשאַפונג און מיר וואָלטן היינט געווען אומגעבוירענע מענטשן, וואָס וואָלטן זיך ארומגעדרייט אין אַ גרויסן „גאָרנישט״ אָן אַ צוועק און אָן אַ טאָלק.

נח האָט געראַטעוועט די וועלט און דערנאָך האָט מען אים אוועקגעשטעלט אַ מאָנומענט אין חומש — מען האָט אים אוועקגעגעבן אַ גאַנצע סדרה.

שבת בראשית איז ביי מיר אַ גרויסער שבת. עס איז דער שבת פון וועלט־באַשאַף, און איך בין דאַנקבאַר פאר דער וועלט — אָן איר וואָלט געווען שרעקלעך נודנע...

# חנוכה

## אַ נס מיט אייל

הערט אַ מעשה: אביסעלע בוימל, וואָס איז געווען גענוג קוים אויף איין טאָג, האָט געסטאַיעט אויף גאַנצע אַכט טעג. אַך, ווען אַזאַ נס געשעט היינטיקע צייטן מיט אונזער אויל־בוירנער, וואָלטן מיר דאָך געטאַנצט פון פרייד, אָבער פון ראַקעפעלער׳ן וואָלט נעבעך געוואָרן אַ תל . . .

לויט דעם נס מיטן קריגעלע בוימל האָבן אידן אייגנטלעך געדאַרפט האַלטן אין זייערע הענט די אויל־אינדוסטריע פון דער וועלט, איז אָבער ווי אויף צו להכעיס די גאַנצע אינ־דוסטריע אַריינגעפאַלן אין ניט־אידישע הענט, און אויב עס

האַנדלט דאָרט ערגעץ אַ איד מיט אביסל שמן זית, וואָס פאר אַ באַדייט האָט ער קעגן דער סטאַנדאַרד אויל קאָמפּאני?

קיי־און־שפּיי!

יאָ, היסטאָריש זיינען מיר באַרעכטיקט צו אויל, און גלויבט מיר, אַז מיר וואָלטן געקענט פאַרקויפן „מאַקאַבעער געזאָלין", וואָס וואָלט געווען פונקט אזוי גוט ווי „סאַקאָנאַ געזאָלין" און אפשר נאָך בעסער, אָבער גיי האָב טענות צו די אויל־מאַג־נאַטן, אַז זיי ווייסן ניט און קענען ניט קיין אידישע געשיכטע...

די אידן און די קריסטן האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער ירושה פון יהודה המכבי: זיי האָבן צוגענומען דעם אויל און מיר זיינען געבליבן ביים נס...

## מיר זיינען אַ פאָלק פון נסים, זיינען מיר

מיר אידן זיינען אַ פאָלק פון נסים — אָט וואָס מיר זיינען.

אונזערע נסים הייבן זיך אָן העט־ווייט און לאַנג צוריק. מיר האָבן שוין געהאַט אונזערע נסים איידער עס איז געשען דער באַרימטער נס מיט׳ן קריגעלע בוימל און נאָך איידער דער העלדישער גענעראַל יהודה המכבי האָט אזוי ביטער צע׳מזיק׳ט דעם פאַשיסט אַנטיוכוס, וואָס אַ דאַנק אים עסן מיר לאַטקעס און מיר שפּילן דריידל יעדן יאָר אַרום קריסטמעס צייט...

מיט אונזערע נסים — אויב איר ווילט — קענען מיר צוריקגיין אַזוי ווייט ווי ביז צו אדם הראשונ׳ען אַליין. אדם איז געווען אונזער גרויסער ערשטער נס. ווי איר ווייסט, איז אדם געווען דער ערשטער איד אויף דער וועלט, און עס האָט דאָך געקאָנט זיין פאַרקערט. אדם האָט דאָך געקאָנט געבוירן ווערן אַ טערק, אָדער אַ קאָזאַק, אָדער גאָר אַ כינעזער, איז אָבער געשען אַ נס, און די אידן האָבן אים אַדאָפּטירט פאַר זיך. ער איז געוואָרן אונזערער.

ו ו י  אַ ז ו י  מיר האָבן אים אַדאַפּטירט און ווי אַזוי מיר האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ אידן, איז זיך אַ מעשה פֿאַר זיך אַליין, און ס׳איז בעסער, אַז איר זאָלט קיין קשיות ניט פרעגן. עס איז געגנוג, אַז מיר ווייסן, אַז אדם איז געווען דער ערשטער חלוץ פון דעם ערד-קוגל, אַז ער איז געווען דער פּיאָנער פונ׳ם אוניווערז און דער סאַמע ערשטער מענטש, וואָס אויף גאָט׳ס באַרימטן מייסטערווערק : וועלט.

און פֿאַר אָט די אַלע זאַכן האָט מען געווים געדאַרפט האָבן שכל, מען האָט געמוזט האָבן אַ אידישן קאָפּ אויף זיך. און פון דאַנען איז טאַקע געדרונגען, אַז אדם איז געווען אַ איד. וואָס דען האָט ער געקאָנט זיין ? אַ פראַנצויז ? אַ סקאַטשמען ? אַז עס זיינען נאָך דעמאָלט אַזעלכע מלוכות גאָר אויף דער וועלט נישט געווען !

יאָ, אדם איז געווען דער ערשטער גרויסער אידישער נס, און מיט אים הייבן מיר טאַקע אָן די אידישע געשיכטע, וואָס באַשטייט פון לויטער נסים.

דער מבול, ווי איר ווייסט, איז דאָך אויך געווען אַ נס. אונזער זיידע נח, וועלכער האָט געלעבט צווישן לויטער נאַצים, האָט זיי אַלעמען פאַרניכטעט דורך אַ נס. די דעמאָלסדיקע היטלעריסטן זיינען אויך געווען גרויסע גאָט-לעסטערער, און אַזוי ווי אונזער זיידע נח האָט ניט געוואָלט, אַז די נאַצים זאָלן זיך מערן — האָט דער גוטער גאָט ארויסגעצויגן אַ נס פון דעם הימלישן שופלאַד און האָט מיט אים פאַרניכטעט אַלץ וואָס ער האָט אליין באַשאַפן, איבערלאָזנדיק איין-איינציקן אידן מיט זיין משפחה, עטלעכע בהמות, עטלעכע פליגן און עטלעכע קאַטשקעס, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען אָנהייבן אַ לעבן אויף-דאָס-ניי נאָכ׳ן גרעסטן רעגן פון דער געשיכטע.

און אַז יהושע האָט איינגענומען די שטאָט יריחו מיט שופר-בלאָזן, איז דאָס געווים געווען אַ נס, און אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן פֿאַר אידן אין מצרים, דאָס איז דאָך אודאי

געווען אַ נס, און אַז אחשורוש האָט אויפגעהאנגען המנ׳ען, איז עס אודאי און אודאי געווען אַ נס. היינט־זשע אַז יוסף הצדיק האָט זיך געראַטעוועט פון דער עגיפּטישער מרס. סימפּ־סאָן (פּוטיפר׳ס ווייב), איז דען דאָס ניט געווען קיין נס? און אַז דניאל איז געלעגן אין אַ שטייג מיט לייבן און די לייבן, הערט איר, האָבן אפילו אים ניט אָנגערירט, איז דען דאָס עפּעס אַנדערש ווי אַ גאַלער נס?

דערנאָך קומען נאָך נסים מיט נסים. ווער קאָן זיי דען אַלע געדענקען? דער נס, למשל, מיט דוד׳ן און גלית׳ן, דער נס מיט אליהו הנביא, וועלכער האָט באַוויזן די געצנדינערישע פּאַרכעס פון דעם גאָט בעל, אַז אונזער גאָט איז טאַקע אַ גאָט און אַז זייער גאָט — נאָר לאָמיר בעסער ניט ריידן דערפון.

און אפילו אַמעריקע איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ אידישער נס. צו־וואָס, כ׳בעט אייך, האָט מען געדאַרפט האָבן אַמערי־קע? ס׳איז געווען געגנוג פּלאַץ אויף דער וועלט אָן אַמעריקע אויך. נאָר וואָס־זשע דען? אַזוי ווי שפּאַניע האָט גראָד דע־מאָלט ארויסגעטריבן די אידן פון איר לאַנד און קיין אַנדער לאַנד האָט זיי אריינגעמען ניט געוואָלט, האָט דער גוטער גאָט אַזוי געפירט, אַז די אידישע שונאים זאָלן אליין אַנטדעקן אַ לאַנד, וואו אידן זאָלן זיך קענען צעשפּרייטן און בויען אָן איי־גענע בראָנזוויל, פירן אייגענע פושקאַרטס, שטעלן אייגענע הייזער און דערציען קינדער און קינדס־קינדער.

און וואָס, מיינט איר, איז היטלער? אויך אַ אידישער נס! ניטאָ, הערט איר, קיין שלעכטס, וואָס זאָל ניט ברייננגען מיט זיך אַביסעלע גוטס. היטלער האָט דערוועקט דעם רחמנות פון דער וועלט צו אונז, און ווי שטאַרק מען זאָל אונז איבעראַל ניט פיינט האָבן, דערמאָנט מען זיך שטענדיק, אַז מיר זיינען פּאַרט אַ געפּייניקט פאָלק, און מען האָט אויף אונז רחמנות. ווען ניט אָט אַזעלכע היטלערס, וואָלט אונז די וועלט פאַר־צערט, מען וואָלט אונז אויסגעוואָרצלט, פאַרניכטעט.

און דאָסזעלבע איז דאָך מיט די אידן אין פוילן. אָט מאַכט מען אויף זיי פּאָגראָמען, אָט נעמט מען ביי זיי צו דעם לעצטן ביסן פון מויל, אָט וויל מען זיי גאָר אינגאַנצן ארויסשיקן — אָבער די דריי און אַ האַלבן מיליאָן אידן אין פוילן ל ע ב ע ן — ווי אַזוי לעבן זיי?

מיט נסים, יאָ, מיט נסים.

טאָ, ווי איר זעט, איז חנוכה טאַקע אַ שיינער יום־טוב, אָבער עס איז ניט מער ווי די פייערונג פון איין־איינציקן נס אין אונזער געשיכטע. מיר צינדן די ליכטלעך, מיר רעדען מיט שטאָלץ וועגן די העלדן פון אַמאָל און מיר האָבן היינט הנאה, וואָס עס איז מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק מיט אונז געשען אַ נס.

גרעסערע נסים זיינען געשען זינט יענער צייט, און דער גרעסטער פון אַלע נסים, איז, וואָס מיר האָבן דערלעבט צו פייערן ביז אויף דעם היינטיקן טאָג חנוכה, פּורים, פּסח און אַלע אַנדערע נסים׳דיקע ימים־טובים. איבעראַל, וואו מען שלאָגט אידן און מיר לעבן פאָרט — איז עס דאָך אַ נס; און אפילו אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו מען שלאָגט ניט קיין אידן, איז עס אויך אַ נס.

און דערפאַר, מיינע שבת׳דיקע אידן, האָב איך היינטיקן חנוכה ניט געזאָגט על הנסים, איך האָב געזאָגט „אַלע נסים״.

## דער בראָנקסער פעטער שרייבט א בריוול צו יהודה המכבי

„מיין טייערער און געאַכטעטער יהודה המכבי!

„איך שרייב דיר דאָס דאָזיקע בריוול פּונקט אום ערב חנוכה, ווייל איך וויל, אַז דאָס בריוול זאָל צו דיר דערגרייכן אַקוראַט צום ערשטן חנוכה־ליכטל, וואָס אידן אויף דער גאַנ-

צער וועלט וועלן מאָרגן בענטשן. איך ווייס, אַז דער שיין פון אַט די דאָזיקע חנוכה־ליכטלעך באַלייכט דיין מעכטיקע פיגור, און אלע צדיקים גיבן דיר אָפּ כבוד פאר דיין גרויסן מוט און דיין העלדישקייט. איך וויל דיר זאָגן דעם אמת, טייערער יהודה, אַז זינט דער צייט, ווען די אידן האָבן צע׳מזיק׳ט די יוונים, האָט זיך נאָך אויף דער ארענע ניט באַוויזן קיין אַנדערער העלד, ווי דו. מיר האָבן געהאַט, און האָבן נאָך איצט, גאָר גרויסע אידן, אָבער ווען עס קומט אימעצן צו דערלאַנגען אין פיסק אריין, איז קיינער ניטאָ אין דער היים. זינט דיין צייט האָבן מיר געהאַט א סך קלעפּ־נעמער, אָבער ניט קיין קלעפּ־געבער, און דערפאַר זיינען מיר טאַקע אויף גרויסע צרות.

„אונזער היינטיקער דור פירט דעם קאַמף גאַנץ אנדערש, ווי דו האָסט אים געפירט. ביי דיר איז דער שווערד געווען דיין וואפן; היינט־צו־טאָג נוצן די ליטוואַקעס ד ע ם צונג און די גאַליציאַנער ד י צונג אין קאַמף קעגן אונזערע שונאים. אָט נעם אַזאַ מענטשן ווי דר. וויז! זיין צונג איז זיין קאַנאָן. ניט ער רעדט, נאָר ער דונערט, ער רייסט איין וועלטן. אויב עס איז דאָרט ביי דיר אין זיבעטן הימל פאַראַן אַ ראַדיאָ, הער זיך אַמאָל צו, טייערער יהודה, ווי דער דאָזיקער דר. וויז קעמפט. אָדער נעם אַזאַ מענטשן פון היינטיקן דור, ווי סעמועל אונטערמייער. ער איז שוין, קיין עין־הרע, א איד אין די שפּעטע זיבעציקער, אָבער פונדעסטוועגן קען ער נאָך האַלטן אַ רעדע פון דריי־פיר שעה קעגן אונזער איצטיקן שונא — א געוויסער אַדאָלף היטלער, וועלכער איז טאַקע א גרויסער פּאַדלעץ. אגב האָט איר דאָרט אין הימל עפּעס געהערט וועגן דעם דאָזיקן היטלער? אַך, סאַרא באָם דאָס איז! ווי קומט ער צו דיין אנטיוכוס הרשע? דיין אנטיוכוס, וואָס האָט געקיניגט איבער סיריע, איז דאָך עפּעס געווען א שונא ישראל, אָבער צו אונזער היטלערן קומט ער ניט!

„יאָ, קעגן וואָס איז דאָס צו רייד געקומען?

„אַט אנטקעגן דעם, וואָס מיר אידן פראוועז נאָך אלץ חנוכה פאר דיין כבוד וועגן, מיר דערמאָנען דיך אין „על הנסים" ביי יעדער שמונה־עשרה, אכט טעג כסדר, מיר זאָגן הלל אלע טאָג, מיר עסן לאַטקעס, שפּילן קוויטלעך, און מיר צינדן יעדן טאָג די ליכטלעך, כדי זיך צו דערמאָנען אין אַט דעם נס, וואָס האָט פּאסירט אין דיין צייט, מיט דעם קריגעלע בוימל. ביי אונז אין דער געשיכטע איז אלץ פארשריבן גע־וואָרן וועגן דיר און וועגן דעם גרויסן נס. מיר ווייסן, למשל, אַז דאָס קריגעלע בוימל האָט געהאַט א „פּלאָמבע" פון כהן גדול, און צוליב דער פּלאָמבע איז געראַטעוועט געוואָרן דאָס בית המקדש. מיר האָבן היינט אויך פּלאָמבעס, און מיר האָפן דורך זיי צו ראַטעווען דאָס אידישע פאָלק. אפילו די אינ־דיקעס לכבוד טענקסגיווינג־דעי האָבן אויך פּלאָמבעס. אויב דו האָסט א טשענס, דערצייל דאָרט אונזערע אבות: אברהם, יצחק און יעקב'ן, אַז מיר דאָ, אויף דער ערד, האָבן שוין פּלאָמבעס; זאָלן די אבות, — זייער זכות זאָל אונז ביישטיין — אויך הנאה האָבן.

„יאָ, וואָס־זשע האָב איך דיר געוואָלט שרייבן?

„אהא, איך האָב זיך שוין דערמאָנט: וועגן אידישע צרות. אַי, ליגן מיר אין אדמה, טייערער יהודה! מען לאָזט אונז דעם קאָפּ ניט אויפהייבן. וואו מען דרייט זיך, בוכצעט מען אונז. און אך, ווי מיר זיינען הילפלאָז! מיר האָבן שוין פּרובירט אלע סאָרט מיטלען, מיט גוטע רייד און בייזע רייד, אָבער רעד צו דער וואַנט! פאַראַנען ביי אונז אַ קליינע גרופּע מענטשן, רופט מען זיי רעוויזיאָניסטן, און זיי האַלטן, אז מען דאַרף גיין אין דיינע פוסטריט, דאָס הייסט דערלאַנגען מיטן פויסט איבערן קאָפּ, אָבער אפילו די דאָזיקע רעוויזיאָניסטן ריידן אויך מער, ווי זיי שלאָגן, און אויב זיי שלאָגן זיך שוין יאָ אַמאָל, איז עס ניט מיטן אויסערלעכן שונא, נאָר מיטן אינערלעכן. דאָס גאַנצע געשלעג האָט מיר מיין באָבעס טעם,

— אָדער די הסתדרות'ניקעס האַקן אוים די שויבן ביי די רעוויזיאָניסטן און דאַטם אָל. ווייטער גייט עס ניט.

„אָט די דאָזיקע צעטיילונג און די אינערלעכע קאַמפּן ביי אידן האָבן א סך צו טאָן מיט אונזערע צרות. אין דיינע צייטן, ווען דיין טאַטע ז"ל האָט געזאָגט „מי לד' אלי," האָט עס עפּעס געמיינט; אָבער היינט־צו־טאָג זאָגט יעדע קלייזל דעמזעלבן „מי לד' אלי", און אידן ווערן נעבעך צעטומלט און שטייען אין ערגעץ ניט צו. עס פעלט ביי אונז דער איינהייטלעכער גייסט, טייערער יהודה, און אָן אָט דער דאָזיקער איינהייטלעכקייט איז ביטער צו לעבן.

„אין די טעג פון חנוכה רעדט מען ביי אונז וועגן דעם גייסט, וואָס האָט געהערשט אין דיינע צייטן. מען לויבט דיך ביז אין הימל אריין. מען רעדט וועגן דיר אויף אידיש, העברעאיש, ענגליש, פראַנצויזיש און טאָטעריש, אָבער דיין גייסט זאַפּט מען אין זיך ניט אריין. עס זעט אוים, אז אַזוי וועט עס שוין בלייבן עד סוף כל הדורות.

„מער קיין נייעס צו שרייבן, איך וויל דיך נאָר איינלאַדן צו מיר אהיים אויף לאַטקעס. מיינע, זאָל לעבן, מאַכט לאַטקעס, צעגייען זיי זיך ממש אין מויל. נאָר טאָמער קענסטו ניט קומען צו מיר צו גאַסט, וויל איך אָבער, אַז דיין גייסט זאָל הערשן איבער מיין הויז און הויזגעזינד. עס איז אונז שווער צו לעבן מיט דער צוקונפט, ווילן מיר כאָטש לעבן מיט דער פאַרגאַנגענהייט.

„איך האָב דיך נאָך געוואָלט פרעגן, טייערער יהודה המכבי, צי דו זעסט אַמאָל גאָט־כביכול, און צי איז עס טאַקע אמת, אז ער איז אַזאַ גרויסער גאָט, ווי מען שמועסט ביי אונז אין גאַס, און צי ווייסט ער וועגן דעם ביטערן קאַמף, וואָס די קאָמוניסטן פירן אָן קעגן אים?

„לאָז גריסן די גרויסע צדיקים פון מיינעטוועגן און ווינטש זיי אין מיין נאָמען אַ פריילעכן חנוכה.

**דיין בראָנקסער פעטער."**

## צוויי אידן ראַנגלען זיך

**אין צייט פון פּראָספּעריטי**

— העלאָו וועלינגטאָן (אַמאָל האָט ער געהייסן חיים).

— העלאָו מאנטעגיו (אַמאָל האָט ער געהייסן ברוך).

— וואָס מאַכסטו עפּעס וועלינגטאָן?

— אָלץ איז אָל־רייט, מאנטעגיו.

— ליסן וועלינגטאָן, האָב איך היינט געקויפט א „קריסט־מעס־בוים״, איז עס א רעגעלע „עץ הדר״, אזוינס איז אויף דער וועלט ניטאָ. באצאָלט 137 דאָלער!

— נעווער מיינד, מאנטעגיו, דו קענסט ניט „ביטן״ מ י י ן קריסטמעס־בוים. איך האָב אים באצויגן אזש פון קענעדע. אַ האַלבע שטוב פארנעמט ער, יעדע שפּילקע פון דעם בוים איז אַליוועך־גרין. קיין געל שפּרינקעלע איז אויף אים ניטאָ. עס האָט מיך אָפּגעקאָסט קנאַפּע צוויי הונדערטער.

— מאלע וואָס דו רעדסט, וועלינגטאָן. ביז דו האָסט ניט געזען מיין קריסטמעס־בוים, ווייסט דו ניט וואָס אמת'ע שיינקייט איז. ס'איז דער שענסטער קריסטמעס־בוים אויף דער גאַנצער וועלט.

**אין צייט פון קריזיס**

(דיזעלבע צוויי אידן)

— העלאָו חיים! (אמאָל האָט ער זיך גערופן וועלינגטאָן).

— העלאָו ברוך! (אמאָל האָט ער זיך גערופן מאָנטעגיו).

— וואָס מאַכסט דו עפּעס, חיים?

— אלץ איז אָל־רייט, ברוך.

— הערסט, חיים, האָב איך היינט געקויפט א חנוכה לעמפּל, איז עס באמת אַ צאַצקע. באַצאָלט אַ קוואָדער אויף די־לענסי סטריט.

— נעווער מיינד, ברוך. דו האָסט געדאַרפט אָנקוקן מיין חנוכה-לעמפּל. געקויפט אויף אַן אוקשען און באַצאָלט 35 סענט און צוויי סענט טעקס. עס גלאַנצט ווי די ליכטיקע זון.

— מאַלע וואָס דו רעדסט, חיים. קום אקאָרשט אַריבער צו מיר אהיים, וועסט דו זען, אז מיין חנוכה-לעמפּל איז שענער פון דיינעם. ביי די „אוקשענס" נאַרט מען זיך שטענדיק אָפּ...

## „קיד" מאקאבי

אַ פלעטבושער טאַטע האָט דאָ אנומלטן פאַרהערט זיין בן-יחידל וואָס גייט שוין זיבן יאָר אין דער תלמוד תורה.

— זאָג מיר נאָר, אווירווינגל, וואָס איז דאָס אזוינס חנוכה?

— דאָנט יו נאָו? חאַנוקע איז אַ ביג האָלידעי!

— האָו ביג, זונדעלע מיינס?

— אָ, וועריי ביג. א גאַנצע וואָך! דזשאָסט לאַיק קריסט-מעס.

— נו, איך זע דאָך, אז דו ווייסט אלצדינג, זון מיינער, טאָ זאָג-זשע מיר, ווער איז דאָס געווען דער יהודה המכבי?

— עי ביג שאָט! סאָמטינג לאַיק מעקס שמעלינג.

— גערעכט, מיין קינד, גערעכט, ער איז געווען א גרוי-סער העלד אפשר נאָך גרעסער פון מעקס שמעלינג'ן. ווען ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער מן הסתם געהייסן „קיד" מאַקאַבי און ער וואָלט אויסגע'הרג'עט אַלע תלמוד תורה לע-רער...

# פורים

## די מגילה איבערדערציילט אויף פּראָסט מאַמע לשון, אַזוי אַז יעדער איינער זאָל קענען פאַרשטיין

ערגיץ מיט עטלעכע טויזנט יאָר צוריק זיינען די „טאָב־לאָיד” צייטונגען פון יענער צייט ארויסגעקומען מיט א גרויסן „קאָפּ”, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: „עקסטרא! עקסטרא! קעניג אחשורוש באַפעלט צו ברענגען די קעניגין אַ נאַקעטע; גרויסער סקאַנדאַל אין קעניגלעכן הויף.” דערביי איז אין די־זעלבע צייטונגען אָפּגעדרוקט א גרויס בילד פון דער קעניגין ושתי, און איין צייטונג האָט אפילו געקראָגן א „נאַקעט” בילד פון איר! פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט די דאָזיקע צייטונג אין יענעם טאָג צעכאַפּט ווי מצה־וואַסער, כאָטש די מצות זיינען דאַן נאָך ניט געווען אזוי פּאָפּולער, ווייל מען האָט זיי ניט שטאַרק אדווערטייזט.

עס איז דעמאָלט געווען לעבעדיק אין שושן הבירה, די הויפּט־שטאָט פון פּרס ומדי. דער עולם האָט זיך קוים געקאָנט

דערוואַרטן אויף דער נעקסטער „עקסטרא". איין ציַיטונג איז ארויסגעקומען און דערציילט דעם גאַנצן אמת, ווי אזוי אחשורוש האָט גע'שיכור'ט זיבן טעג און זיבן נעכט נאָכאַנאַנד און אז ער איז געווען אזוי פארטרונקען, אז ער האָט אויף די פיס ניט געקאָנט שטיין. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער זיך גע-וואָלט זען מיט דער נאַקעטער קעניגין. ושתי האָט אָבער אין דערזעלבער צייט אויך געהאַט א „פּאַרטי" פאר ווייבער, און אַזוי ווי זי האָט געוואָלט ארויסווייזן פאר די ווייבער איר „אינדעפּענדענס" איז זי ניט געגאַנגען צום קעניג.

דער קעניג האָט באַלד צונויפגערופן אַלע זיינע מינים-טאָרן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז אויב די קעניגין נעמט ניט קיין „אָרדערס" פון קעניג, קומט איר די גרעסטע שטראָף, ווייל אַז די ווייבער פון לאַנד וועלן זיך דערוויסן ווי אַזוי אַ קעניגין האַנדלט, וועלן זיי געוויס אויך ווידערשפּעניקן זייערע מענער, און דאָס וועט קאַליע מאַכן די מאָראַל.

דער קעניג האָט באַלד באַשלאָסן אָפּצוראַמען די קעניגין ושתי פון וועג, און כאָטש עס ווערן ניט איבערגעגעבן קיין איינצלהייטן, איז עס כמעט ווי זיכער, אַז מען האָט די קעניגין „גענומען פאַר אַ ראַיד".

פאַר אַ לאַנגער צייט האָט עס זיך געקאָכט אין שושן הבירה, און באַלד איז אויפגעשוואומען אַ נייע סענסאַציע.

די נייע סענסאַציע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אחשורוש האָט אַרויסגעגעבן אַ צוויַיטן באַפעל. דאָס מאָל האָט ער באַ-פוילן, אַז מען זאָל אים געפינען אַ שיין מיידל. זיינע סעקרע-טאָרן האָבן אַריינגעשטעלט אַן „עד" אין די צייטונגען, אַז אַ שיין מיידל ווערט פאַרלאַנגט. זי מוז זיין יונג, אינטעליגענט און פון אַ פיינער פאַמיליע. צוועק: הייראַט. דער חתן איז רייך און מעכטיק און איינזאַם און וויל האָבן אַ טרייע באַגלייטערין אין לעבן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַ סך מיידלעך האָבן געענטפערט אויף דעם „עד". אַלע שיינע מיידלעך פון פּרס און מדי זיינען געקומען קיין שושן הבירה און האָבן זיך איינגעשריבן אין דעם קאָנטעסט. אַ ספּעציעלע דזשורי האָט באַטראַכט די מיידלעך און עס איז זייער שווער געווען צו אַנטשיידן וועלכע איז די שענסטע.

דערווייל איז גראָד דעמאָלט געווען אין שושן הבירה אַ איד מיטן נאָמען מרדכי (מעקסימיליאַן). ער איז געווען אַן אימיגראַנט פון ירושלים און איז געקומען קיין שושן הבירה זוכן פּרנסה. מן הסתם געפּעדלט מיט סוספּענדערס. דער דאָזיקער מרדכי האָט געהאַט אַ פּלימעניצע, וואָס איז געווען זייער אַ שיינע, אַ רעגעלע קראַסאַוויצע. איר נאָמען איז געווען אסתר (סטעלאַ). און אַז מרדכי האָט געהערט, אַז מען מאַכט אַ קאָנטעסט, איז ער געגאַנגען און איינגעשריבן די פּלימעניצע זיינע, אָבער ער האָט ניט אויסגעזאָגט, אַז זי איז אַ אידישע. אין יענע צייטן האָט מען פיינט געהאַט אידן פּונקט ווי מען האָט זיי פיינט היינט, און אפשר נאָך מער.

בקיצור, אסתר האָט געוואונען דעם קאָנטעסט, און זי איז געוואָרן די קעניגין אויפן אָרט פון ושתי.

בימים ההם האָט זיך געטראָפן אַ מעשה מיט צוויי פּאַשיסטן וואָס האָבן געמאַכט אַ פאַרשווערונג צו דער'הרג'ענען דעם קעניג אחשורוש. די צוויי פּאַשיסטן האָבן געהייסן בגתן און תרש, און זיי האָבן אויסגעאַרבעט אַ „סקים" ווי אַזוי אָפּצוראַמען פון וועג דעם קעניג. האָט זיך אָבער מרדכי פון דעם דערוואוסט און האָט תיכף געגעבן אַ „טיפּ" אסתר'ן, און זי האָט „אָפּגעטיפּט" איר מאַן, דעם קעניג, און אויף אַזאַ אופן געראַטעוועט זיין לעבן. דער גאַנצער אינצידענט איז פאַרשריבן געוואָרן אין קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד און די מעשה איז פאַרגעסן געוואָרן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דער קעניג „פּראָמאָוטעד" זיינעם אַ מיניסטער, אַ געוויסן המן, צום אַמט פון „סעקרעטערי אָוו סטייט", וואָס דאָס איז געווען זייער אַ וואַזשנער אַמט. אַלע האָבן זיך געבוקט צום סעקרעטערי המן און אים אָפּ-געגעבן גרוים כבוד. מרדכי אָבער האָט זיך ניט געוואָלט בוקן צו המנ'ען, ווייל ער האָט דערקענט, אַז ער איז אַן אַנטיסע-מיט. דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט זייער פאַרדראָסן המנ'ען, און ער איז נאָך דערצו געוואויר געוואָרן, אַז מרדכי איז אַ איד, איז ער געגאַנגען און אָנגערייצט דעם קעניג, אַז ער זאָל פאַר-ניכטן אַלע אידן.

וואָס ווייסט אַ קעניג ? המן הייסט פאַרניכטן, מן הסתם ווייסט ער וואָס ער רעדט. ער האָט באַלד אונטערגעשריבן אַ ביל, אַז דעם און דעם טאָג זאָל מען אויסקוילען אַלע אידן — און גע'פּטר'ט אַן עסק.

מילא, אַז מען זאָל אייך דערציילן, וואָס עס האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן אין שושן הבירה, איז כמעט אוממעגלעך. דאָס געשריי פון די אידן איז געגאַנגען ביז'ן זיבעטן הימל. אויף אַזאַ פּאָגראָם האָט זיך קיינער ניט גערעכנט. אָבער מרדכי, וועלכער איז געווען זייער אַ קלוגער און אַ גרויסער כלל-טוער, איז באַלד פאַרשטעלטערהייט אַוועק צו אסתר'ן און איר דערציילט וואָס דאָ טוט זיך אָפּ.

דערווייל האָט אסתר געמאַכט אַ „פּאַרטי" פאַר דעם קעניג און פאַר המנ'ען. און ביי דער געלעגנהייט האָט דער קעניג איר צוגעזאָגט, אַז ער איז גרייט פאַר איר צו טאָן אַלץ ביז אַ — האַלבן קעניגרייך. אסתר האָט אָבער גאָרניט געזאָגט, נאָר האָט איינגעלאַדן אים און המנ'ען אויף נאָך אַ „פּאַרטי", און המן האָט דערווייל צוגעגרייט אַ תליה פאַר מרדכי'ן, וועלכן ער האָט פיינט געהאַט שנאת-מות.

און דערווייל האָט זיך געטראָפן נאָך אַ מעשה. דער קעניג אחשורוש האָט אין אַ געוויסער נאַכט ניט געקאָנט שלאָפן.

ער האָט גענומען עטלעכע אַספּירין־טאַבלעטן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפֿן, די אויגן זיינען געבליבן אָפֿן. האָט ער געשיקט נאָך דעם קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד, ווייל קיין „טרו סטאָרי"־מע־גזינס זיינען דאַן נאָך ניט געווען, און ער האָט געהייסן זיינע וועכטער פאָרלייענען אַ בלעטל נאָך אַ בלעטל. ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער געשיכטע, ווי אַזוי אַ געוויסער מרדכי האָט געראַטעוועט דעם קעניג׳ס לעבן פֿון די גענגסטער־פּאַשיסטן, און עס איז אים איינגעפאַלן, אַז מ׳דאַרף דעם מאַן מיט עפּעס באַלוינען.

אויפֿ׳ן צווייטן טאָג האָט דער קעניג געהאַלטן אַן עצה מיט המנ׳ען און ביי אים געפֿרעגט וואָס ער זאָל טאָן מיט אַ מענטשן, וועמען דער קעניג האָט זייער ליב. האָט אים המן געזאָגט, אַז אַזאַ מענטשן דאַרף מען אַרויפֿזעצן אויף אַ פערד און פירן איבער די גאַסן און שרייען: „אַזוי ווערט געטאָן צו אַ מענטשן, וועלכער איז ביי דעם קעניג ליב און טייער". המן, פאַרשטייט זיך, האָט געדענקט, אַז ער איז דאָס דער מענטש, וואָס איז דעם קעניג ליב און טייער, אָבער ער האָט געמאַכט אַ טעות, ווייל דער קעניג האָט גראָד געמיינט מרדכי׳ן, וועל־כער האָט אים געראַטעוועט זיין לעבן.

דער סוף איז געווען, אַז המן אליין האָט געמוזט פירן איבער׳ן שטאָט דאָס פערד, אויף וועלכן מרדכי איז געזעסן, און האָט אליין געמוזט אויסרופן: „טרי טשירס פאָר מרדכי!"

און באַלד נאָכדעם איז פאָרגעקומען די צווייטע „פּאַרטי" אין אסתר׳ס הויף און דער קעניג און המן זיינען געקומען אַלס געסט. אסתר האָט איצט שוין געעפֿנט אַ מויל און אַרויס־געקומען מיט׳ן גאַנצן אמת. זי האָט דערציילט דעם קעניג, אַז אַזוי און אַזוי, אַז זי איז אליין אַ אידישע טאָכטער און אַז המן איז אַ רעגעלער היטלער און ער וויל אומברענגען איר פאָלק, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

דער סוף איז געווען, אַז מען האָט המנ׳ען אויפגעהאנגען אויף דער תליה צוזאַמען מיט זיינע צען זין און דאָס אידישע

פאָלק איז אויפגעריכט געוואָרן, און עס איז געווען ששון ושמחה.

און צוליב אָט די אלע זאַכן פראַווען מיר דעם יום טוב פורים, און כאָטש אידן מעגן שיכור'ן אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר, איז עס אָבער א געזעץ צו זיין שיכור אום פורים, ווי אין פסוק שטייט והשתיה כדת, שיכור'ן איז געזעצלעך . . .

און ווי איר זעט זיינען יענע צייטן געווען בעסערע ווי די היינטיקע. אין יענע צייטן פלעגט מען היינגען די המנס, היינט אָבער שרייבט מען קעגן זיי עדיטאָריעלס . . .

## דער בראָנקסער פעטער שרייבט א בריוול צו מלכה ושתי

„לכבוד האשה הצנועה והחשובה,
המלכה ושתי, ירום הודה,
בגן-עדן של מעלה,
זיבעטער הימל, אפסטערז.

„הויכגעשעצטע קעניגין! ערשטנס קום איך אייך צו מעלדן, אַז איך בין ב"ה בקו הבריאה, געבע גאָט דאָס נעמלעכע פון אייך צו פארנעמען, און צווייטנס שרייב איך אייך, אַז איך בין אייערער א גרויסער פארערער פון זינט איך בין צו מיין שכל געקומען, און אַז איך האַלט אייך און ניט קיין אנדערע פאַר דער העלדין פון דער מגילה.

„ס'איז מיר אפילו שווער צו ריידן קעגן אַן אייגענעם מענטשן, — קעגן אָט דער אסתר'ן וועגן וועלכער איר האָט געוויס געהערט. זי האָט דאָס איבערגענומען די קרוין באַלד נאָך דעם, ווי מען האָט אייך אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ, אָבער דעם אמת מעג מען זאָגן אפילו אַן אייגענער שוועסטער:

זי, אסתר, פארדינט ניט דעם פלאַץ אין דער געשיכטע וועלכן זי פארנעמט. ניין, ניין און טויזנט מאָל ניין! מען קאָן אפשר ניט לייקענען: אסתר איז זיך געווען א גאנץ שיין מיידל, זי האָט געהאט א גוט הארץ און האָט געפאָלגט איר קאַזין מרדכין לטובה דעם אידישן פאָלק, אָבער — וועלכע אידישע מיידל וואָלט דאָס ניט געוואָלט ווערן א קעניגין, ווען עס מאַכט זיך איר א געלעגנהייט? וועלכע אידישע מיידל וואָלט היינטיקע צייטן זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט א קעניג און אפילו מיט אַ וויצע-קעניג, אויב ער זאָל נאָר וועלן? עס איז דאָך נאַרישע רייד. מה־דאָך אידישע טעכטער האָבן חתונה מיט איטאַליענער, מיט מעקסיקאנער און מיט כינעזער, מכל־שכן מיט א קעניג!

„און ווער איז דאָס געווען די גאַנצע אסתר, מישטיינס געזאָגט? א מיידל פון דער פּערסישער איסט סייד, וואָס פלעגט מן הסתם ארומגיין זוכן א דזשאָב און א שידוך — און ביידע ניט געפונען.

„און דערפאר האַלט איך, טייערע קעניגין ושתי, אז ניט אסתר, נאָר טאקע איר אליין דארפט קריגן דעם גאנצן קרעדיט פאַר׳ן נס פון דער מגילה. ווען דער טיפּש אייערער האָט אייך געהייסן קומען נאַקעטערהייט טאַנצן פאר אים און איר האָט זיך אנטזאגט, און איר האָט באצאָלט מיט דער קרוין און מיטן לעבן דערפאַר — אָט דאָס איז געווען דער ערשטער און וויכטיקסטער אָנשטויס צו דעם גרויסן נס. איר זיינט די די־רעקטע אורזאַך פון דעם נס, און איך האַלט, אז א י ר, נאָר איר האָט גערעטעוועט דאָס אידישע פאָלק.

„אין אנדערע אויף אייער פלאַץ וואָלט גיכער געפאָלגט דעם קעניג און ארייננעקומען נאַקעט, ווי ער האָט געפאָדערט, אָבער איר זיינט געווען א מאָראַלישע פרוי, און איר האָט ניט געוואָלט אָנטפּלעקן אייער קערפּער צו די שיכור׳ע און דעגע־נערירטע מיניסטאָרן פון אחשורוש׳עס קאַבינעט, און דערפאַר

זאָל געלויבט ווערן אייער נאָמען. ווען איר וואָלט יאָ אריינ־געקומען נאַקעט, וואָלט קיין אסתר ניט געווען, און עס וואָלט קיין נס ניט געשען, און המן וואָלט אויסגעראָטעט אלע אידן.

„איך מוז אייך זאָגן, טייערע ושתי, אַז ווען איך בין נאָך אַלט געווען אַכט יאָר, האָב איך שוין געפילט דעם גרויסן אומ־רעכט, וואָס די געשיכטע איז באַגאַנגען קעגן אייך. אייער „קעים" ווערט דערמאָנט אין דער מגילה אזוי אויבערפלעכלעך און אזוי צופעליק, אַז ס'איז באמת א פאַרדרוס. לויט מיין מיינונג דאַרפט איר, מאַיעסטעטישע קעניגין, פאַרנעמען אין דער מגילה כאָטש דעמזעלבן אָרט ווי אסתר, ווייל אָן אייך וואָלט פון פורים גאָרניט געוואָרן, און אָנשטאָט פריילעכקייט וואָלטן מיר געווען איינגעטונקען אין טרויער.

„און איצט, אַז איך האָב אייך געזאָגט אלץ, וואָס ס'איז ביי מיר געווען אויפ'ן האַרצן, ווינטש איך אייך, אַז איר זאָלט אייביק שפּאַצירן אין גן־עדן און פאַרברייינגען אייער צייט שפּילנדיק „ברידזש" מיט די גרעסטע צדקנית'ן פון אַלע דורות.

פורים'דיק אייערער,

דער בראָנקסער פּעטער."

## סטריקטלי טריפה

דאָ אנומלטן — יאָ פורים איז עס געווען — זיינען מיר געזעסן ביי א שיינער סעודה און זיך גאָר פיין משמח געווען. אָבער גאָר פיין.

די סעודה איז געווען אין א העכסט־אָרטאָדאָקסישע הויז, און די מאכלים זיינען געווען טעם גן־עדן. אָבער טאַקע אמת־דיק טעם גן־עדן!

און צווישן דעם עולם איז אויך געווען א רעפאָרם־ראַבאַי, וועמעס נאָמען מיר ווילן אייך ניט אויסזאָגן, ווייל איר זיינט

פלאָטקע־טרעגער, און איר וועט עס באַלד צעטראָגן וואו־די־וועלט־האָט אַן עק. אַלץ וואָס מיר קענען אייך יאָ אויסזאָגן איז, אַז דער דאָזיקער ראַבאַי האָט אַ „גראָבע" שטים, אַ מין טיפן באַריטאָן און רעדט אַ „געשוואָלענעם" ענגליש, אויב איר ווייסט וואָס איך מיין.

איז אָט דער דאָזיקער ראַבאַי געזעסן און גאָר ניט גענומען אין מויל אריין. איר זאָלט עס זאָגן כאָטש אַ המן־טאַש, אדער עפּעס אַן אַנדערע פּורים'דיקע נאַשעריי — גאָרנישט!

עסט עפּעס, ראַבאַי אזוי־און־אזוי, — האָט זיך ביי אים ווי ביי אַ גזלן געבעטן די באַלעבאָסטע, אָבער דער ראַבאַי האָט בלויז אָנגענעם אַ שמייכל געטאָן און ווייטער געזעסן...

— למאי פאַרזוכט איר ניט אונזער פּורים'דיקן שטרודל, אָדער פאַרוואָס זיינט איר ניט טועם פון אונזערע קרעפּלעך, זיי צעגייען זיך דאָך ממש אין מויל! — אַזוי האָט שוין פּרובירט איינריידן דער באַלעבאָס אליין, אָבער עס האָט אים גאָר ניט געהאָלפן — דער ראַבאַי האָט בלויז אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ, געזאָגט „טענק יו", פאַרלייגט די הענט און געשוויגן.

די יונגע טאָכטער פון דעם הויז, מרים הייסט זי, איז אַ מיידעלע מיט גאָלד צוגלייך און אַ פּאָר בלויע אויגן האָט זי, קריכן זיי אייך גלייך אין הארצן אריין. האָט די דאָזיקע מרים פּרובירט איר גליק: זי האָט אונטערגעטראָגן אַ טאַץ מיט פאַרשיידענערליי געבעקסן, וואָס האָבן ממש גערייצט (ביידע: די מיידל און די געבעקסן) דעם אַפּעטיט, אָבער דער ראַבאַי איז געבליבן אויך איצט גלייכגילטיק און האָט זייער פריינט־לעך אָנטזאָגט צו נעמען אפילו אַ קיכעלע אין מויל אריין.

דער גאַנצער ענין איז געווען אַ היפּש ביסל פאַרדריסלעך. די איבריקע געסט האָבן באַמערקט די עקשנות פון דעם ראַבאַי, און יעדער האָט זיך געוואונדערט איבער זיין מאָדנעם אויפ־

פירן זיך. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער ראַבאַי האַנדלט אזוי מאָדנע.

ווען מיר זיינען שפּעט אין דער נאַכט ארוים אין גאַס, און מיר זיינען שוין געווען ווייט אוועק פון דעם הויז, האָט מיר דער ראַבאַי פאַרטרויט אַ סוד, אַז ער איז גוואַלדיק הונגעריק, און רק איך זאָל מיט אים גיין אין רעסטאָראַן עפּעס נעמען אין מויל אריין.

פאַרשטייט זיך, אז איך האָב דעם ראַבאַי אָנגעקוקט ווי א משוגענעם, און איך האָב ביי אים א פרעג געטאָן קורץ און שאַרף:

— זאָגט נאָר, ראַבאַי, פאַרוואָס האָט איר גאָר ניט געוואָלט עסן אין דעם הויז פון אונזער געמיינשאַפטלעכן פריינט, און מיט אייער האַנדלונג ממש באַליידיקט אונזערע גאַסט-געבער?

איצט האָט דער ראַבאַי שוין ניט געשמייכלט, נאָר, פאַר־קערט, ער איז געוואָרן זייער און זייער ערנסט, און אין א זייער און זייער ערנסטן טאָן האָט ער אויסגערופן:

וואָס-זשע, איר ווייסט ניט! — איך עס ניט קיין כשר׳ס!

## שטעלט אַוועק אַ פלעשל בראָנפן און לאָמיר געדיינקען, אַז מ׳דאַרף פאַרגעסן

מיר געפעלט דער איינפיר פון דער „אדלאָיאַדאָ" אין תל אביב. וואָס-זשע, איר ווייסט ניט וואָס „אדלאָיאַדאָ" איז? שעים אָן יו! דאָס דאָזיקע וואָרט איז צוגעטראַכט געוואָרן פון אַ זייער קלוגן אידן, וועלכער האָט עס באַזירט אויף די דריי העברעאישע ווערטער: „עד דלא ידע". אויף אידיש וואָלט עס געהייסן: „ביז מען ווייסט ניט מער".

יעדן פורים פייערט מען אין תל אביב די „אדלאָיאדאַ״ און עס איז ממש אַ מצוה צו דערציען די פריילעכקייט ביז צום פאַרגעסן זיך, ביז מען ווייסט ניט מער.

אין אַמעריקע וואָלט מען אויך געדאַרפט האָבן אַזאַ מין „אדלאָיאדאַ״, אָבער ניט נאָר פאַר פורים, נאָר פאַר׳ן גאַנצן קיילעכדיקן יאָר. ווען מען זאָל זיך קענען דאָ ביי אונז אַזוי ארייַנטאָן אין אַ פריילעכן שפּיל יעדן טאָג פון יאָר און פאַרגעסן, פאַרגעסן, פאַרגעסן!

די צרה איז נאָר, וואָס אַז מען וויל אַמאָל ביי אונז פאַרגעסן אָן דעם פּעקל צרות — לאָזט מען ניט! אפילו אויף אַ רגע ניט. אָט טאָרקעט מיך דאָס ווייב: גיי און זוך און געפין אַ דזשאָב, גיי נעם רעליף, גיי רייס פון הימל, שלים׳מזל איי־נער! אַלע קריגן רעליף, נאָר ער קריגט אַ מכה . . . און טאָר־קעט אייך ניט ס׳ווייב, איז — אהאַ! די געליבטע האָט דאָס וואָרט! נעכטן, זאָגט זי, האָט זי געזען אַ טייערן בראָנזלעט, און דעם אַלטן העט קען זי ניט טראָגן, און למאַי גיסטו אַוועק די גאַנצע פרייע צייט דער אייגענער ווייב, און זי אליין האָט נאָך קיין „שאָו״ ניט געזען היינטיקע וואָך . . .

פרעגט ניט! פון אַלע זייטן שטייט דאָס הארטע לעבן און לאָזט דיך דעם קאָפּ ניט אויפהייבן, און אפילו דער וועק־זייגער האָט איבער דיר אַ גרעסערע דעה אין דער היינטיקער געזעלשאַפט, איידער דו אליין.

מען דאַרף האָבן די „אדלאָיאדאַ״, ווי דאָס לעבן; מען דארף דערגרייכן די מדרגה פון „ביז דו ווייסט ניט מער״ און דעמאָלט קען מען געניסן פון דעם גוטן ביסעלע צופרידנקייט און פון דעם אמת׳ן גליק.

שטעלט אַוועק אַ פלעשל בראָנפן, מיינע פורים׳דיקע אידן, און דו, סאָשע, דערלאַנג די המן־טאַשן, און לאָמיר כאָטש אין דער דאָזיקער פורים׳דיקער שעה אָנוואַרעמען די נשמה און

פאַרגעסן, אַז די וועלט איז אַ וואולקאַן און דאָס לעבן אַ ברויזנ-דער און ברוגז'ער ים.

## פורים היטלער

איך מאַך אַ פאָרשלאַג צום אידישן פאָלק בכלל און צו מיינע „גוט-שבת" לעזער בפרט:

מיין פאָרשלאַג איז, אַז די אידן פון דער וועלט זאָלן מאַכן אַ פורים-היטלער, וועלכער זאָל געפייערט ווערן יעדן יאָר אין דעם טאָג, ווען היטלער וועט פאַלן. אויב דאָס זאָל אויספאַלן דעם 15טן יולי, אָדער דעם 18טן אויגוסט, אָדער דעם 23טן סעפּטעמבער, אָדער וועלכן ניט-איז אַנדערן טאָג, מוז דער דאָזיקער טאָג בלייבן אַ יום-טוב ביי אידן.

איך שלאָג ווייטער פאָר, אַז מען זאָל שוין, **באַלד** אויס-קלייבן אַ קאָמיטע, וואָס זאָל צוגרייטן אַ נייע מגילה, און די דאָזיקע מגילה זאָל געלייענט ווערן יעדן יאָר אין די שולן, פונקט ווי מען לייענט די אַלטע מגילה. די גראַגערס, שלאָג איך פאָר, זאָלן געמאַכט ווערן אין דער פאָרם פון דער „סוואַסטיקאַ", און דערצו זאָל מען מאַכן אַ קאָנטעסט צווישן אַלע אידישע פרויען בנוגע די היטלער-טאַשן. יעדע פרוי, וואָס וועט זיך באַטייליקן אין דעם קאָנטעסט, וועט דאַרפן צושטעלן אַ „סעמפּל" פון אַ היטלער-טאַש, און אַ דזשורי פון 12 מענער וועט באַשטימען וועלכער היטלער-טאַש זאָל ווערן סטאַנדאַריזירט . . . די פאָרם פון דעם אויסגעקליבענעם היטלער-טאַש וועט דערנאָך בלייבן אויף אַלע דורות, און די געווינערין אין דעם קאָנטעסט וועט פאַראייביקט ווערן אין דער געשיכטע. זי האָט דערצו אַ שאַנס, אַז מען זאָל איר געבן אַ קאָנטראַקט פאַר די מואווים, ווייל איר נאָמען וועט ווערן פּאָפּולער אין יעדן אידישן הויז.

איך שלאָג ווייטער פאָר, אַז דאָס „ברוינע הויז" אין מינכן זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין וועלטלעכן בית-מדרש, וואו

אידן פון איבעראַל זאָלן זיך קענען צונויפקומען און זיך דער־ציילן מעשיות פון בעל־שם־טוב און פון אַנדערע גרויסע צדיקים, און אויך זאָלן דאָרט אָפּגעהאַלטן ווערן די זיצונגען פון דעם אַל־וועלטלעכן אידישן קאָנגרעס.

וועט איר דאָך פרעגן, צו־וואָס טויג אַן אַלוועלטלעכער אי־דישער קאָנגרעס, אויב היטלער האָט געהאַט אַזאַ מיאוס'ן אָפּשניט? ענטפער איך אייך, אַז נעווער מאַינד, דר. סטיפען וויז וועט שוין געפינען אַ תירוץ.

## אַ שמועס צווישן ושתי און אסתר המלכה

ושתי און אסתר המלכה זיינען דאָ אַנומלטן געזעסן אויף אַ באַנק אַרום די טויערן פון גן־עדן און געצירעוועט זאַכן, גלאַט אַזוי פאַר צייט־פאַרטרייב. ווי איר ווייסט מן הסתם, טראָגט מען ניט קיין זאַכן אויף יענער וועלט, אָבער אַז ווייבער האָבן ניט וואָס צו טאָן און קיין ברידזש שפּילן זיי אויך ניט, זיצט מען און מען צירעוועט . . .

איר וואָלט געדאַרפט אָנקוקן די דאָזיקע ושתי. וואָס פון איר איז נעבעך געוואָרן! אויסגעדאַרט ווי אַ שטעקן, אָבער די תכריכים פאַרשפּילעט ביז צום האַלז — זי וויל נאָך אַלץ ניט אַנטבלויזטן איר נאַקעטקייט און וועט שוין מן הסתם אַזוי בלייבן געטריי צו איר פּרינציפּ ביז משיח וועט קומען.

אסתר, ווידער, האַלט זיך נאָך שיין און יונג. אירע תכריכים זיינען אַביסעלע מאָדערנער, אָבער אָפּגעבליאַקעוועט. זי וואָלט נעבעך געדאַרפט האָבן אַ פּאָר נייע תכריכים, ווי ס'לעבן, אָבער זי נוצט ניט אויס אירע פּריווילעגיעס, וואָס זי האָט אין גן־עדן, זי איז באַשיידן און צאַרט און וויל ניט נאָכ־טאַנצן די נייע מאָדעס.

ושתי און אסתר — ווי איר האָט שוין געוויס געלייענט לעצטן פּורים אין דער מגילה — זיינען די צוויי עקס־ווייבער

פון דעם קעניג אחשורוש, וועלכער האָט געהערשט איבער פּרס ומדי און די זייטיקע פּראָווינצן און איז דערצו געווען אַ גרויסער טיפּש און אַ גרויסער שיכור. ער פלעגט מאַכן אַ סך פּאַרטים ביי זיך אין פּאַלאַץ, און איינמאָל, ווען ער האָט גענומען אַן איבריקן גלעזל שאַמפּאַניער האָט ער באַפוילן, אַז זיין ווייב ושתי זאָל ארויסקומען און זיך באַווייזן פאַר זיינע געסט — אַ נאַקעטע. וואָס־זשע, מיינט איר, האָט געטאָן ושתי? זי האָט געענטפערט קורץ און שאַרף אין פיר געציילטע ווערטער: לא מיט אַ ספּאָדעק. זי וועט ניט קומען, אפילו כ׳ווייס־אליין־ניט־וואָס. ושתי איז געווען אַ פיינע פרוי און זי האָט געפילט אַן עקל צו די אָנגע׳שיכור׳טע פּרינצן און גראַפן, וואָס האָבן געוואָלט זעטיקן און אויפרייצן — איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן — זייערע נידריקע אינסטינקטן מיט איר נאַקעטקייט.

און אַז דער קעניג אחשורוש האָט דערהערט אזעלכע רייד פון זיין ווייב, האָט ער איר באַלד באַוויזן „הו־איז־הו" און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט צו זאָגן ווידוי און איבערלאָזן אַ צוואה צו דער וועלט, האָט מען איר אָפּגעהאקט דעם קאָפּ און אוים ושתי.

דערנאָך ווייסט איר דאָך מן הסתם, וואָס עס איז געשען. אחשורוש האָט געהייסן מאַכן אַ „ביוטי־קאָנטעסט", מען האָט צונויפגעשלעפּט מיידלעך פון גאַנצן לאַנד און מען האָט אויסגעקליבן פאַר אחשורוש׳ן אַן אַנדער ווייב. דער גורל איז געפאַלן אויף עפּעס אַ „גרינער" מיידל מיט׳ן נאָמען אסתר, וואָס איז געקומען פון דער פּערסישער איסט סייד, און זי האָט דאָס חתונה געהאַט מיט׳ן קעניג און דערנאָך געראַטעוועט די אידן פון אַ שוידערלעכן פּאָגראָם.

ושתי האָט, נאַטירלעך, ניט געקענט אסתר׳ן, און אסתר האָט ניט געקענט ושתי׳ן, אָבער ווען זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט אין זיבעטן הימל מיט יאָרן שפּעטער, זיינען זיי געוואָרן

חבר׳טעס, זיי גייען שטענדיק צוזאַמען און איינע וואָלט פאַר דער צווייטער ניט אָוועקגעגעבן אַ זאַך מיט באַרשט.

אסתר, וואָס איז געווען אַ „גרינע" ביים לעבן, האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז ניט זי, נאָר ושתי איז די אמת׳ע העלדין פון דער מגילה. אמת, די וועלט גיט איר דעם גאַנצן קרעדיט, אָבער ווען ושתי וואָלט ניט געווען אַזאַ צנועה און וואָלט אריינגעקומען נאַקעט צום קעניג׳ס פאַרטי, וואָלט אפשר דאָס גאַנצע אידנטום אונטערגעגאַנגען, און עס וואָלט היינט גאָר קיין אידיש פאָלק ניט געווען.

און דערפאַר באַצייט זיך טאַקע דער נס פּורים מער אויף ושתי׳ן ווי אויף אסתר׳ן און כאָטש מיר מאַכן יעדן יאָר אַ גאַנצן צימעס פון אסתר׳ן, ווייסן מיר אָבער טיף אין האַרצן, אַז ושתי האָט געראַטעוועט פיל מער די אידישע צוקונפט מיט איר באַשיידנקייט, ווי אסתר מיט איר שיינקייט.

און איצטער־אַ, אַז די דאָזיקע צוויי עקס־ווייבער פון קעניג אחשורוש זיצן אין גן־עדן און צירעווען זאָקן, שמועסן זיי זייער אָפט וועגן זייער לעבעדיקער פאַרגאַנגענהייט. זיי דערציילן זיך איינע דער אַנדערער וועגן זייערע דערפאַרונגען אין קעניגלעכן הויף ביי אחשורוש׳ן און זייער אָפט צעלאַכן זיי זיך אויפ׳ן קול, ווען זיי דערמאָנען זיך, וואָס פאַר אַ טיפּש זיי האָבן געהאַט פאַר אַ מאַן.

און אַז עס קומט די צייט פון ערב פּורים, ווערן זיי דאָרט אויבן אין הימל מער „אויפגעלעבט" און מער מונטער. זיי פּראַווען אויך דעם יום־טוב, אָבער אנשטאָט צו באַקן המן־טאַשן, אָדער לייענען די מגילה, אָדער גלאָט אַזוי גראַגערן אין דער וועלט אריין, נעמען די צוויי ווייבער זיך פאַר׳ן אָרעם און מאַכן אַ באַזוך ביי אַלע העלדן פון דער מגילה.

דעם ערשטן באַזוך מאַכן זיי געוויינלעך ביי זייער געוועזענעם מאַן אחשורוש׳ן. עס איז ניט לייכט אים צו געפינען. ער האָט נאָך אַלץ ניט קיין באַשטימטן פּלאַץ אין הימל. ער

שוועבט צווישן גן־עדן און גיהנום, ווייל דער הימלישער סו־פרים־קאורט האָט נאָך ניט אָפּגעמאַכט ביי זיך צי איז אחשורוש געווען אַ רשע אָדער אַ צדיק. דער מלאך פּלאַטקי׳אל וואָס פירט דעם הימלישן קאָלום „מאַלע וואָס מען רעדט", האָט דאָ אָנומלטן געלאָזט וויסן, אַז אַזוי ווי דער הימלישער סו־פרים־קאורט וועט באַלד פאַרגרעסערט ווערן מיט זעקס נייע מלאכים, וועט מען אפשר שנעלער קענען אויסגעפינען צו וועל־כער קאַטעגאָריע אחשורוש געהערט. און אחשורוש איז ניט דער איינציקער, וואָס דרייט זיך ארום אין די הימלען אָן אַ באַ־צייכענונג, עס זיינען פאַראַן טויזנטער וואָס ביים לעבן זיינען זיי געווען ניט קיין צדיקים און ניט קיין רשעים, נאָר גלאַט טיפּשים, האַלבע אידיאָטן, און מען ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיי אויף יענער וועלט . . .

דעם צווייטן באַזוך מאַכן זיי געוויינלעך ביי מרדכי׳ן. יעדן יאָר ווערט מרדכי׳ס באָרד לענגער, אָבער ער דרייט זיך ארום אין גן־עדן, ווי אַ פאַרלוירענע שאָף. צווישן די גרויסע קנאַקערס אין גן־עדן האָט מרדכי קיין שום באַדייט ניט. קיין גרויסער קאָפּ איז ער דאָך ביים לעבן אויך ניט געווען, און אַז ער טרעפט זיך אויג אויף אויג מיט אברהם־יצחק־יעקב, אַנט־פאַלט אים דער מאַמע׳ס מילך. אַ פּראָסטער מענטש געווען ביים לעבן און אַלם מת איז ער אויך אַ קליינער יאַ־טעבע־דאַם. אָבער ווען ער דערזעט אסתר׳ן פורים־צייט, דערפרייט זיך אין אים זיין טויט הארץ, ער שמייכלט אָנגענעם, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: איך און דו, מיין ליבע פלימעניצע, האָבן געראַ־טעוועט דאָס אידישע פאָלק, און דאָס אידישע פאָלק לעבט.

— לעבט ! ! ? — צעלאַכט זיך דאָס בת־קול איבער אַלע הימלען — כאַ, כאַ, כאַ ! אַז אָך און ווי . . .

און דעם לעצטן באַזוך מאַכן די צוויי ווייבער, געוויינלעך, ביי המנ׳ען אליין. זיי קאָנען אפילו ניט צוקומען נאָענט צו אים, ווייל מען לאָזט זיי ניט אריין אין גיהנום, אָבער זיי זעען אים פון דערווייטנס דורך די גראַטעס. ווען המן דערזעט די

צוויי ווייבער, קריצט ער אַזש מיט די ציין. ווען מען זאָל אים נאָר צולאָזן, וואָלט ער געגומען די דאָזיקע אסתר און וואָלט זי צעריסן אויף שטיקער. און כאָטש ושתי האָט אים קיין שלעכטס ניט געטאָן, האָט ער זי אויך פיינט, ווייל זי חבר'ט זיך מיט דער ניט-אַרישער אסתר. המן האָט נאָך ניט אויפגעגעבן די שנאה צו די אידן. ער האָט זיי פיינט מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז עס וואַרפט מיט אים ווי אין א קדחת. זיינע גיהנום-חברים זיינען ניט בעסער פון אים, אָבער זיי פאַרגעסן אָפט וועגן די אידן. המן פאַרגעסט קיינמאָל ניט. בשעת מען ברענט און מען בראָט אים, בשעת מען רייסט ביי אים די אָדערן און בשעת מען קלאַפּט אים טשוועקעס אין קאָפּ אריין — פאַרגעסט ער אפילו דאַן ניט זיין שנאה צו אידן.

און אסתר און ושתי וואונדערן זיך אָפט: המן ווערט פאַרשאָלטן איבער אַלע יאָרהונדערטער, ניט נאָר אידן, נאָר אפילו אָנשטענדיקע קריסטן האָסן אים און זיין אָנדענק, יאָר נאָך יאָר ווערט המן היגגעריכטעט (אין דער מגילה), מען הייגגט אים אויף צוזאַמען מיט זיינע צען זין, אָבער המן איז נאָך אַלץ ניט טויט. ער לעבט און קריצט מיט די ציין . . .

* * *

און אַז איר גייט היינטיקן יאָר צו דער מגילה דאַרפט איר, מיינע שבת'דיקע אידן, אין זינען האָבן צוויי זאַכן: ערשטנס, דאַרפט איר געבן אַביסל קרעדיט צו ושתי'ן, די פאַרגעסענע העלדין פון דער מגילה, און צווייטנס, דאַרפט איר וויסן, אַז אַלץ וואָס עס שטייט געשריבן אין דער מגילה איז טאַקע אמת, נאָר איין גרויסער ליגן האָט זיך פאַרט אריינגעכאַפּט אויף די לעצטע בלעטלעך: המן איז ניט טויט.

איר מעגט באַקן די בעסטע המן-טאַשן, איר מעגט גראַגערן מיט די גרעסטע דעמאָנסטראַציעס, איר מעגט שיכור'ן ניט נאָר פורים, נאָר אפילו אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר — עס העלפט ניט.

המן — פגר'ן זאָל ער — לעבט . . .

# די צווייטע טעג יום טוב




## דאָס אַלטע יאָר ווערט היינט הינגעריכטעט ;
## זאָגט : ער האָט ניט מורא פאַר'ן טויט

**אין אַ ספּעציעלן אינטערוויו מיט'ן „גוט־שבת" איד דערקלערט דאָס אַלטע יאָר, אַז עס האָט זיך ניט געלוינט געבוירן צו ווערן. — האָט געוואָלט שטאַרבן פריער — אָבער מען האָט ניט געלאָזט**

מיר האָבן געטראָפן מר. אַלט־יאָר נעכטן נאָכמיטיק, בשעת ער האָט געהאלטן אין אָפּשערן די נעגל פון זיינע פינגער. די באָרד איז ביי אים אין די לעצטע עטלעכע חדשים אויסגעוואקסן און גרוי געוואָרן, די אויגן האַלב־פאַרזשמורעט, און די קנייטשן פון אַלטן יאָר האָבן זיך אויסגעלייגט אויף זיין שטערן, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פריש־צעאַקערט פעלד.

דער זקן האָט אפילו ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווען מיר זיינען אים אַנטקעגן געקומען. ער איז געווען שטאַרק פאַרטאָן אין די נעגל זיינע, וועלכע ער האָט צום ערשטן מאָל געשוירן, זינט ער איז געבוירן געוואָרן.

— פאַרוואָס האָט איר זיך פלוצים גענומען שניידן די נעגל? — האָבן מיר אַ פרעג געטאָן, ווי אַ צייטונגס-פאַכמאַן.

מר. אַלט-יאָר האָט ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר אונטער די וואָנצעס אַ ברום געטאָן:

— ניטאָ מער וועמען צו דראַפּען. איך לעב אין אַ וועלט פון לויטער מתים.

— ווייסט איר כאָטש, אַז מאָרגן איז אייער לעצטער טאָג אויף דער וועלט?

מר. אַלט-יאָר האָט אַ שמייכל געטאָן:

— יאָ, איך ווייס! פאַרגעסט ניט צו קומען צו מיין לויה.

— קענט איר מיר ניט געבן עפּעס אַ סטייטמענט צו דער וועלט, איידער איר טראָגט זיך אָפּ פון דאַנען?

— ניין! — האָט אַלט-יאָר קורץ געענטפערט און דערנאָך שטיל, ווי צו זיך אליין, צוגעגעבן:

— איך וויל מער קיינעם ניט אָפּנאַרן. סטייטמענטס זיינען געמאכט געוואָרן פאַר פּאָליטישנס און פאַר פייקערס, אָבער ניט פאַר אָנשטענדיקע יאָרן.

— מיט וואָס זיינט איר דאָס געווען אַזוי אָנשטענדיק, מר. אַלט-יאָר?

— מיט מיינע כוונות, יונגערמאַן, מיט מיינע כוונות! ווען איך בין געקומען אַהער מיט אַ יאָר צוריק, האָב איך געהאַט אַ געהויבענע מיינונג פון אייך אַלעמען. איך האָב געמיינט, אַז

איר זיינט אַ וואוילע וועלט, אַ לוסטיקע און פריילעכע וועלט, אַז איר זיינט ערלעך און אויפריכטיק, און עס איז ביי אייך קיין בייז ניטאָ. אָבער איך האָב זיך אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט . . .

— יאָ, אָבער פאַר די אַלע זאַכן באַשולדיקט דאָך די וועלט אייך, מר. אַלט־יאַר. איר זיינט געווען אַ הונגער־יאַר, אַ יאַר פון שרעקלעכער נויט פאַר אַלע אָרימעלייט.

— איר האָט אַ טעות, יונגערמאַן. איך בין ניט געווען קיין הונגער־יאַר. פונקט פאַרקערט: נעמט אַ בלייפעדער און האַנט אריין און רעכנט אויס, וויפל תבואה איך האָב אייך געבראַכט, וויפל נאַטירלעכע אוצרות עס זיינען נאָך איצט פאַראַן, פון וועלכע אַלע מענטשן אויף דער וועלט קענען לעבן און געניסן און זיין גליקלעך; רעכנט אויס און איר וועט זען, אַז גאָט'ס ערד איז רייך און קען מפרנס זיין צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן, וויפל עס לעבן היינט־צו־טאָג אויף דער וועלט.

— טאָ וואו־זשע ליגט די צרה?

— די צרה ליגט אין אייער „בוקקיפינג". איר האָט שלעכטע בוקקיפערס, האָט איר! זיי זשאָנגלירן מיט ציפערן, און זיי ווילן אייך באַווייזן, אַז אדרבה פאַרקערט . . . שאַפט אָפּ אָט די בוקקיפערס אייערע, זיי זיינען אַלע זשוליקעס, און איר וועט זען, אַז אַלץ וועט זיין אַנדערש.

— העי, מר. אַלט־יאַר, איר רעדט דאָך שוין באַלד ווי אַ קאָמוניסט! וואָס איז מיט אייך געוואָרן אויף דער עלטער?

דער זקן האָט זיך הויך צעלאַכט.

— פאַר אַ קאָמוניסט האַלט איר מיך? און איר מיינט, אַז די קאָמוניסטן זיינען ניט קיין פייקערס? כאַ, כאַ, כאַ! די קאָמוניסטן האָבן בלויז אַן אַנדער פאָרמע פאַר זייערע פייקס, אָבער זיי „פאַרשמעקן אַ וועלט" פונקט ווי די ערגסטע רעאַקציאָנערן. פאַרקערט, די קאָמוניסטן זיינען ערגער פון זיי. זיי לייגן אַריין די יראה אין דער טומאה; פאַרגלאָצן די

אויגן און טוען אַפּ כל דבר אסור. ביי זיי איז אַלץ כשר, יעדע קרומע זאַך איז ביי זיי גליך, אַבי עס פירט נאָר צו זייער ציל...

— הייסט עס, זיינט איר ניט קיין קאָמוניסט? טו, זאָגט־זשע, מר. אַלט־יאַר, וואָס דיינקט איר וועגן דעם אידישן פאָלק? פאַרוואָס האָט איר עס אזוי געמוטשעט אין די לעצטע צוועלף חדשים?

דער זקן האָט טיפער פאַרקנייטשט זיין שטערן, אויפגע־הויבן דעם קאָפּ צום ערשטן מאָל דורך דער צייט פון דעם אינ־טערוויו און אַ זאָג געטאָן:

— וועגן די אידן דאַרפט איר מיך ניט באַדערן, יונגערמאַן. איך האָב גאָרניט צו טאָן מיט זיי. דאָס אידישע פאָלק האַלט ניט פון דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, און מיר זיינען אים גאָרניט שולדיק. ווענדט זיך מיט אייערע פראַגן צום אידישן „ראש השנה", ער וועט אייך קענען אויפקלערן וועגן אייערע פּראָבלעמען.

— איר פאַרגעסט, מר. אַלט־יאַר, אַז די אידן לעבן דוקא לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. מיר זיינען די מינאָ־ריטעט און מיר מוזן זיך צופּאַסן צו דער איבריקער וועלט. צו אייער לויה מאָרגן נאַכט וועלן כמעט אַלע אידן זיין שיכור, און דאָס איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר קערן זיך אָן מיט אייך, מר. אַלט־יאַר.

— יאָ, אָבער אַלץ וואָס איך ווייס וועגן אידן איז בלויז אַלס „זייטיקער צושויער". איך באַטראַכט די גאַנצע וועלט, זע איך, נאַטירלעך, אידן אויך. און דעם אמת מוז איך אייך זאָגן, איי־דער איך שטאַרב, אַז דאָס אידישע פאָלק איז מיר אויך ניט געפעלן געוואָרן. איר זיינט אויך פּייקערס, און איר ריידט זיך איין, אַז ווען, למשל, עפּעס אַ ראַביי ווינטשט אונז עפנטלעך אַ „מערי קריסטמעס", האָט ער אונז דערמיט אונטערגעקויפט. אַ ליגן, יונגערמאַן, אַ ליגן. מיר האָבן פיינט די פוילע שטיק.

די מענטשלעכע ציוויליזאַציע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אייך, אָבער איר האָט ניט פאַרשטאַנען אויסצונוצן אייער געניוס, אייער מוח און אייער תורה, און איר זיינט געבליבן הינטערשטע־ליק. מיינע עלטער־זיידעס, די יאָרן פון מיטלאַלטער, האָבן אייך אָנגעטאָן גענוג צרות, אָבער דאָס איז געווען אַלץ דערפאַר, וואָס מיט אייער גאַנצער חכמה האָט איר ניט פאַרשטאַנען ווי זיך צו פאַרטיידיקן. אין דער היינטיקער צייט האָט איר פאַרלוירן אייער אַמאָליקער ערלעכקייט, און איר זיינט ניט בעסער פון די איבריקע זשוליקעס, וואָס דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט.

— ווי איך זע, מר. אַלט־יאָר, האָט איר באַשלאָסן אין דעם לעצטן טאָג פון אייער לעבן צו באַליידיקן יעדן איינעם, אָבער איך קען אייך זאָגן, אַז אונז אַרט עס ניט. גלויבט מיר, אַז איר האָט זיך גאָר ניט אָנגעזען אין דער צייט, וואָס איר האָט גע־הערשט די לעצטע 12 חדשים. די געשיכטע האָט אייך גע־קאָנט „איבערהיפּן", און עס וואָלט קיין אומגליק ניט געווען. עס האָט אין אייער צייט גאָר ניט פּאַסירט, ניט צום גוטן און ניט צום שלעכטן, וואָס זאָל האָבן אַוועקגעשטעלט אייך אין אַ פּאָזיציע, אַז מען זאָל אייך ארויסזען. קיינער וועט אייך ניט דערמאָנען ניט מיט ליבשאַפט און ניט מיט גרימצאָרן, איר זייט געווען אַ יאָר, וואָס האָט ניט געשמעקט און ניט . . .

מר. אלט־יאָר האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען נעענטער צו מיר, אריינגעקוקט מיר אין די אויגן, אויסגעשטרעקט זיין ביינערנע האַנט און געזאָגט:

— יונגערמאַן, איר האָט טעמפּעראַמענט, און איר האָט מיר געזאָגט עטלעכע אמת'ן. זייט אָבער וויסן, אַז מיר, די יאָרן, וואָס קומען און גייען, זיינען ניט די איינציקע בעלי־בתים אויף דער וועלט. די השגחה באַשטימט אַלץ אין פאָראויס. איך וועל מער קיין תחית המתים ניט אויפשטיין, אָבער די וועלט וועט גיין איר גאַנג. נעמט זיך ניט צום האַרצן, וואָס איך שימף די וועלט אַ טאָג פאַר מיין טויט! איר וואָלט ניט בע־סער געווען, ווען איר וואָלט זיין אין מיין לאַגע. און וואָס עס

איז נוגע דעם אידישן פאָלק, דאַרפט איר מיך יאָ דערמאָנען צום גוטן, ווייל ניט די יאָרן זיינען שולדיק אין דעם, וואָס מען פייניקט גאָט'ס פאָלק, נאָר ער — כביכול — אַליין איז שולדיק. ער האָט אָנגפליאָדעט אַ וועלט מיט פּאַסקודניאַקעס, און דער־פאַר איז אייך, אידן, אַזוי ביטער.

גייט געזונטערהייט, יונגערמאַן, מאַכט אַ לחיים ביי מיין לויה מאָרגן נאַכט, פאַרגעסט אַלע צרות און ווינטשט פון מיי־נעט־וועגן אַלע אידן אַ בעסער יאָר ווי איך בין געווען . . .

## טענקס־גיווינג

אָט קומט ווידער דער ליבער טענקס־גיווינג־דעי און ווידער וועט איר זיך מוזן אָוועקזעצן און עסן מיט כוונה די פעטע אינ־דיקעס מיט קרענבערי, וואָס דאָס איז טאַקע אַ גרויסע מצוה, אָבער אויך אַ גרויסע הוצאה.

אַמאָליקע צייטן, זעט איר, איז אַנדערש געווען. קודם־כל האָט מען ניט געמוזט עסן קיין אינדיקעס. ווער עס האָט גע־וואָלט, דער האָט געגעסען. קיין פּאָליסמאַן איז ניט געשטאַנען איבער אייך און אייך ניט געצוואונגען צו עסן אינדיקעס, אויב איר האָט ניט געוואָלט.

היינטיקע צייטן אָבער מוז מען עסן אינדיקעס, צי מען וויל יאָ, צי מען וויל ניט — ווייל אייערע שכנים, לאַנג לעבן זאָלן זיי, פאָדערן עס ממש פון אייך. ווי אַזוי, כ'בעט אייך, קען אייער ווייב האָבן דעם „נוירוו" צו בלייבן אָן אַן אינדיק לכבוד טענקס־גיווינג, ווען זי ווייסט, אַז אַלע אירע שכנים האָבן זיך באַזאָרגט מיט אינדיקעס, און נאָך מיט וואָס פאַר אַ אינדי־קעס! . . .

— וויפל האָט געוואויגן אייער אינדיק? — פרעגט מרס. מירקין ביי מרס. כירקין.

— מיין אינדיק? — פרעגט איבער מרס. כירקין, — אַי, איז דאָס אַן אינדיק! געוואויגן האָט ער טאַקע ניט מער ווי 13 פונט, דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ הדרת־פּנים, וואָס מען זעט ניט אַזוינס. נו, און אייער אינדיק?

— מיין אינדיק, — ענטפערט מרס. מירקין, — איז גאָר ניט אָפּצושאַצן. אַן אמת'ער קראַסאַוועץ. דער בוטשער האָט מיר אַליין דערציילט, אַז ביים לעבן האָט מיין אינדיק געבלאָזן פון זיך אַקוראַט ווי מוסאָליני. און ווען מ'האָט אים געפירט צום שוחט, האָט ער תּיכּף דערפילט, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַטיק! צוערשט האָט ער פּראָטעסטירט מיט הויכע געשרייען — ווי אַן אינדיק קאָן! — אָבער שפּעטער, ווען ער האָט געזען, אַז זיין מי איז ארויסגעוואָרפן, האָט ער אַליין אויפגעשטעלט דעם האַלז און געגאַנגען אויף קידוש השם . . .

שוין צוויי וואָכן צייט, אַז די בוטשערס פון פלעטבוש און בראָנקס נעמען אָרדערס אויף אינדיקעס, און יעדן טאָג קומען צו נייע אָרדערס. זינט אַמעריקע איז אַ מדינה, האָט מען נאָך ניט פאַרצערט אַזוי פיל אינדיקעס, ווי מען וועט פאַרצערן היינטיקן יאָר. ווי איר האָט מן הסתם שוין געהערט פון אַנדערע קוואַלן, איז איצט פאַראַן פּראָספּעריטי אין לאַנד, דער עולם איז צופרידן און דער איינציקער אופן, ווי אַזוי אויסצודריקן די דאַנקבאַרקייט פאַר דער נייער סאָציאַלער אָרדנונג, וואָס האַלט זיך איצטער אין שאַפן, איז דורך פעטע אינדיקעס.

פאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע אומשטענדן זיינען די אינדיקעס היינטיקן יאָר מער „אינדעפּענדענט", ווי זיי זיינען געווען אַמאָל, אָבער עס מאַכט ניט אויס! זאָלן זיי זיין „אינדעפּענדענט" — איר וועט נאָר באַצאָלן אַביסל מער געלט פאַר זיי און זיי וועלן ווערן אויס „אינדעפּענדענט".

אינדיקעס זיינען קלוג, זיי פאַרשטייען אַ געשעפט.

אַמאָליקע צייטן איז אַנדערש געווען. איך אַליין געדענק נאָך די אינדיקעס מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק: דעמאָלט

זיינען זיי געווען העכסט דעמאָקראַטישע באַשעפענישן, קאָנ־סערוואַטיוו, איינגעהאַלטן און באַשיידן, און אויב זיי פלעגן אַמאָל מאַכן אַביסל גוואַלדן און שרייען „גאָבל, גאָבל", איז דאָס געווען ניט מער ווי אַ תפילה, אַ קאַפּיטל תהלים, אָדער גאָר אַ „סוירמאָן" צו דעם יום־הדין פון די אינדיק'יאַנער.

די היינטיקע אינדיקעס האָבן אָבער אַוועקגעוואָרפן די טראַדיציעס פון זייערע אבות. זייער „גאָבל, גאָבל" קלינגט היינט אַנדערש. עס איז ניט מער קיין תפילה, נאָר אַ מאַני־פעסט; נישט מער קיין קאַפּיטל תהלים, נאָר אַ פלאַמיקער אויפ־רוף צו סטרייק, צו רעוואָלוציע, צו וועלט איבערקערעניש.

דערזעלבער „גאָבל־גאָבל", נאָר אַנדערש איז דער טאָן, כאָטש די ווירקונג איז דיזעלבע, ווי אין די אַלטע יאָרן:

מען האָט זיי דעמאָלט געשאָכטן, מען שעכט זיי היינט אויך.

און מען וועט ווייטער שעכטן.

* * *

טענקס־גיווינג־דעי איז אַן אַלטער יום־טוב ביי דעם אַמע־ריקאַנער פאָלק. מיט איבער דריי הונדערט יאָר צוריק איז ער איינגעפירט געוואָרן פון די ערשטע פוריטאַנער, וואָס זיינען געווען מידע וואַנדערער, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו די היגע ברעגן מיט אַ האָפנונג אין זייערע הערצער צו שאַפן דאָ אַ היים פאַר זיך און געניסן פון אַ פרייען לעבן. קיין סך האָבן דידאָזיקע ערשטע אימיגראַנטן ניט געפאָדערט. זיי האָבן גע־וואָלט אַרבעטן און לעבן פון זייער אַרבעט, און אַמעריקע האָט זיי דידאָזיקע געלעגנהייט געגעבן. אין סאַמע אָנפאַנג האָבן די אינדיאַנער געקוקט קרום אויף די איינוואַנדערער, אָבער סוף־כל־סוף האָבן אפילו די ווילדע אינדיאַנער איינגעזען, אַז די אי־מיגראַציע טוט זיי קיין רעה ניט; פאַרקערט, זיי האָבן אַ סך געוואונען פון דעם אונטערנעמונגס־גייסט פון די פוריטאַנער.

דאָס ערשטע יאָר איז געווען אַ יאָר פון הונגער, נויט און טויט, אָבער באַלד אויפ׳ן צווייטן יאָר האָט מען זיך געכאַפּט, אַז די נאַטירלעכע אוצרות פון לאַנד זיינען גרויס, אַז עס זיינען פאַראַן פעלדער און וועלדער און וואַסער — און אפילו אינדיקעס זיינען אויך פאַראַנען. דער קריזיס פון דעם ערשטן יאָר איז טאַקע געווען אפשר נאָך ערגער ווי דער הואווער-קריזיס מיט דריי הונדערט יאָר שפּעטער, אָבער דערפאַר האָט ער ניט געדויערט אַזוי לאַנג. מען האָט דערטאַפּט די אינדיקעס אַ סך פריער, ווי מען האָט דערוואַרט, און אַ פּראָספּעריטי האָט פאַרכאַפּט דאָס „גאַנצע" לאַנד. און צוליב אָט דעם „נס" פייערן מיר טאַקע דעם טענקס-גיווינג-דעי און מיר דאַנקען פאַר דער פּראָספּעריטי פון אַמאָל, אָבער מיר זיינען נאָך שטאַרקער צופרידן מיט דער פּראָספּעריטי פון היינט.

מיר אידן האָבן אונזערע אייגענע „טענקס-גיווינגס" שוין טויזנטער יאָרן. פּסח איז אַ יום-טוב פון דאַנקען פאַר דעם גרויסן נס פון יציאת מצרים — מיט דעם איינציקן אונטערשייד, וואָס מיר עסן מרור, אנשטאָט פּאַמקין-פּאַי; שבועות איז ביי אונז אַ יום-טוב פון דאַנק פאַר דער תורה, וואָס דער גוטער גאָט האָט אונז געגעבן אונטער׳ן באַרג סיני, אָבער אָנשטאָט „טוירקי", עסן מיר מילכיקס; סוכות איז אודאי אַ יום-טוב פון דאַנקען, עס איז אונזער חג-האסיף, אָבער אנשטאָט עסן אין אַ וואַרימער שטוב, עסן מיר אין אַ קאַלטער סוכה. היינט חנוכה און פּורים זיינען דאָך געווים ימים-טובים פון דאַנקבאַרקייט, ווייל וועלכע נאַציע קען זיך דאָס באַרימען מיט אַזאַ טייערן העלד ווי יהודה המכבי און מיט אַזאַ גאָלדן מיידל ווי אסתר המלכה איז געווען.

אָבער ניט נאָר אידן, נאָר די אַלטע גריכן און רוימער האָבן אויך געהאַט זייערע „טענקס-גיווינגס". אפילו אָליווער קראָמוועל האָט אין ענגלאַנד איינגעפירט אַ דאַנק-טאָג נאָך דער מפּלה פון זיינע שונאים, און מיר זיינען זיכער, אַז אַלע אַנדע-

רע פעלקער האָבן געפּראַוועט און פּראַוועז נאָך איצט זייערע „טענקסגיווינגס" אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערן.

טאָ לאָמיר דאַנקען און דאַנקען היינטיקן יאָר מיט פּאַראיי־ניקטע כוחות.

לאָמיר דאַנקען דעם אַמעריקאַנער פאָלק פאַר דעם, וואָס עס האָט דערוויילט רוזוועלט'ן אויף נאָך אַ טערמין — קיין גרעסערע און שענערע מתנה האָט מען ניט געקענט דערוואַרטן. לאָמיר דאַנקען פּאַדהער קאַגלין פאַר דעם ביסל קאָליר און פאַר דעם ביסל אויפרעגונג, וואָס ער האָט אונז געגעבן אין צייט פון קאַמפּיין, ווייל וואָס העכער ער האָט געשריען אין צייט פון קאַמפּיין, אַלץ נידריקער איז ער געפאַלן נאָכ'ן קאַמפּיין. לאָמיר דאַנקען הוירסט'ן פאַר זיין געוואַגטער און שטורמישער קעגנערשאַפט צו רוזוועלט'ן אין דעם לעצטן יאָר, ווייל זיין קעגנערשאַפט האָט געהאָלפן אין אַ גרויסער מאָס צו דער הערלעכקייט פון דעם זיג.

אָבער נאָך איין זאַך דאַרף אַמעריקע געדענקען אין דעם טאָג פון טענקס־גיווינג, ווען די צוגעברוינטע אינדיקעס וועלן ליגן צעלייגט אויף די טישן פון לאַנד: אַמעריקע דאַרף אין יענעם מאָמענט געדענקען, אַז דער אינדיק איז אויך אַ סימבאָל פון פרייער איינוואַנדערונג, און אַז נאָר אַ דאַנק אָט דער פרייער איינוואַנדערונג איז אַמעריקע היינט דאָס גלאָריפיצירטע לאַנד פון דער גאַנצער וועלט.

און ווען מיר, אימיגראַנטן, דאַנקען אַמעריקע פאַר אַלץ דאָס גוטס, וואָס דאָס לאַנד האָט אונז געגעבן, דאַרף אַמעריקע אויך אין זינען האָבן, אַז פאַרפאָלגן „פרעמדע" איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער ראָמאַנטישער טראַדיציע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּלימוט מיט דריי הונדערט יאָר צוריק, ווען די ערשטע פּוריטאַנער האָבן זיך דערשלאָגן אין אַ גליקלעכער מדינה.

„גאָבל, גאָבל" . . .

אָט שטייט ער דאָרטן, דער אינדיק, אין דעם בוטשער׳ס פענצטער און דרייט זיך אַרום, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ער ווייסט אפשר ניט, אַז ער איז דער סימבאָל פון דאַנקבאַר־קייט פון אַ גאַנץ פאָלק. אמת איז, אַז היינט־מאָרגן וועט ער ווערן דער קרבן פון אָט דעם סימבאָל, אָבער ער אליין פילט, אַז עס לוינט זיך אַוועקצולייגן דאָס לעבן פאַר דער פריווילעגיע און פאַר דער פובליסיטי, וואָס ער וועט קריגן אין די קומענ־דיקע עטלעכע טעג.

ס׳איז בעסער צו זיין אַ „גאָבל, גאָבל" אין אַ בוטשער׳ס פענצטער אין אַמעריקע, איידער צו זיין אַ „געביל, געביל" אין היטלער׳ס קאַבינעט אין דייטשלאַנד.

# מוטער־טאָג



## דער יום טוב פון דער מאַמען

...זי איז געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף — וואָס זאָג איך אַ דאָרף? — אַ „געניץ" איז עס געווען, ניט קיין דאָרף. דער דאָזיקער „געניץ" האָט געהאַט אַ נאָמען אויך: בראָכאָוויץ — און בראָכאָוויץ איז געלעגן ניט ווייט פון לעמבערג, די דאַמאָלסדיקע הויפּטשטאָט פון גאַליציע.

ווען זי איז אַלט געווען פינף יאָר האָט זי שוין געלערנט ביי אַ מלמד און געלערנט האָט זי דוקא ווי אַ אינגל, צוערשט קמץ אלף, דערנאָך עברי און שפּעטער חומש מיט רש"י. דערצו האָט זי זיך געלערנט שרייבן, צוערשט אידיש, דערנאָך דייטש,

און איז שפעטער געוואָרן דער איינציקער געלערנטער מענטש אין גאַנץ בראַכאָוויץ.

דער טאַטע אירער איז געווען דאָס, וואָס מען רופט אַ זיי־דענער איד, און דערצו אַ שטיק „מאַגנאַט". ער האָט פאַר־מאָגט זיין אייגנס אַ „מאָרג" פעלד, אַ שקאַפּע מיט אַ וועגעלע און צוויי אָדער אפשר גאַנצע דריי קי, וואָס האָבן זיך „גע־מאָלקן."

איר דאַרפט וויסן, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי קי — קי, וואָס פּאַשען זיך גאַנצע טעג און פרעסן אַ גאַנצע נאַכט היי, אָבער ווען עס קומט צו געבן מילך, איז קיינער ניטאָ אין דער היים; פאַראַן אָבער אַזעלכע קי, וואָס דרייען זיך, דוכט זיך, גלייכגילטיק אַרום אויף דער פּאַשע און קוים וואָס זיי כאַפּן אַ גרעזל אין מויל אריין, אָבער אַז עס קומט דער פאַר־נאַכט, ברענגען זיי אַזוי פיל מילך אין די אייטערס, אַז מען קאָן זיי ניט נאָכטאַרטשען קיין מילך־שעפלעך . . . אַזעלכע קי זיינען אַ ברכה, ווייל פון זייער מילך מאַכט מען קעז, סמעטענע, זויערמילך, מאַשלינקע און מען „שלאָגט" פּוטער. די שטאָטישע מענטשן פלעגן אייך אין יענע ציטן אָוועקגעבן כ'וויים אליין ניט וואָס פאַר אַביסל קעז אָדער סמעטענע, וואָס מען האָט געבראַכט גלייך פון דאָרף צו זיי אין שטוב אריין.

האָט טאַקע דער דאָזיקער איד — יעקב יוסף האָט ער געהייסן — געהאַט פּרנסה בהרחבה און ניט געזשאַלעוועט קיין מלמדים פאַר זיין טעכטערל, וואָס איז ביי אים געווען די עלט־סטע, און דאָס טעכטערל — פעשע האָט זי געהייסן — האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס און האָט ליב געהאַט צו לערנען.

און שיין איז פעשע געווען ווי אַ בת־מלכה. אויגן האָט זי געהאַט שווארצע און טיפע, און אַ ליבשאַפט האָט געשלאָגן פון זיי. מען פלעגט אויף איר זאָגן, אַז זי האָט „גוטע אויגן," און „גוטע אויגן" האָט שוין געמיינט אַלצדינג: אי אַ גוט

האַרץ, אי פיינע און צאַרטע געפילן. קיין וואונדער ניט, וואָס מען האָט זי „אויסגעכאַפּט" ווען זי איז קוים אַלט געוואָרן פופצן יאָר. אַ שיינער, הויכער און אַ בלאָנד־באַבערדלטער יונגערמאַן פון אַ ווייטן דאָרף — פאַדהאָרעץ האָט דאָס דאָרף געהייסן — האָט זיך פאַרליבט אין איר באַלד אויפ׳ן ערשטן בליק, און טאַקע שנעל געשיקט אַ שדכן, אַז ער זאָל מיט איר פאָטער ריידן תכלית.

און אַז מען האָט געבראָכן טעלער, איז גאַנץ בראָכאָוויץ געווען גליקלעך, און דער „זיידענער" ר׳ יעקב יוסף האָט גע־הויבן די הענט צום הימל און געדאַנקט דעם וואָס מ׳טאָר זיין נאָמען ניט אָנרופן פאַר די חסדים, וואָס ער האָט געטאָן מיט אים.

דער הויכער און שלאַנקער און בלאָנדער יונגערמאַן—בעריש איז געווען זיין נאָמען — פלעגט קאָרעספּאָנדירן מיט זיין יונ־גער און גליקלעכער כלה. דאָס הייסט, קאָרעספּאָנדירט האָט זי, ניט ער, ווייל די כתבא־רבה׳טע איז געווען פּעשע און ניט בעריש. אירע בריוו זיינען געווען גאָר אַן אַנטיק ווייל ניט נאָר האָט זי געהאַט אַ שיינע און געציקלטע האַנטשריפט, נאָר זי פלעגט שרייבן אין גראַמען אויך.

הויכגעשעצטער און ליבהאַרציקער חתן, זאָל לעבן,
אַ סך ברכה און הצלחה זאָל גאָט דיר געבן.
איך שיק דיר אַ תפילין־זעקל פון סאַמעט און זייד,
אַ מתנה — אי פאַר גאָט, אי פאַר לייט.
איך האָב אַליין אויסגעשטריקט דיין כשר׳ן נאָמען,
און זאָל דיין מזל בליען, ווי אין גלח׳ס גאָרטן די בלומען.
מיר זיינען אַלע געזונט, דאָס שרייב איך דיר גערן,
און ווינטש זיך פון דיר דאָסזעלבע צו הערן.
טאַטע־מאַמע און משפחה גריסן דיך אַלע,
און אויך איך, פּעשע, דיין געטרייע כלה.

אָט אַזוי אַ, מיט אַזעלכע רייד.

ווען דאָס דאָזיקע גליקלעכע פּאָרל האָט חתונה געהאַט, האָט דער פּראָזדניק נאָך דער חתונה געדויערט אַ וואָך צייט. בראַכאָוויץ און פּאַדהאָרעץ האָבן זיך משדך געווען, און די „ג אַ נ צ ע   ו ו ע ל ט" איז געגאַנגען כּאַדראָם...

יאָרן זיינען געגאַנגען. בעריש איז געוואָרן אַ גרויסער סוחר און געהאַנדלט מיט אָקסן. פּעשע, ווידער, האָט געהאָדעוועט קינדער און געפאָרן צו רביים. נאַראַיעוו, קאַמאַרנע, סאַסעוו — וואו נאָר עס איז געווען אַ „גוטער איד" פלעגט זי פאָרן, און אַזוי ווי אויף קיין פדיון האָט ב"ה ניט געפעלט, פלעגט זי טאַקע זיין אַן אָנגעלייגטער גאַסט אין די הויפן. וואָס מער פּעשע איז „געפאָרן", אַלץ בעסערע געשעפטן האָט בעריש געמאַכט, אַלץ גרעסערע „פּאַשעס" מיט אָקסן האָט ער אָפּגעקויפט. דעם רבינ'ס כח איז געווען אין לשער. וואָס דאַרפט איר מער? אונטער איר דרוק האָט בעריש אויך געמוזט פאָרן צום רבי'ן. ער האָט ניט געוואָלט, אָבער ער האָט געמוזט. זי פלעגט שטענדיק טענה'ן מיט אים: ווילסט ניט פאָרן קיין נאַראַיעוו, פאַר קיין סאַסעוו, און אַז דער סאַסעווער געפעלט דיר ניט, פאַר קיין גלינע, פאַר קיין קאַמאַרנע, קיין בעלז, קיין טשאַרטקאָוו — וואו דו ווילסט, אַבי פאָר...

און מען איז געפאָרן אַזוי ס'גאַנצע לעבן...

אפילו די קינדער האָט מען געשלעפּט צו רביים, און זייערס אַ זונדל — הירשל האָט מען אים גערופן — האָט געקראָגן מער ברכות פון גוטע אידן, ווי ער האָט געהאַט האָר אין קאָפּ...

אָבער אַ גרויסע פאַרשווענדערין איז געווען פּעשע. טראָץ די רווחים פון אָקסן, איז קיין געלט קיינמאָל ניט געווען. בעריש פלעגט זיך וואונדערן, וואו דאָס געלט קומט אַהין. מען האָט אפילו געלעבט גאַנץ באַלעבאַטיש, אָבער דאָס איבריקע געלט פלעגט שטענדיק פאַרשווינדן. פּעשע האָט קיינמאָל ניט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון פון אירע הוצאות, און ווען מען האָט גערעדט וועגן אָט די „נאַרישע" זאַכן, פלעגט זי שמייכלען

מיט אירע שוואַרצע אויגן און גענומען ריידן וועגן אַנדערע ענינים. עס זיינען דערנאָך געווען צייטן, ווען געלט איז גע־וואַקסן, אָבער וואָס מער עס איז געוואַקסן, אַלץ ווייניקער איז געבליבן.

יאָרן זיינען געגאַנגען. פּעשע איז פּלוצים קראַנק געוואָרן. מען האָט גערופן דאָקטוירים, מען האָט געשיקט שטאַפּעטן צו אַלע רביים, און מען האָט געוואַרט אויף רחמים.

ניט די דאָקטוירים און ניט די רביים האָבן געהאָלפן. מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן האָט פּעשע אויסגעהויכט איר יונג לעבן . . .

און אַ לויה האָט פּעשע געהאַט, וואָס מען האָט אַזוינס ניט געזען. די גאַסן זיינען געווען שוואַרץ פון מענטשן, מער־סטנס אָרימעלייט און מקבלים פון אַלע אנשטאַלטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער שטאָט לעמבערג, און די אָרימע פון שטאָט האָבן מיט טרערן אין די אויגן גערעדט צווישן זיך: זי איז אונזער שפּייזערין געווען, זי האָט אונז פון אונזער נויט גע־ראַטעוועט, אונזערע צרות געמינערט און אונזער הונגער גע־שטילט.

די לויה האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג.

פירנדיק זיין פּעשע צו איר אייביקער רו, האָט זיך בעריש צום ערשטן מאָל דערוואוסט, וואו זי פלעגט „פאַרשווענדן" זיין געלט . . .

פּעשע — אַ גרויסע אידישע נשמה געווען.

* * *

היינט איז מוטער־טאָג, און לכבוד מוטער־טאָג האָב איך אייך דאָ איבערגעגעבן עטלעכע שטריכן פון אַ שיינער אידי־שער פרוי, וואָס איז מיין מאַמע געווען.

פונקט איין מינוט נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט הייבט זיך אָן מוטער־טאָג, און אין יענער מינוט דאַרפט איר אָנהייבן ליב צו האָבן אייער מאַמע; די ליבע מוז אָנהאַלטן גאַנצע 24 שעה כסדר.

אין די איבריקע 364 טעג פון יאָר מעגט איר טאָן וואָס איר ווילט, איר מעגט זיך יאָ אומקוקן אויף אייער מוטער, און איר מעגט זיך ניט אומקוקן אויף איר, קיינער קאָן אייך קיין דעה ניט זאָגן; אָבער אין די 24 שעה פון מוטער־טאָג מוזט איר אונטערטראָגן דאָס ביסל ליבשאַפט צו אייער מאַמען, ווייל זי און גאַנץ אַמעריקע דערוואַרטן דאָס פון אייך.

אויך די בלומען־געשעפטן און די קענדי־פאַבריקאַנטן דער־וואַרטן פון אייך, אַז איר זאָלט שיינקען אייער מוטער אביסל אויפמערקזאמקייט, און אפילו די צירונג־געשעפטן ווילן, אַז אייער ליבע זאָל גלאַנצן פאַר דער דאַזיקער פרוי, וואָס האָט אייך געבראַכט אויף דער וועלט מיט אזויפיל און אזויפיל יאָרן צוריק אונטער זייער שווערע און קרעכצנדיקע אומשטענדן.

אמעריקע וואַרט, אַז איר זאָלט איר דאַנקבאַר זיין און ארויסווייזן אייער דאַנקבאַרקייט.

בלויז אין אמעריקע עקזיסטירט דער איינפיר פון מוטער־טאָג. אין מיינע צייטן — אין דער אַלטער היים — האָט ניט עקזיסטירט דער דאַזיקער מנהג און ביז אויף דעם היינטיקן טאָג האָט מען דאָרט דעם דאַזיקן מנהג ניט איינגעפירט. אין דער אַלטער היים האָט מען ליב געהאַט די מאַמען ס׳גאַנצע קיילעכדעקע יאָר, און דערפאַר איז די ליבע ניט געווען שטאַרק אָנגעלייגט. ק אָ נ צ ע נ ט ר י ר ט ע ליבע אין איין טאָג האָט—אַזוי צו זאָגן—אַ דראַמאַטישן ווערט. עס ש ט ר ײ כ ט אונטער דעם סענטימענט, וואָס אַ קינד טראָגט אין האַרצן צו זיין מוטער.

אַמעריקע האָט ליב דראַמע — אַ „שאָו". פונקט ווי מען קאָן ניט אין זינען האָבן דעם יום־טוב פון אַמעריקאַנער באַ־

פרייאונג יעדן טאָג פון יאָר און מען האָט דערפאַר באַשאפן דעם טאָג פון פערטן דזשולײַ, אזוי קאָן מען אויך ניט אין זינען האָבן די מוטער יעדן טאָג פון יאָר און מען האָט דערפאַר אויסגעקליבן אַ ספּעציעלן טאָג איר צוצוטיילן כבוד און ליב־שאַפט.

חוץ דעם האָבן די אַמעריקאַנער גלאַט האַלט ימים־טובים — און אויב עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מען קאָן פּראַווען נאָך אַ יום־טוב, איז אוּדאי גוט. דער יום־טוב מוז אָבער האָבן זין, ער מוז האָבן דראַמאַטישן אינהאַלט, און אין דעם פרט איז די מאַמע אויסגעצייכנטער מאַטעריאַל.

מיט א טאַטן איז שוין ניט דאָס, וואָס מיט אַ מאַמען. אמת, מען פּרובירט מאַכן יעדן יאָר אַ יום־טוב פאַר'ן טאַטן אויך, אָבער ס'איז בלאַטע. דער „פאָטער־טאָג" האָט ניט אָנ־געצויגן, עפּעס אַ צוגעטשעפּעטער יום־טוב, גלאַט אַזוי פאַר יוצא־זוועגן.

אַ טאַטע, דאַרפט איר וויסן, איז ניט קיין מאַמע! פאַר אַ טאַטן פעלט דער סענטימענט, ער איז דער שטאַרקערער (עס רעדט זיך נאָר אַזוי!) — און דערפאַר מער וואָכעדיק ווי די מאַמע.

אַ טאַטע איז געוויינלעך ניט מער ווי דער מאַן פון דער מאַמען, און פאַרוואָס קומט אים אַ יום־טוב?

זאָל מען אָפּשאַפן דעם פאָטער־טאָג (מוחל דאָס קראַ־וואַטל!) און זאָל מען מיט שטאַרקערן אימפּעט פייערן דעם יום־טוב פון דער מאַמען, ווייל זי איז אַלץ!

שטאַלץ וועט אייער מאַמע זיין די גאַנצע 24 שעה, און זי וועט איבערלעבן א סך פרייד, — איר דאַרפט עס איר פאַר־גינען מיטן גאַנצן הארצן.

מיט אַ טאָג שפּעטער וועלן זיך אייערע מאַמעס באַרימען איינע פאַר דער צווייטער מיט דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס די

קינדער האָבן זיי געשאָנקען. איין מאַמע וועט ווייזן אירע בלו־מען, די צווייטע איר באַקס קענדי, אַ דריטע וועט זיך באַרימען מיט דער טעלעגראַמע, און א פערטע — מיט דעם אפעטיט פון די קינדער ביים נעכטיקן מאָלצייט...

— איר האָט געהערט, מרס. מירקין? מיין עלטערער זון, דער דאָקטאָר, האָט דאָך מיר געוואָלט קויפן א זילבערנעם „בריישלעט" פאר מאַדהערס דעי...

— נו, פאַרוואָס־זשע האָט ער ניט געקויפט?

— איר פאַרשטייט דאָך, מרס. מירקין, ערשטנס האָט ער נעבעך קיין געלט ניט, און צווייטנס —

— איר זאָלט מיר לעבן, מרס. גאָלדשטיין, וואָס טויג אייך דער „צווייטנס" מען דאַרף דען האָבן טויזנט אורזאַכן פאר ניט־קויפן? זעט איר, מיין טאָכטער האָט שוין אַנדערש געהאַנדלט. ניט זי האָט געוואָלט און ניט זי האָט געקויפט. זי איז זייער אַן אויסגעהאַלטענער מענטש. דערפאַר אָבער האָט זי מיר טעלעפאָנירט און מיר דערציילט מיט גרויס שמחה, אַז אירע קינדער האָבן איר איינגעקויפט מתנות אָן א שיעור, און אַז זי איז גליקלעך, וואָס זי האָט אַזעלכע טייערע קינדער.

— טו וואָס־זשע האָט איר געענטפערט?

— וואָס האָב איך געקענט ענטפערן? איך האָב איר גע־זאָגט, אַז זי איז אַ בעסערע מאַמע פון מיר. אָט האָט זי דער־צויגן פיינע קינדער, און איך...

— האָט זי כאָטש פאַרשטאַנען דעם „שטאָך" וואָס איר האָט איר געגעבן.

— שור האָט זי פאַרשטאַנען „אָה, מאַדהער דיר," — האָט זי געזאָגט — „יו אַר סאָ פאָני"! — און מיר האָבן ביידע געלאַכט.

יאָ, אַלע קינדער דאַרפן אין זינען האָבן די מאַמע זייערע אין דעם גרויסן טאָג פון מוטער־טאָג. אַ טעלעגראַמע איז נאַטירלעך די פּשוט'סטע זאַך און עס קאָסט ניט קיין סך געלט. אויב די קינדער ווייסן ניט אקוראַט וואָס אריינצושרייבן אין טעלעגראַמעס, זאָלן זיי זיך ווענדן צום טעלעגראַף־אָפיס, און דאָרט איז שוין פאַראַן א גאַנצע ליסט פון פיינע ווערטער פאַר דעם נוצן פון דעם בריטן פובליקום בנוגע „מאַדהערס־דעי".
פאַר דרייסיק סענט קענט איר ליב האָבן אייער מוטער מיט די שענסטע פראַזן, אָבער עס פאַרשטייט זיך, אַז פאַר פערציק סענט קענט איר זיך אויסדריקן נאָך שענער. אויב איר זיינט אַן אמת'ער ספּאָרט און איר ווילט שיקן אַ טעלעגראַם פאַר אַכציק סענט, קען אייך דער טעלעגראַף־אָפיס כמעט גאַראַנטירן, אַז ביי אייער מוטער וועלן זיך שטעלן טרערן אין די אויגן, ווען זי וועט עס לייענען.

א סך, וואָס קענען ניט „אַפאָרדן" קענען זיך באַנוגענען מיט דעם מינימום. זיי קענען ליב האָבן זייער מוטער בלויז פאַר דרייסיק סענט...

יאָ, און וואָס איז מכח א שוויגער?

א שוויגער איז דאָך סוף־כל־סוף אויך א מאַמע, און עס וואָלט געווען א יושר גדול, אַז מען זאָל זי אויך ליב האָבן איינמאָל אין יאָר. מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז יעדע מאַמע האָט אירע שאַנסן צו ווערן א שוויגער, און אויב מען וועט אין אַמעריקע ניט איינפירן א „שוויגער־טאָג" וואָלט מען כאָטש געדאַרפט אָפּטיילן א שטיקל פון „מוטער־טאָג" פאַר אירט־ווענן.

דער בראָנקסער פעטער דערציילט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער אויך געהאַט אַ שוויגער, און די שוויגער האָט ביי אים געוואוינט זינט זיין חתונה. פאַרשטייט זיך, אַז די שוויגער פלעגט אים דערגיין די יאָרן, אָבער דער פעטער האָט

איר אָפּגעבן אַ סך כבוד, און ריידנדיק מיט איר פלעגט ער איר שטענדיק פאַרגלייכן צו נעמי.

„דער איינציקער חילוק צווישן אייך און נעמי, — פלעגט דער בראָנקסער פעטער צו איר טענה׳ן — איז, וואָס יענע שטייט איין אין תנ״ך און איר שטייט-איין אין מיין הויז. ווען איר זאָלט אויך איינשטיין אין תנ״ך וואָלט איך גאָר אָנגעקאָוולן פון אייך״...

## די אידישע מאַמע

די אידישע מאַמע (ניט די טעאַטער מאַמע) איז דוכט זיך די אייביקסטע פון אַלע מאַמעס אויף דער וועלט, און די טראַגישסטע...

די מוטער רחל איז שוין טויט טויזנטער יאָרן און זי וויינט נאָך אַלץ אויף דעם שיקזאַל פון אירע קינדער אין גלות... איר גאַנץ לעבן, מישטיינס געזאָגט, איז געווען איין קייט פון אומגליקן. ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט זיך אין איר פאַרליבט אונזער זיידע יעקב און ער האָט זי געוואָלט נעמען פאַר אַ ווייב, איז אָבער רחל׳ס טאַטע, אַ געוויסער לבן הארמי, געווען אַ כיטרער יונג, האָט ער געהייסן יעקבן דינען זיבן יאָר צייט און דערנאָך וועט ער אים געבן רחלען. און ווען די זיבן יאָר האָבן זיך געענדיקט — וואָס, מיינט איר, טוט דער זשוליק לבן? ער נעמט און רוקט אים אונטער לאה׳ען אָנשטאָט רחלען און מאכט מיט אים אַ „דיעל״, אַז אויב ער וועט דינען נאָך זיבן יאָר וועט ער אים דאַן זיכער געבן רחלען פאַר אַ ווייב... און אזוי האָט די בידנע רחל געוואַרט גאַנצע פערצן יאָר אויף איר געליבטן, און אַז זי האָט שוין יאָ חתונה געהאַט מיט אים, האָט ערשט לאה געהאַט די קינדער און זי ניט. גאָט, כביכול, האָט „פארשלאָסן איר טראַכט״ און גיי שריי חי וקיים. ערשט מיט אַ לאַנגער צייט שפּעטער האָט זי געבוירן

אַ זון צו מזל, יוסף האָט ער געהייסן, אָבער ביי דער געבורט פון איר צווייטן אינגעלע — בנימין האָט ער געהייסן — איז זי נעבעך געשטאָרבן און מען האָט זי אפילו ניט געקענט ברייגנען צו קבר ישראל — מען האָט זי באַגראָבן אין מיטן וועג...

רחל איז געווען די טראַגישסטע מאַמע ביי אידן און צווישן די פיר גרויסע מאַמעס אין דער אידישער געשיכטע, פאַרנעמט זי ביי מיר דעם סאַמע אויבן־אָן.

און דאָס אידישע פאָלק שיקט איר אפילו ניט קיין טעלע־גראַם צו „מאדהערס־דעי"...

אַ שאַנד!...

## אנשטאָט א פעלקער־ליגע — אַ מאַמע־ליגע

עס איז אונז איינגעפאַלן אַ שטיקל געדאַנק, וואָס דאַרף אויפגענומען ווערן מיט פרייד פון אַלע מוטערס אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט. דער געדאַנק איז, צו פאַראייניקן אַלע מאַמעס אין איין גרויסן פאַרבאַנד און שאַפן אַ מין ליגע פון לויטער מוטערס.

אַנשטאָט אַ פעלקער־ליגע — אַ „מאַמע־ליגע"...

לאַכט ניט, כ׳בעט אייך, אַ „מאַמע־ליגע" קאָן אויפטאָן אַ סך מער פון אַ פעלקער־ליגע אין טויזנטער אַנגעלעגנהייטן. אַ פעלקער־ליגע ווערט געפירט פון ק ע פּ און אַ מאַמע־ליגע וועט געפירט ווערן פון הערצער. איך וועל זיך שטענדיק מער פאַרלאָזן אויפן יושר פון הארץ, איידער אויפן שכל פון קאָפּ.

שכל איז בכלל אַ נ אַ ר י ש ע זאַך, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען. שכל איז, אונטער די בעסטע אומ־שטענדן, אַ גנב׳ישער ענין. עס איז קאָמבינאַציע, אויסרעכ־

נונג, מוח-גימנאַסטיק, ספּעקולאַציע, און אַלץ פֿירט געוויינלעך צו אַ זעלבסט-באַשיצונג און אייגן-נוץ. יעדער מענטש נוצט זיין שכל פֿאַר זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן, און אויב חיים האָט מער שכל פֿון משה'ן, האָט חיים אַ בעסערן „טשענס" אין לעבן. אַלע מענטשן האָבן טאַקע אפשר ג ל י י כ ע רעכט אויף די אוצרות פֿון דער וועלט, אָבער מוסאָליני איז קליגער פֿון העיל סעלאַסיע, קריגט ער מער מאַכט און מער טעריטאָריע.

זעט איר, ווען אַלע מענטשן וואָלטן געווען ג ל י י ך קלוג, וואָלט געקומען די ישועה און די אויסלייזונג באַלד אויפ'ן אָרט. קלוגשאַפֿט וואָלט דאַן קיין ווערט ניט געהאַט, מען וואָלט מיט'ן שכל גאָרניט געקאָנט אויפֿטאָן. אַלע קאַמפֿן וואָלטן אויפֿגעהערט, חיים און משה, מוסאָליני און סעלאַסיע וואָלטן געווען גלייכע מחותנים — איז אָבער, בעוונותינו הרבים, ניט אזוי. די וועלט איז איינגעטיילט אויף קלוגע און ניט-קלוגע, און די קלוגע האָבן די אויבערמאַכט. אַזוי איז עס געווען אין אַלע צייטן און אזוי וועט עס מן הסתם פֿאַרבלייבן עד סוף כל הדורות.

און אַזוי לאַנג ווי איין טייל פֿון דער מענטשהייט איז „באַוואָפֿנט" מיט שכל, מוז דער צווייטער „אומבאַוואָפֿנטער" טייל פֿון דער מענטשהייט זיין דער קרבן, און דערפֿאַר זאָגט טאַקע דער בראָנקסער פּעטער, אַז שכל איז ניט מער ווי אַ רעקעט און אַ שווינדל.

מיטן האַרץ, זעט איר, איז די לאַגע שוין אינגאַנצן אַנדערש. אַ האַרץ ווייסט פֿון קיין חכמות ניט. עס פֿ י ל ט און דאַטס אָל . . . אַ האַרץ גייט שטענדיק אויפ'ן גלייכן וועג, עס רעאַגירט אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן און עס דרייט ניט מיט'ן גראָבן פֿינגער.

ווען דאָס שיקזאַל פֿון דער וועלט וואָלט געלעגן אין די הענט פֿון האַרץ-מענטשן, וואָלט זי געווען אַ סך „בעסער-אָף",

ווי אין די הענט פון קאָפּ-מענטשן. איין האַרץ פּילט דאָס צווייטע, אָבער איין קאָפּ שפּיצט איבער דעם צווייטן...

און דערפאַר טרעטן מיר אַרויס מיט דער שאַרפסטער פאָדערונג פאַר אַ „מאַמע-ליגע" אַנשטאָט אַ פעלקער-ליגע. זעצט אַוועק די מאַמעס אין זשענעווע און זאָלן די דיפּלאָמאַטן גיין שיילן בולבעס אין קיך. בלויז אַ „מאַמע-ליגע" קאָן ברענגען שלום אויף דער וועלט, דעם אמת'ן שלום, אָן סאַנקציעס, אָן קאָנצעסיעס און אָן בלוט-פאַרגיסונג.

די האַנט, וואָס וויגט דאָס וויגל, דאַרף רעגירן איבער דער וועלט; די האַנט וואָס צירעוועט זאָקן און שפּילט ברידזש, דאַרף געוועלטיקן איבער אונז — אַ „מאַמע-ליגע" קאָן ברענגען דאָס גרויסע גליק פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

## צוויי מאַמעס

די שכנ'טע מיינע — אַ געזונט אויף איר — האָט אַ טבע, אַז ווען עס מאַכט זיך ביי איר עפּעס אַ ניט-גלאַטיקער ענין, לויפט זי באַלד אריין צו מיר אין שטוב זיך אראָפּריידן פון האַרצן.

שטאַרבט, ניט פאַר קיין אידן געדאַכט, אַ שוועסטער אין קאַליפאָרניע, אָדער דער מאַן, לא עליכם, פאַרלירט דעם דזשאָב אין פעקטאָרי — אהאַ, די שכנ'טע איז דאָ! און אַז ס'מאַכט זיך טראָבל מיט דער פאַרהייראַטער טאָכטער, וואָס קאָן נעבעך ניט אויסקומען מיט איר משוגענעם מאַן — די שכנ'טע מיט די פאַרוויינטע אויגן איז ווידער אַ גאַסט.

עס איז שוין געוואָרן אַזוי, אַז ווען איך זע זי אריינקומען צו מיר אין הויז, פאַרשטיי איך באַלד, אַז עס רוקט זיך אויף מיר אַ בינטל צרות. איך ווייס אין פאָראויס, אַז איך וועל דאַרפן אויסהערן אַ גאַנצן צעטל פון אומגליקן, וואָס האָבן זיך

ביי איר אָנגעזאַמלט, און זי קומט נעבעך זוכן ביי מיר טרייסט און באַרואיקונג.

איז טאַקע נעכטן, בשעת איך זיץ מיר אַזוי און טראַכט וועגן אַ נעכטיקן טאָג, גיט אימיצער אַ קלאַפּ אין טיר.

„קאָם אין,“ רוף איך אויס, ווי אַ העפלעכער מענטש דאַרף אויסרופן — און אין טיר באַווייזט זיך — יאָ, איר האָט גע־טראָפן! די שכנ'טע פון נעקסט־דאָר מיט אַ ז ע ל כ ע אויגן.

„וואָטסימערע?“ פרעג איך ביי מיין שכנ'טע, — און אַנשטאָט אַן ענטפער הייבט זי אָן כליפּען און נעמט אַרויס אַ צעקנייטשטן בריוול פון איר פּאַקעטבוק און גיט עס מיר אין דער האַנט אַריין.

„זיצט מרס. צוויבאַק“, זאָג איך צו איר, און לייג אַוועק דאָס בריוול אויפן טיש.

„לייענט, לייענט!“ שושקעט זי מיט טרערן אין דער שטים, „און זעט, וואָס מיין בענאַק, מיין בן־יחיד שרייבט מיר פון באָסטאָן. הלואי וואָלט ער, מיינע שונאים, אויסגערונען געוואָרן אין דער מאַמעס בויך. אַזאַ באָם! אַזאַ קאָמוניסט! וואָס זאָג איך אַ קאָמוניסט? צען טויזנט מאָל ערגער פון אַ קאָמוניסט. אַ קאָמוניסט וועט אַזוי ניט שרייבן צו דער אייגענער מאַמען. איך אַליין קען אַ קאָמוניסט, וואָס איז זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש, גייט אפילו אין שול אַריין, פאַסט אום תשעה־באב, און אַנטקעגן מיין זון איז ער אַ צדיק. אדרבה, לייענט, לייענט, און זעט אַליין מיט אייערע אויגן אויף וואָס מען כאַוועט אויס קינדער היינטיקע ציטן, ווי איז דער מאַמען.“

איך האָב גענומען דאָס בריוול אין דער האַנט אַריין און אָנגעהויבן לייענען.

„לייענט הויך, מר. גוט־שבת, איך וויל עס נאָכאַמאָל הערן. פאַר אייך שעם איך זיך ניט, איר פאַרשטייט וואָס ביי מיר אין הארצן טוט זיך."

און איך האָב איר צוליב געטאָן און געלייענט דאָס בריוול אויפן קול, און זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט.

און אָט איז דאָס בריוול.

„טייערע מאַמע! זונטיק איז מוטער־טאָג אין לאַנד, און די רעאַקציאָנערע פינסטערלינגען, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אין דער פאַרדאַמטער, קאַפּיטאַליסטישער אמעריקע, ווען טראָגן מתנות פאַר זייערע מאַמעס און וועלן זיי שרייבן בריוולעך מיט צוקערדיק־נאַרישע ווערטער, וואָס וועלן אויסדריקן ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר דעם מאַמע־פאָלק. דו ווייסט עס אליין, מאַמע, אַז דעם דאָזיקן „מוטער־טאָג" האָבן ניט אויסגעטראַכט די קינדער, וואָס האָבן ליב זייערע מאַמעס, נאָר אויסגעטראַכט האָבן דעם מנהג די כאַבאַרניקעס פון דער אַמעריקאַנער געשעפטס־וועלט, וועלכע זוכן צו מאַכן ביזנעס פון מוטער־ליבע. וואָס מער קינדער עס וועלן ארויסווייזן ליבע צו זייערע מוטערס, אַלץ בעסערע געשעפטן וועלן זיי מאַכן, און דאָס איז דער איינציקער צוועק פון אָט דעם לעכערלעכן און פאַסקודנעם מנהג.

„און צו דעם דאָזיקן אמעריקאַנער „מוטער־טאָג" וויל איך דיר, מאַמע, אויך שיקן מיין מתנה — מיין מתנה איז א דערקלערונג פון האַס צו דיר, מאַמע מיינע. איך האָב דיך פיינט מיט דער גאַנצער שנאה, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין מיין הארצן, און איך וועל דיר קיינמאָל ניט מוחל זיין פאַר דער געמיינהייט, וואָס דו ביזט באַגאַנגען קעגן מיר מיט דעם וואָס דו האָסט מיך געבראַכט אויף דער וועלט. איך בין א זון פון דיינע און פּונ'ם טאַטנ'ס נידריקעליידנשאַפטן, א זון פון אייערע ביידנס תאוה...

„איר האָט מיך געבראַכט אויף דער וועלט צו לײדן הונ־גער און נויט; איר האָט מיך געבוירן, כדי איך זאָל קענען זען מיט מיינע אויגן די טיפסטע לײדן פון מיינע ברידער־מענטשן; פון אייערע גלוסטונג איז אַרויסגעקומען ניט אַ זון, נאָר אַן אומגליק, וואָס דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט, כדי דורכצולעבן די שווערסטע פּייניקונגען, אייגענע און פרעמדע.

„מאָרגן איז מוטער־טאָג. איך האָב ניט גענוג געלט אפילו אויף דער פּאָסט־מאַרקע פאַר דעם דאָזיקן בריוו, אָבער אײדער צו עסן אַ טרוקן שטיקל ברויט פאַר די דריי סענט, שיק איך דיר אַ מתנה אָט דעם בריוו — דעם אויסדרוק פון מיין פייער־דיקן האַס צו דיר.

„דיין זון, **יואל.**"

מילא, איך דאַרף אייך ניט דערציילן, אַז עס איז געווען יום־כּפּור ביי מיר אין שטוב. מיין שכנ'טע, מרס. צוויבאַק, האָט זיך ניט געקאָנט באַרואיקן. זי האָט געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז איר אונטערגעגאַנגען. עס האָבן ניט גע־האָלפן קיין טרייסט־ווערטער, אַז אַזאַ צושטאַנד נעמט זיך ביי יונגע מענטשן פון פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג צוליב עקאָ־נאָמישע אומשטענדן, אַז אין נאַטירלעכע ציטן טראַכט אַנ־דערש דער מוח און עס רעאַגירט אַנדערש דאָס האַרץ און אַז מן הסתם איז דער בריוו געשריבן געוואָרן אין „אַזאַ" מאָמענט, וואָס בלויז די פּסיכיאַטאָרן קענען פאַרשטיין, אָבער אין דער אמת'ן איז ער אַ וואוילער זון, און מאָרגן איה"ש וועט ער חרטה האָבן און וועט שרייבן אַן אַנדער בריוו און זיך אַנטשול־דיקן פאַר זיינע בייזע ווערטער.

מרס. צוויבאַק איז אַרויס פון שטוב מיט אַ קללה אויף די ליפּן אויף איר זון, אויף מיר, אויף דער גאַנצער וועלט.

דערפאַר אָבער האָט מרס. האַניג, די שכנ'טע פון מיין רעכטער זייט, מיר אַנטקעגנגעטאַנצט מיט איר בריוול, וואָס

זי האָט געקראָגן פון איר זון אין שיקאַגאָ. מרס. האַניג׳ס פנים האָט געשײַנט ווי א פאַרפוצטער לעקעך אויף א חתונה, ווען זי האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל איבערלייענען דאָס בריוול פון איר בעני׳ן.

איך האָב איר צוליב געטאָן און גענומען לייענען.

— לייענט הויך, מר. גוט־שבת, איך וויל עס נאָכאמאָל הערן.

און אָט איז דאָס בריוול:

„טייערע מאַמע!

„זונטיק וועט זײַן מוטער־טאָג. איך האָב דיר געשיקט א מתנה דורך פארסל־פּאָסט א זילבערנעם „פּאַקס”, און איך בין זיכער, אַז עס וועט דיר געפעלן. טראָג עס געזונטערהייט. און א חוץ דעם זילבערנעם „פּאַקס” מאַמע טייערע, שיק איך דיר אויך מײַן הארץ, וואָס איז אָנגעפילט מיט ליבע צו דיר. עס איז א גרויסע שאָד, וואָס איך קען ניט זײַן לעבן דיר. די ביזנעס לאָזט ניט. איך וויל דיר זאָגן, אַז מײַנע ביזנעס וואקסן פון טאָג צו טאָג, קיין עין־הרע, און טראָץ דעם קריזיס וואקסט מײַן פאַרמעגן. ווען דו וואָלסט נאָר געקאָנט זײַן לעבן מיר, ס׳וואָלט מיר מער גאָרניט געפעלט. ערשט איצט קאָן איך אָפּ־שאַצן די גרויסע קרבנות, וואָס דו האָסט געבראַכט פאַר מײַנעט־וועגן. איך קאָן אָפּשאַצן די גרויסע יסורים, וואָס האָבן גע־דריקט דײַן הארץ, בשעת איך בין, ניט היינט געדאכט, געלעגן קראַנק אויף ניומאָניע, און איך ווייס, אַז דו וואָלסט געוועון אוועקגעגעבן דײַן לעבן, אבי מיר צוריקצוגעבן מײַן געזונט.

„איך האָב זיך אלע מאָל געוואונדערט, צו וואָס מען דאַרף מאַמעס אויף דער וועלט, אָבער איצט ווייס איך: גאָט

האָט דאָך אליין ניט געקאָנט זיין אומעטום האָט ער דערפאר באַשאַפן מאַמעס, אז זיי זאָלן אים ארויסהעלפן...

„מיט ליבשאַפט און בענקעניש,

דיין זון,

בעני."

## נעמט אַוועק די האַנט פון האַרצן און האָט ליב אייער מאַמען

מאָרגן איה"ש, אַז מ'וועט דערלעבן מיט געזונט, דאַרפט איר ליב האָבן אייער מאַמען.

מאָרגן איז מוטער-טאָג.

איר מוזט מאָרגן אַוועקנעמען די האַנט פון האַרצן און ליב האָבן די פרוי, וואָס האָט אייך אייער לעבן געשאָנקען, וואָס איז נעכט ניט געשלאָפן, און געהיט אייער לעבן אויף שריט און טריט, אַז עס זאָל אייך ח"ו קיין בייז ניט געשען.

מאָרגן דאַרפט איר אָפּדאַנקען דער מאַמען פאַר די אַלע זאכן מיט אַביסל ליבע, מיט אַביסל קענדי און אַביסל בלומען.

מוטער-טאָג איז געוואָרן אַ מנהג-מדינה אין אַמעריקע, און צי איר ווילט יאָ, אָדער איר ווילט ניט, איז עס אייער פאַטריאָטישע פליכט צו שענקען איר אייער פולע אויפמערק-זאַמקייט.

אַמעריקע, ווי איר ווייסט, האָט זיך אירע טראַדיציעס און אירע ימים טובים. דעם פערטן דזשולאי שיסט מען; דעם לעצטן דאָנערשטיק אין נאָוועמבער עסט מען „טוירקי", און די צווייטע וואָך אין מאַי האָט מען ליב די מאַמע.

פֿאַרדריסן פֿאַרדריסט מיך אָבער איין זאַך: די בלומען־געשעפֿטן, וועלכע האָבן צוליב מוטער־טאָג די גרעסטע שפֿע, רייסן די פּרייזן מער ווי דאָפּלט. פֿאַר אַ בינטל בלומען וועלן זיי אייך מאָרגן רעכענען צוויי מאָל אַזוי פֿיל, ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג, און איך קען בשום אופֿן ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס די בלומען־הענדלער דאַרפֿן פּראָפֿיטירן פֿון מיין מוטער־ליבע גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

עס וואָלט אפֿשר דערפֿאַר כדאי געווען צו געבן דער מאַמען דעם דאָלער וואָס איר ווילט אויסגעבן, און זאָל זי אַליין איינהאַנדלען די בלומען מאָנטיק אָדער דינסטיק. זי וועט דאַן קריגן צוויי מאָל אַזוי פֿיל בלומען פֿאַר דעם געלט, און עס וועט זיך איר אויסדוכטן, אַז איר האָט איר צוויי מאָל אַזוי פֿיל ליב.

ס׳איז אָבער פֿאַראַן אַ שטיקל געפֿאַר אין דעם . . . איר קענט דאָך אייער מאַמען! ביי איר איז רעכט צו נעמען דעם דאָלער און קויפֿן אַנשטאָט בלומען — אַ פֿאַרטוך . . .

* * *

פֿאַרשידענע דורות — פֿאַרשידענע מאַמעס.

איר געדענקט דאָך אודאי די מאַמע פֿון דער אָריענטאַלישער לעגענדע. אָבער טאָמער געדענקט איר ניט, וועל איך זי אייך דאָ איבערדערציילן:

אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַ מאַמע. האָט די דאָזיקע מאַמע געהאַט אַ זון, און דער זון האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ שיינער, אָבער זייער אַ שלעכטער פּרינצעסין. און די פּרינצעסין האָט געפּייניקט דעם יונגנמאַן מיט אירע קאַפּריזן, אָבער ער איז געווען גרייט צו טאָן פֿאַר איר אַלץ פֿאַר דעם ביסל ליבע.

איינמאָל האָט די פּרינצעסין פֿאַרטראַכט אַ טייפֿלישן פּלאַן: זי האָט געפֿאָדערט פֿון איר געליבטן אַ גרויסן קרבן:

— אויב דו האָסט מיך באמת ליב, — האָט זי געזאָגט צו אים, — מוזט דו עס מיר באַווייזן. גיי שנייד אויס דאָס האַרץ פון דיין מאַמען און ברייננג עס מיר, און ערשט דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז דו האָסט מיך ליב.

און דער געליבטער איז געגאַנגען אויף שנעל מיט אַ שאַרפן מעסער און אויסגעשניטן דאָס האַרץ פון דער מאַמען. לויפנ־דיק מיט׳ן האַרץ צו דער געליבטער, האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ שטיין און געפאַלן.

דער מאַמע׳ס האַרץ אין זיינע הענט האָט אַ ציטער גע־טאָן:

—זונדעלע, האָסט זיך אפשר אַ שווערן קלאַפּ געטאָן? — האָט דער מאַמע׳ס האַרץ געפרעגט ביים זון — מיר פאַר דיינע ביינדעלעך . . .

* * *

מיר אידן האָבן געהאַט פיר גרויסע מאַמעס: שרה, רבקה, רחל און לאה. יעדע פון זיי איז פאַרהייליקט געוואָרן אין דער אידישער געשיכטע, כאָטש קיין „מאָדהערס־דעי״ איז ביי אונז נישטאָ. אונזערע אמהות האָבן געבעך אַ סך געליטן אין זייערע לעבנס, אָבער זיי האָבן אַלץ אָנגענומען באהבה. שרה, וועלכע איז געווען אַ בעזדיעטניצע ביז אין די ניינציקער יאָרן, האָט דורכגעלעבט אַ שווערע צייט צוקוקנדיק ווי אונזער זיידע אברהם האָט געהאַט די שוואַרץ חנ׳עוודיקע הגר ביי דער זייט, און אַז דאָס גרויסע נס איז געשען און זי איז ענדלעך באַפרוכפּערט געוואָרן און געבוירן אַ זון, האָט זי אויך קיין סך נחת נישט געהאַט.

כ׳פרעג אייך, ס׳איז עפּעס גוט, אַז מען האָט אַן איין־און־איינציקן זון, און מיר־נישט דיר־נישט פירט מען אים פלוצים אַוועק צו דער עקידה? אַ היינטיקע שרה וואָלט דאָס זיכער נישט אי־

בערגעטראָגן, — אַ היינטיקע שרה ווערט דאָך שיער ניט הים-טעריש, ווען ביים קינד הייבט-אָן צו רינען פון נעזל . . .

אונזער אמת'ע גרויסע מאַמע איז געווען רחל. זי איז געווען די אידישסטע מאַמע פון אַלע. זי האָט שטענדיק געוויינט, און וויינט נאָך ביז אויף דעם היינטיקן טאָג אויף דעם חורבן פון אירע קינדער.

אָבער ווי לאנג איז דער שיעור צו וויינען, מאַמע רחל?

מיט דיין וויינען דורך די אַלע דורות איז די ראַליע פון דיינע קינדער ניט פארבעסערט, נאָר פאַרערגערט געוואָרן, טאָ וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן צו בייטן די מעטאָדע: הייב-אָן שמייכלען, מוטער רחל, און אפשר וועט דאָס ברייננגען די דער-לייזונג צו דיינע זין און טעכטער.

און ווי שיין וואָלט געווען דיין שמייכל אויף דעם בלאַס-פּאַר'חלומ'טן און אייביק-אומעטיקן פּנים דיינעם . . .

* * *

די מאַמע פון נעכטן און די מאַמע פון היינט. נעכטן האָט נאָך מיין מאַמע געלעבט, אָבער דער נעכטן איז אוועק און מיט-גענומען מיט זיך איר בענטש-ליכט פּנים מיט די דעליקאַטע קנייטשן אויף איר שטערן און אויסגעלאָשן די באַשיידענע אויגן אירע. מיין מאַמע און אייער מאַמע, די ניט-עמאַנציפּיר-טע קרבן-מנחה מאַמעס פון נעכטן, האָבן באַלויכטן אַ וועלט מיט זייער טיפער מוטערלעכקייט, נאַטירלעכער פרומקייט און הייליקער אומוויסנדיקייט.

יאָ, הייליקע אומוויסנדיקייט! מיין מאַמע און אייער מאַ-מע האָבן ניט געלייענט ניט מאָפּאַסאַן, ניט קאַבעל און ניט יודזשין אָ'ניעל, אָבער איך גיב אייך ניט אוועק איין „גאָט פון אברהם" פון מיין מאַמע'ס ליפּן אין די שבת'דיקע פאַרנאַכטן פאַר אייער גאַנצן האַנטער קאַלעדזש . . .

די מאַמע פון נעכטן האָט געלעבט אויף דריי מצוות: ליכט־צינדן, חלה־נעמען און טבילה. די מאַמע פון היינט לעבט אויך אויף דריי מצוות, אָבער די מצוות זיינען גאַנץ אַנדערע: ברידזש, קאָנטראַקט־ברידזש און ראָמי...

* * *

מאָרגן איז מוטער־טאָג. איר וועט מיך מאָרגן טרעפן מיט אַ ווייסן בלימל אין לאַץ צום אָנדענק פון אַ טויטער מוטער, אָבער דאָס איז בלויז לפנים, ווייל ס'איז אַ מין מנהג מדינה. מיר, די קינדער פון אַ דור וואָס איז פאַרגאַנגען, האַלטן ניט פון אַ מוטער־טאָג, נאָר פון אַ גאַנצן מוטער־לעבן, אָט פון דעם לעבן וואָס מיר האָבן אריינגעזויגן מיט דער מילך פון איר ברוסט...

# פּאָטער־טאָג



אין אמעריקע פּראַוועט מען אויך א פּאָטער־טאָג.

פאַרשטייט זיך, אז דער פּאָטער־טאָג איז ניט אזוי פּאָ־פּולער ווי דער מוטער־טאָג, אָבער, מען פייערט דעם טאָג סיי ווי סיי. אַ מאַמע ווערט געבומט דורך פּובליסיטי אין די צייטונגען, און די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז ס'איז מוטער־טאָג. דער פּאָטער איז ניט אַזוי שטאַרק וויכטיק, אז מען זאָל וועגן אים שרייבן אין די צייטונגען, ווייל נאָך אלעמען איז דאָך א פּאָטער ניט מער ווי א טאַטע.

איך אליין קען זיך ניט באַקלאָגן אין דעם פּרט. אין מיין היים ווערט דער „פּאָטער־טאָג” קיינמאָל ניט פארגעסן, מען היט אָפּ דעם טאָג מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, און אויב איר ווילט קען איך אייך אויסרעכענען די מתנות, וואָס איך האָב געקראָגן אין די לעצטע 5 יאָר פאר „פּאָטער־טאָג.”

מיט 5 יאָר צוריק האָט אונז דאָס ווייב איבערראַשט מיט אַ וואונדער־שיינער דרעס פּאַר זיך (פּרייז: 22.50־). מיט פיר יאָר צוריק האָבן מיר געקראָגן נאָך א שענערע מתנה: א

פאַר אויערינגלעך פאַר'ן ווייב (פרייז: $43.60). דערפאַר אָבער איז מיט דריי יאָר צוריק די מתנה ניט געווען אזוי פויגלדיק, מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַ נייעם קאָרסעט פאַר'ן ווייב (פרייז: $14.00), און מיט צוויי יאָר צוריק, האָבן מיר געקראָגן אלס מתנה פאר „פאָטער-טאָג" א וואונדערשיינעם האַנט-טאַש פאַר'ן ווייב (פרייז: $18.50). און הײַ-יאָר דער־וואַרטן מיר אַ פוטער-מאַנטל (אמת'ער מינק) פאַר צוויי טויזנט דאָלער, אָבער מיר האָבן מורא, אז מיר וועלן זיין שטאַרק אַנטוישט . . .

## כבד את אביך

פאָטער-טאָג.

ווען אייער טאַטע וועט זיך היינט ביינאַכט לייגן שלאָפן און וועט שוין האַלטן אין סאַמע רעכטן כראָפען, זאָלט איר זיך צושאַרן צו זיין הויזן-קעשענע און ארויסנעמען אַ דאָלער און קויפן מיט דעם דאָלער אַ מתנה פאַר אים: אַ קראַוואַטל, געפאַקט אין סעלאָפעין . . .

אמת איז, אַז איר זיינט שוין מיד פון די אַלע נאַרישע זאַכן. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט איר זיך געדאַרפט באַ־דערן מיט דער מאַמען וועגן דעמזעלבן ענין. אָבער עפּעס טאָן מוזט איר דאָך. ערשטנס, איז עס אַ מנהג מדינה, און צווייטנס, ז'דאָך אַ טאַטע!

און מאָרגן אינדערפרי, אַז דער פאָטער אייערער וועט זיך אויפוועקן פון שלאָף, וועט ער, נאַטירלעך, זיין שטאַרק „אי־בערראַשט" און ער וועט איינזען, אַז ער האָט טאַקע גוטע קינדער, זאָלן לעבן און געזונט זיין. ערשט לעצטן יאָר האָבן זיי אים געקויפט אַ קראַוואַטל, געפאַקט אין סלעאָפעין, און היינטיקס יאָר — ווידער; פאַראַיאָרן איז עס געווען אַ געלער

קראַוואַט מיט בלויע קווייטן און היינטיקס יאָר — אַ בלויער קראַוואַט מיט געלע קווייטן. קיין טענות קאָן מען צו אַזעלכע קינדער ניט האָבן . . .

אַז געזונט און שטאַרק זאָלן זיי זיין.

* * *

איך קען אַ יונגנמאַן, וואָס פּראַוועט „פֿאָטער־טאָג" אויף אַ מערקווירדיקן אופן. ס'איז אַן אינטערעסאַנטע אָבער אַ טרויעריקע געשיכטע, און נאָך מער טרויעריק דערפֿאַר, וואָס די געשיכטע איז אַן אמת'ע.

מיט פֿינף יאָר צוריק איז אין ברוקלין געשטאָרבן אַ רייכער איד. מילא, עס טרעפֿט זיך. געשטאָרבן איז געשטאָרבן. פֿון יענער וועלט קומט מען ניט צוריק. האָט דער דאָזיקער איד איבערגעלאָזט אַ זון, צו וועמען עס איז איבערגעגאַנגען דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן, וואָס דאָס איז אויך אַ נאַטירלעכע זאַך. נאָכ'ן יאָר האָט דער זון אויפֿגעשטעלט אויפֿ'ן טאַטנ'ס קבר אַ פּרעכטיקע מצבה פֿון דעם בעסטן מאַרמאָר־שטיין. דאָס וואָרט „מצבה" איז אפֿשר ניט דאָס ריכטיקע וואָרט; מען וואָלט עס גיכער געקאָנט אָנרופֿן אַ „פּאַלאַץ". איר מעגט זיכער זיין, אַז אויף די קברים פֿון ר' יוחנן בן זכאי אָדער פֿון רמב"ם, אָדער פֿון בעלזער רבי'ן, זכותם יגן עלינו, שטייען אַזעלכע מצבות ניט. אַז מען שמועסט אַ פּאַלאַץ, איז דאָך ניט שייך.

בקיצור . . . דער זון האָט געטאָן זיין פֿליכט! און פּונקט ווי איר נעמט היינט אַרויס אַ דאָלער פֿון טאַטנ'ס קעשענע און איר קויפֿט אים אַ קראַוואַטל פֿאַר „פֿאָטער־טאָג", אַזוי האָט דער זון גענומען אַ חלק פֿון טאַטנ'ס געלט און אים אויפֿגעשטעלט די מצבה.

איז דאָך גוט? האָט זיך אָבער אַריינגעמישט דער שטן, ימח שמו, און אָנגעטאָן צרות. עס זיינען אָנגעקומען שלעכטע צייטן און די שלעכטע צייטן האָבן אָפּגעווישט אַלע פֿאַרמעגנס,

און צווישן זיי אויך דעם אידנ׳ס ירושה. פון דער גאַנצער ירושה איז געבליבן גאָרנישט, וואָס דארפט איר מער — מ׳האָט שוין, לא עלינו, אָנגעהויבן אויסצופאַרקויפן ס׳מעבל פון דער שטוב.

איז דעם זון איינגעפאַלן אַ געדאנק. ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ „בנין", וואָס געהערט צו אים, און ער האָט באַשלאָסן דעם בנין צו פאַרקויפן. דער דאָזיקער בנין איז געווען דעם טאַטנ׳ס מצבה . . . גערעדט און געטאָן. ער האָט אָנגעהויבן אַרומזוכן אַ קאָסטאָמער, אָבער עס איז ניט געווען לייכט צו געפינען. און ווען ער האָט שוין יאָ געפונען אַ קאָסטאָמער, האָט זיך דאָס געזעץ אריינגעמישט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ מעשה מיט לאָיערס . . . דער שטאַרקער ווילן צו פאַרקויפן די מצבה האָט אָבער גובר געווען. דער „פּאַלאַץ" אויפ׳ן בית-עולם, וואָס האָט אָפּגעקאָסט 12 טויזנט דאָלער, איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר דריי טויזנט דאָלער. מען האָט באַלד „אַריבערגעמופט" דעם טאַטן פון זיין „פּאַלאַץ" אין אַן אָרימער דירה אויפ׳ן זעלבן בית-עולם. און דער „פּאַלאַץ" שטייט דערוויל ליידיק, ביז דער נייער קאָסטאָמער וועט אריינמופן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר . . .

דער טויטער טאַטע האָט ניט פּראָטעסטירט, ווייל וואָס ווייסט אַ טויטער טאַטע?

# צווישן נעכטן און מאָרגן

## די קריזים-יאָרן

זינג איך מיר מיין געזאַנג צו דעם קריזים פאר די טובות, וואָס ער האָט אונז געטאָן, פאַר דעם גליק וואָס ער האָט אונז געבראַכט.

לאַכט ניט, איך בעט אייך, שבת'דיקע אידן, ווייל אפילו אין פסוק שטייט געשריבן, אז עס איז נישטאָ קיין שלעכטס, פון וועלכן עס זאָל ניט ארויסקומען קיין גוטס. מען קאָן גיין נאָך ווייטער און זאָגן, אז דער קריזים האָט געראַטעוועט די וועלט פון אונטערגאַנג, ווייל עס איז גאַנץ לייכט מעגלעך, אז ווען די פראָספּעריטי וואָלט אָנגעהאלטן אויף שטענדיק, וואָלט שוין אפשר קיין וועלט ניט געווען.

פראָספּעריטי ברײנגט זאָרג און פאַרװיסטונג. אונזערע תנאים האָבן שױן לאַנג געזאָגט, אַז מרבה נכסים, מרבה דאגה, װער עס האָט אַ סך געלט, האָט פּלענטי קאָפּװײטיק און דאָס איז נאָר גערעדט געװאָרן װעגן אַ יחיד, װעגן אַן אײנציקן מענטשן, הײַנט־זשע, אַז אַ גאַנצע װעלט װערט פּלוצים רײַך — דאָס ערגסטע קען אַרױסקומען דערפון.

און אַז מען װיל צוריקשמועסן זײַנען דאָך די צײַטן גאָר ניט אַזױ שלעכט. זײ זײַנען נאָר אױף אַזױפיל שלעכט, אױף װיפל מען פאַרגלײַכט זײ מיט די גוטע צײַטן. ניט אַזױ? שטעלט זיך פאָר, אַז מיר האָבן קײנמאָל קײן פּראָספּעריטי ניט געהאַט, מיר זײַנען קײנמאָל רײַך ניט געװען, מיר האָבן ניט געהאַנדלט מיט אַקציעס־שמאַקציעס, ניט געפאָרן קײן פלאָרידאַ און ניט געגעסן קײן מאַרציפּאַנעס פאַר ברעקפעסט — שטעלט זיך פאָר, אַז איר זײַנט אַלע אײַערע יאָרן געװען אַ קבצן און איר װעט באַלד קומען צו מײַן שטאַנדפּונקט, אַז די שלעכטע צײַטן זײַנען גאָר ניט אַזױ שלעכט.

עס זײַנען אַלעמאָל געװען רײַכע מענטשן און אָרעמע מענטשן, זאַטע מענטשן און הונגעריקע, דאָס איז דער סדר פון דער װעלט און דאָס קאָן מען ניט בײַטן. איר דאַרפט אַלײן פאַרשטײן, אַז מיט אײַך איז געשען אַן אומגליק: מען האָט אײַך אױף עטלעכע יאָר צײַט אַרײַנגעשטופּט עטלעכע טױזנט דאָלער אין קעשענע אַרײַן און אַז מען האָט עס דער־נאָך פון אײַך צוריקגענומען, זײַנט איר געװאָרן אַזױ צעמישט און צעפּוטיעט, אַז איר װײסט ניט אױף װעלכער װעלט איר גײט אַרום.

מיר באַגרײַפן גאַנץ גוט, אַז דאָס אװעקנעמען פון די פאָר דאָלער האָט אײַך װײ געטאָן, אָבער װען איר זאָלט זײַן אַ קלוגער מענטש װאָלט איר זיך באַטראַכט, אַז דאָס געלט איז ניט געװען אײַערס, מען האָט עס אײַך אױסגעליען אױף אַ שטיקל צײַט, װײַל מען האָט געװאָלט זען, צו עס פּאַסט אײַך

צו זיין אַן עושר, און צי איר ווייסט ווי אזוי זיך צו „באַהייווען" ווען עס איז דאָ געלט אין קעשענע.

וואָלט די פּראָספּעריטי־וואַקכאַנאַליע אָנגעהאַלטן אויף שטענדיק, וואָלט איר שוין געהאַט פאַרקראָכן אין בויבעריק. איר וואָלט ניט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דרוק פון פּראָספּעריטי, איר וואָלט ח"ו אַראָפּ פון זינען.

בשעת איר האָט געהאַט די עטלעכע דאָלער, זיינט איר דאָך געקראָכן אויף די גלייכע ווענט. איר האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ביי אייך איז רעכט געווען צו האָבן א זומער־היים אין קענעדע, א ווינטער־היים אין מיאַמי, און דערצו אויסצוהאַלטן אַ וואוינונג פון אַכצן צימערן אויף פּאַרק עוועניו מיט 17 דינסטן. היינט־זשע די זעקס אויטאָמאָבילן מיט די דריי שאָופערס: אַן אויטאָמאָביל פאַר זיך, אַן אויטאָ־מאָביל פאַר'ן ווייב, פאַר דער טאָכטער און אַן אויטאָמאָביל אָפּ־צופירן די שווער־און־שוויגער אהיים ווען זיי זיינען געקומען צו גאַסט... איר האָט זיך געפירט ווי אַן אַלראַיטניק.

אביסל פון אייער געלט האָט איר טאַקע אוועקגעגעבן פאַר טשאַריטי. איר האָט זיך געוואָלט „שטעלן" צווישן מענטשן, האָט מען צוליב אייך אויפגעבויט איין נייע אינסטי־טוציע נאָך דער צווייטער, מען האָט געפּלאַדזשעט ישיבות, סענטערס, שפּיטאַלן און איר האָט באצאָלט, ווייל עס האָט אייך ניט געפּאַסט צו זיין א חזיר און איר האָט געוואָלט „סייפן" פון אינקאָם טעקס. און וואָס פאַר א ראָל האָט עס געשפּילט צו ספּענדן פינף טויזנט דאָלער? איר פלעגט דאָך אָפּרופן אייער בראָוקער אויפן טעלעפאָן און אים הייסן קויפן 1000 שערס פון עפּעס א סטאַק און מיט א שעה שפּעטער האָט איר געהאַט די 5 טויזנטער אין קעשענע. איר פלעגט דען געבן אייער געלט? עס איז געווען מאָרגאַנ'ס געלט, און פאַר מאָר־גאַנ'ס געלט האָט איר זיך געקויפט מפטיר אין שול און געהאַט א „באָקס" אין דער אָפּערע.

ניין, ניין. מיט אזא פראָספּעריטי קאָן מען גאָר ניט דער־גרייכן אין דער וועלט. איר האָט געהאַט צופּיל און צופּיל איז שעדלעך פאַר'ן מאָגן און פאַר די געהירן, מען ווערט פיזיש און גייסטיק קראַנק, און דאָס מיינט שטאַרבן, אונטערגיין, פאַרשווינדן פון דער אויבערפלאַך.

לאָמיר גיין אין די שולן, שבת'דיקע אידן, און בענטשן גומל, וואָס די פּראָספּעריטי האַלט זיך ניט אייביק. לאָמיר אויפ־הייבן די הענט צו די הימלען און דאַנקען דעם גוטן גאָט פאַר'ן קריזיס, וועלכער קומט אַמאָל אין צייט צו ראַטעווען מיך און אייך פון אונטערגאַנג.

אַי, די נאַכווייענישן? נו, מילא! אַז מען מאַכט אַן אָפּעראַ־ציע מוז מען וואַרטן ביז דער שניט וועט זיך פאַרהיילן, און אזוי שנעל ווי דער שניט ווערט פאַרהיילט, איז אוים קריזיס...

## לייענט און וויינט

ער האָט גערעדט מיט טרערן אין די אויגן.

דאָס האַרץ איז געווען ביי אים פאַרביטערט און ער האָט מיר דערציילט אלץ, וואָס ס'איז ביי אים געווען אויף דער לונג. ער האָט געזאָגט דעם אמת, דעם ריינעם אמת. אזוי העלף אים גאָט.

איך האָב אים געטרייסט. מער ווי טרייסט האָב איך ניט געהאַט פאַר זיינעטוועגן, כאָטש איך מוז זיך מודה זיין, אַז איך האָב שטאַרק מיטגעפילט זיין ווייטיק און — גלויבט מיר, איך זאָג אייך קיין ליגן ניט — אַז איך וואָלט אים געהאָלפן מיט אַלץ, אויב איך וואָלט נאָר געקאָנט.

מיר זיינען געשטאַנען אויף עפּעס א קאָרנער אויף דער צווייטער עוועניו, דוכט זיך ביי דער אַכטער אָדער ניינטער

סטריט, און ער האָט מיך בשום אופן ניט געוואָלט נאָכלאָזן, כאָטש איך האָב זיך שטאַרק געאיילט אהיים. נאָר אַזאַ מענטש ווי איך, האָט ער גע׳טענה׳ט, וועט קענען פאַרשטיין זיין פּלאָ־זשעניע — זיין לאַגע, הייסט עס, און נאָר איך וועל אים קענען געבן אַן עצה. ער האָט אראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעליוש, און־טערגערוקט זיין קאָפּ אונטער מיין נאָז ממש, און געוויזן מיט אַ פינגער אויף זיינע האָר.

„זעסט", האָט ער געזאָגט, „דער גאַנצער קאָפּ האָר איז ביי מיר גרוי ווי אַ טויב. יעדע גרויע האָר איז אַ מצבה נאָך אַ טויזנטער. און פּונקט אַזאַ ראָל ווי עס שפּילט ביי מיר אָדער ביי דיר די האָר, פּונקט אַזאַ ראָל האָט ביי מיר געשפּילט אַ טויזנטער... ערשט מיט דריי יאָר צוריק איז געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד, איך האָב זיך געבאָדן אין לוקסוס, די וועלט איז געווען מיינע. גלויב מיר, חבר מיינער, אַז עס פעלן מיר ווער־טער צו דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין די לעצטע דריי קריזיס־יאָרן, אַ שוידערלעכע צייט איז דאָס געווען, אין גיהנום, זאָג איך דיר, דאַרף מען זיך אַזוי ניט מוטשען, ווי איך האָב זיך געמוטשעט. וואָס דאַרפסטו מער? איך מוז אַצינדערט ארבעטן פאַר לומפּיקע צוויי הונדערט דאָלער אַ וואָך, ווייל מער קאָן איך פון מיינע ביזנעס ניט ארויסציען. נאָכן יאָר — כ׳וויים? וועלן אפשר נאָך בלייבן עטלעכע טויזנט דאָלער, אָבער ס׳איז בלאָטע! אין הויז האָב איך שוין מער ניט ווי איין דינסט, אַ נעגערטע פאַר 60 דאָלער אַ חודש און די בלאָנדע כאָריסטקע מיינע האָב איך שוין לאַנג געמוזט אויפגעבן, צו־זאַמען מיט׳ן אַפּאַרטמענט, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר איר אויף דער 90טער סטריט. זי האָט געמאַכט גוואַלדן, געסטראַ־שעט מיט סקאַנדאַלן, האָט געוואָלט מיך אָנקלאָגן אין געריכט, אָבער דו ווייסט דאָך, זיי האָבן בלויז גרויסע מיילער, און סקאַנדאַלן מאַכן זיי נאָר דאַן, ווען זיי ווייסן, אַז זיי קענען עפּעס אַרויסקריגן... ס׳איז אָבער נישטאָ פון וועמען ארויסצו־קריגן, גוטער ברודער, ניטאָ! איך בין אַן אָרימאַן מיט אַ

פּאַלע... נו, פאַרשטייסטו דאָך אַליין, אַז איך בין געבליבן ביי מיין ווייב מיט די צוויי קינדער; וואָס האָב איך געקענט טאָן? טייערע קינדער האָב איך, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז זייער טאַטע איז אַן אביון?... ווער האָט עס זיך געקענט פאָרשטעלן מיט דריי יאָר צוריק, אַז איך וועל דאַרפן אַרויס־שטעקן אַ האַנט נאָך אַ שטיקל ברויט ביי אַ מאָלצייט זיצנדיק ביים טיש? מיין באַטלער מיט די ווייסע הענטשקעס פלעגט דאָך שטיין און היטן יעדן ביסן, וואָס איך האָב גענומען אין מויל אַריין, ער האָט דאָך ממש געפילט, ווען איך וויל נאָך אַ שטיקל ברויט אָדער נאָך אַ שטיקל פלייש און ער פלעגט עס אונטעררוקן אַקוראַט ווען איך האָב עס געוואָלט. ער האָט „געליייענט" מיין מאָגן. וואו האָסטו דו היינטיקע צייטן אַזעלכע באַטלערס? אויב דו ווילסט האָבן אַ באַגריף, ווי ווייט איך בין געזונקען, וועל איך דיר דערציילן אָט דעם איינעם פאַקט, אַז איך מוז אַליין מיט מיינע אייגענע הענט אויפדרייען דעם קראַן פון דער וואַנע יעדן פרימאָרגן, בשעת איך וויל נעמען אַ באַד! נאָך מער: איך מוז אַליין גיין צו די שופּלאַדנס זוכן אַ העמד, אַ פּאָר זאָקן, אַ קראַגן. איך מוז אַליין גיין צום שיך־פּוצער און זיצן מיט יעדן „טאָם־דיק־און־הערי", אַ ביינקל לעבן אַ ביינקל און אַריינאָטעמען דעם ריח פון „שו־פּאָליש", און דאָס ערגסטע פון אַלץ איז, וואָס איך מוז איצט אַליין טרייבן מיין „פּירס־עראָו" צו די ביזנעס און פון די ביזנעס, און אַליין זוכן אַ פּלאַץ וואו צו „פּאַרקן" די קאַר...

„יאָ, יאָ, ברודערקע, ס'איז ביטער, ביטער ווי גאַל. אויף אַזאַ דאָליע האָב איך זיך ניט גערעכנט. צו די אַלע צרות מוז איך נאָך גיין פון צייט צו צייט מיט'ן ווייב אין אַ „מואָווי", איך מוז שפּילן ברידזש מיט אירע חבר'טעס, און אָנשטאָט גיין אין אַ נאַכט־קלוב, מוז איך לייענען ביכער אויף די עלטערע יאָרן, אָנשטאָט פאָרן קיין מיאַמי, מוז איך אָפּקומען מיט לייק־וואוד... נו, פרעג איך דיך, איז דאָס אַ לעבן?

און אז מיין פריינט איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע קלאָג־רייד, האָב איך אים אָנגענומען אונטער'ן אָרעם און מיר האָבן געמאַכט א שפּאַציר איבער די גאַסן. מיר האָבן זיך גראָד אָנגעשלאָגן אָן א „ברעד־לאַין", וואָס איז געווען לאַנג ווי דער גלות, און אַז מיין פריינט האָט דערזען די דאָזיקע „לאַין", האָט ער אויסגערופן מיט פרייד:

„אָך, וואָסערע גליקלעכע מענטשן דאָס זיינען! זיי דאַרפן ניט קיין באַטלערס און קיין בלאָנדע כאַריסטקעס; אַלץ וואָס עס פעלט זיי, איז א שטיקל ברויט... גליקלעכע מענטשן!

## אַ פּלאַן קעגן קריזיס

דער דאָזיקער פּלאַן — ווי אַלע אַנדערע פּלענער — באַציט זיך נאַטירלעך אויף די שלעכטע צייטן און אויף די ביטערע צרות, וואָס מיר לעבן איבער און אויף דער קאָפּ־דרייעניש, וואָס מיר האָבן אין דער טאָג־טעגלעכער זוכעניש פון פרנסה. עס פאַרשטייט זיך אַז דער פּלאַן איז נאָך רוי און מען דאַרף האָבן א היפּש ביסל עקספּערטן אים צו רעדאַגירן, אויסבעסערן, אָבער דער תמצית, דער קערן איז דאָ.

דער איד מיט דעם דאָזיקן פּלאַן איז געקומען צו מיר אין רעדאַקציע און אים פאָרגעלייגט ברייטלעך, מיט א פאַרנעם. ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביי מיין טיש, אויסגעסאָפּעט זיך פון די טרעפּ, וואָס ער האָט געדאַרפט ארויפשפּאַנען, אָפּגעווישט דעם שוויים פון דעם שטערן און אָנגעטאָן די ברילן, אז ער זאָל קענען זען, וואָס ער ריידט. מיט עטלעכע רגע'ס שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיין אידעע, ווי אזוי צו מאַכן די וועלט גליקלעכער און שענער.

— עך ווייסט דאָך מן הסתם, — האָט דער איד אָנגעהויבן, — אַז עס איז שלעכט און ביטער יעדן איינעם. ניטאָ קיין

אַרבעט און ניטאָ וואָס צו עסן. ס'איז אַ קריזיס. אַחוץ דעם איז דער מוח, דאָס געמיט ביי מענטשן שטאַרק דערדריקט און, בעוונותינו הרבים, טראָגן זיך מענטשן ארום מיט שרעקלעכע געדאַנקען. זיי ווילן זיך פשוט א מעשה אָנטאָן.

— אמת, אמת, אָבער וואו איז אייער פּלאַן?

— כאַפּט ניט, מיסטער! האָטס צייט! ס'ברענט ניט!

און דער איד האָט ווייטער אנטוויקלט זיין פּלאַן:

— הכלל, די איינציקע הילף, וואָס מען קאָן געבן א מענטשן היינטיקע צייטן, איז קודם־כל אראָפּנעמען די דאגות פון זיין קאָפּ, באפרייען אים פון זיינע צרות, ניט אמת?

— אמת, אמת.

און כדי אַראָפּצונעמען די דאגות פון זיין קאָפּ, דאַרף מען געפינען א פּלאַן, ווי אזוי דאָס צו טאָן, ניט אמת?

— אמת, אמת!

— איז דער פּלאַן מיינער אַזאַ: נעמט, למשל, זיך אליין און מיך. לאָמיר זען, ווי אַזוי מיר ביידע קענען העלפן באַפרייען איינער דעם אנדערן פון אונזערע צרות. לאָמיר זאָגן, אַז איר האָט אַ קראַנק ווייב, און עס זיינען ביי אייך, למשל, פאַראַנען קינדער, זאָלן געזונט זיין, און פרנסה האָט איר א מכה. דערפאַר האָט איר חובות א סך. ס'גאַנצע פארמעגן, וואָס איר האָט אַמאָל געהאַט, האָט אויפגעגעסן הואווער, שטשעז־ניאַיעט זאָל ער ווערן. חוץ דעם ליידט איר אליין פון קאָנ־סאַמשאַן. די פאַרהייראַטע טאָכטער אייערע האלט זיך אין גט'ן מיט'ן מאַן, ווייל ער לויפט נאָך אַן אַנדערער, דער פאָד־ליעץ. דעם זון אייערן דאַרף מען זעצן אויפ'ן עלעקטריק טשער פאַר א באַגאַנגענעם מאָרד, און —

נו, נו!

— האַטס צייט, מיסטער! אז איך אייל זיך ניט, פאַרוואָס דאַרפט איר זיך איילן? וואָס קאָנט איר דאָ פאַרשפּעטיקן? זיצט איינגעלייגט און הערט זיך צו וואָס מען רעדט צו אייך!

— הכלל, דאָס איז בלויז דער אָנהייב פונ׳ם פּלאַן. אָט די אַלע צרות אייערע, וואָס איך האָב דאָ אויסגערעכנט, זיינען נאָך גאָרניט אין פאַרגלייך צו די צרות וואָס איך האָב... איר ווייסט דען וואָס איך האָב איבערגעלעבט און לעב נאָך איצט איבער? איר קענט זיך דען פאָרשטעלן, וואָס דאָס הייסט, אַז דריי קינדער מיט אַמאָל ליגן אין דער היים מיט „אינפאַנטייל פּאַראַליז" און יעדעס קינד וועט בלייבן אַ קריפּל אויפ׳ן גאַנצן לעבן? איר ווייסט דען, וואָס עס הייסט צו האָבן אַ ווייב אַ שלאַק, וואָס ביי אירע 62 יאָר פאַרבט זי זיך דאָס פּנים און די ליפּן און קאָקעטירט מיט׳ן גראָסערימאַן? איר קענט זיך פאַר־שטעלן, וואָס עס הייסט ניט צו אַרבעטן 32 חדשים און ניט פאַרדינען אַ פּעני און האָדעווען קראַנקע קינדער און זיי געבן דאָקטוירים און מעדיצין? און איר זעט די רעכטע האַנט מיינע? אינגאַנצן פּאַראַליזירט! איך קאָן ניט אַ ריר טאָן מיט איר. דערצו נאָך —

— אָבער מיסטער, לאָמיר שוין הערן דעם פּלאַן!

— אָט, אָט קומט דער פּלאַן, האַטס נאָר אַביסעלע גע־דולד! דער פּלאַן איז, אז מיר ביידע זאָלן זיך ביי טן מיט אונזער קאָפּדרייעניש. איר וועט מיר געבן אייערע צרות און איך וועל אייך געבן מיינע...

נו, וואָס־זשע וועט זיין?

— ס׳וועט שוין זיין אָל־רייט. מיר׳ן זיך ביידע מחיה זיין. מיינע צרות וועט איר קענען פאַרטראָגן זייער לייכט, און אייערע צרות וועלן ביי מיר זיין אַ שפּילעכל, אַ גאָרנישט שבגאָרנישט.

— וואָס למשל, קאָן מיך אַרן, אז מען שיקט אייער זון צום עלעקטריק טשער, האַ? און וואָס קאָן עס אייך אַרן, אַז מיין אַלטע מכשפה פאַרבט זיך דאָס פּנים? איר׳ט זיך מאכן א געלעכטער פון מיין פּאַראַליזירטער האַנט און איך קאָן האָבן אין דער ערד אייער טאָכטער, וואָס וויל זיך גט׳ן מיט׳ן מאַן, דעם פאַדליעץ, ניט אזוי?

— און דאָס איז דער גאַנצער פּלאַן?

— יאָ, דאָס איז דער פּלאַן, און דאָס וואָס מירביידע טוען, קענען אַלע מענטשן טאָן: מען דאַרף זיך בייטן מיט די צרות, און די גאַנצע וועלט וועט געהאָלפן ווערן!

— איך קען לעבן אַ גליקלעכן לעבן, ווען איך האָב ניט מער אויפ׳ן קאָפּ ווי אייערע דאגות, און איר קענט לעבן אין נחת, אויב איר האָט ניט מער מיט וואָס צו באַדערן זיך, ווי נאָר מיט מיינע צרות . . . געביטענע דאגות קענען אויסלייזן די וועלט!

מיט יענעמס צרות קען קיינמאָל קיין קריזיס ניט זיין.

## מר. הואווער׳ס רעדע אין 1930

ליידים און דזשענטלמען!

איך שטיי דאָ איצט פאַר אייך און איך אַפּעליר צו אייער וואָרים, ברידערלעך מענטשלעך האַרץ! מיט טרערן אין די אויגן אַפּעליר איך צו אייך און בעט זיך ביי אייך: נעמט ניט גרינג די ווערטער, וואָס ווערן דאָ אַרויסגעזאָגט, און פאַר־שטויסט מיך ניט אין דער צייט ווען דער חלף ליגט אויפ׳ן האַלז. דערפילט מיין הייסע בקשה און פטר׳ט מיך ניט אָפּ מיט שיעה־פּיעה, זוכט ניט קיין אויסריידן, זוכט ניט קיין

תירוצים און דערלאָזט ניט, אז מיר זאָלן פארזינקען נאָך טיפער אין דעם גרויסן קריזיס אומגליק, וואָס איז אונז באַפאַלן.

ליידיס און דזשענטלמען!

קיינמאָל האָב איך ניט אויסגעגאָסן מיין ביטער הארץ פאַר אייך; קיינמאָל האָב איך ניט געשילדערט די פינצטערע דאָליע, וואָס שטופט זיך פון יעדן ווינקעלע ארוים; קיינמאָל האָב איך ניט געשטעלט אזעלכע שווערע פאָדערונגען צו אייך; קיינמאָל האָב איך זיך ניט געווענדט צו אייך אין אן עת-צרה.

און מיינט ניט, אז עס קומט מיר אָן גרינג ארויפצולייגן אויף אייך א לאַסט אין דעם איצטיקן מאָמענט; מיינט ניט, אַז אייער אייגענע לאגע איז מיר פרעמד; מיינט ניט, אז איך פאַרשטיי ניט, אַז איר זיינט אויף געברענטע צרות. און גלויבט מיר, ליידיס און דזשענטלמען, אַז איך נעם שוין גאַר שטאַרק אין אָנבאַטראַכט אייער פּאָלאָזשעניע. איך ווייס, אז אונטער דעם טייערן מינק-מאַנטל איז ביי אייך, געערטע דאַמע, דער אונטערשלאָג צעריסן, און איך ווייס, מר. דזשענטלמאַן, אַז יעדן טאָג פּרובירט אייער באַנק צו קאָלעקטן אן אנדער נאָוט פון אייך און איר דרייט זיך אַהין און איר דרייט זיך אַהער — דאָ מעקט איר און דאָ שטעלט איר, און ס׳איז אייך ניטאָ וואָס מקנא צו זיין . . .

און פונדעסטוועגן, ליידיס און דזשענטלמען, מוז איך פּאָרט פאָדערן פון אייך צו טאָן אייער מענטשלעכע פליכט, און איך בעט אייך ניט אָפּצוזאָגן מיר מיין הייסע בקשה. ווי שווער עס זאָל אייך ניט אָנקומען, בין איך זיכער, אז איר וועט ניט לאָזן פאַלן א וועלט אין דעם איצטיקן טרויעריקן מאָמענט!

מיין בקשה איז:

עסט אן עפּעלע!

אויב איר ווילט ארויסראַטעווען אמעריקע פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס; אויב איר ווילט העלפן מיין אַדמיניסטראַציע אין איר פאַרצווייפלטער לאַגע; אויב איר ווילט ניט, אז דאָס

גאַנצע לאַנד זאָל באַנקראָטירן אין דער נאָענטער צוקונפט, — עסט אַן עפּעלע!

ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטן מיט אַ צוועלף־פערצן חדשים צוריק, אַז מיר וועלן זיין אריינגעצוואונגען אין אַזאַ עפּל־לאַגע, אין וועלכע מיר געפינען זיך איצט; ווער האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן מוזן אַרומגיין איבער די גאַסן און קייען עפּל, און ווער האָט עס געקענט פאָראויסזען, אַז די גאַנצע עקאָנאָמישע סטרוקטור פון אמעריקע וועט זיין אָפּהיינגיק פון אַן עפּעלע?

און ווען איר זעט די טויזנטער מענטשן מיט די קעסטלעך אויף די גאַסן פון ניו יאָרק, און יעדער איינער פון זיי וויל אייך פאַרקויפן אַן עפּעלע אָדער צוויי, מיינט ניט, אַז זיי מיינען חלילה עפּעס שלעכטס דערביי. פּונקט פאַרקערט! זיי זיינען די אמת'ע פּאַטריאָטן, זיי זיינען זעלבסט־באַוואוסטע בירגער און זיי ראַטעווען אַמעריקע פון אונטערגאַנג.

עסט אַן עפּעלע!

און פאַרגעסט ניט, ליידיס און דזשענטלמען, אַז די גרעס־טע וועלט־דראַמע פון אלע צייטן האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן עפּעלע. פאַרגעסט ניט, אַז אונזער מאַמע חוה, אין ליכטיקן גן עדן איז זי (אפשר), האָט אָנגעהויבן צו באַוועגן די וועלט מיט אַן עפּעלע, און די אלע באַוועגונגען, וואָס זיינען געקומען שפּעטער, זיינען אלץ געווען באַזירט אויף דער ערשטער עפּל־באַוועגונג פון אונזער מאַמע חוה.

יאָ, יאָ און טויזנט מאָל יאָ! דורך אַן עפּעלע איז געפאַלן דער מאַן אין יענע אור־אַלטע צייטן, און דורך אַן עפּעלע קאָן דערהויבן ווערן דער מאַן אין די נייע, אולטראַ־מאָדערנע צייטן. דאָס איז דער יושר פון דער געשיכטע, ליידיס און דזשענטל־מען, וועלכע בלייבט קיינעם קיינמאָל גאָרניט שולדיק. און נעווער מיינד די אַלע באַבסקע רפואות פון די געלערנטע מענ־

טשן, כלומרשטע עקאָנאָמיסטן, פינאַנסיסטן און אַזוי ווייטער, וואָס זוכן טויזנט אורזאַכן און געפינען טויזנט תירוצים — זיי ווייסן ניט וואָס זיי ריידן, זיי פאַרשטייען ניט, אַז די גאַנצע וועלט דרייט זיך אויף אַן עפּעלע.

עסט אַן עפּעלע!

גייט ניט אַרום איבער די גאַסן פּוסט-און-פּאַס און טראַכט ניט וועגן נעכטיקע טעג. די נעכטיקע טעג קומען קיינמאָל ניט צוריק. דיסקוטירט ניט וועגן דעם קריזיס און שלאָגט ניט פּאַר קיין רפואות צו דער מכה. עס וועט אייך גאָר ניט העלפן. מיר לעבן אין אַ צייט, ווען טעאָריעס זיינען ווערט אַ זעץ אַן דער ערד, און מיר מוזן קוקן מיט פּראַקטישע אויגן אין דער צוקונפט! מיר מוזן באַקעמפן דעם קריזיס און ניט ריידן וועגן אים, און דער איינציקער וועג ווי אַזוי צו דער'הרג'ענען דעם קריזיס, דער איינציקער וועג ווי אַזוי צוריקצוברענגען פּראָספּע-ריטי אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, איז בלויז דורך דעם איין-און-איינציקן מיטל: דאָס הואווער-עפּעלע.

אַז אַמעריקע גלויבט זייער שטאַרק אין דערדאָזיקער עפּל-רפואה, איז דער בעסטער באַווייז, אַז מיר האָבן דאָ אַפילו אין די גוטע צייטן געהאַט איינגעפירט אַן עפּל-וואָך. די צרה איז נאָר, וואָס אין די גוטע צייטן פאַרגעסן מיר אויף וועלכער וועלט מיר לעבן און מיר איגנאָרירן די עפּעלעך ווי ווייט עס לאָזט זיך. שוין הונדערטער יאָרן אַז אַמעריקע לערנט אונז, אַז „אַן עפּעלע אַ טאָג דערווייטערט דעם דאָקטאָר פון הויז"; אָבער מיר האָבן עס קיינמאָל ניט גענומען ערנסט. מיר האָבן עס געהאַלטן ניט מער ווי פאַר אַ גלייכווערטל, מיר האָבן זיך באַצויגן לייכטזיניק צו דער דאָזיקער וואָרנונג און מיר האָבן ניט פאַרשטאַנען דעם רמז, די סימבאָלישע אָנדייטונג, וואָס ליגט אין דער דאָזיקער וואָרנונג.

לײדיס און דזשענטלמען! לאָמיר זיך אויפוועקן פון דעם פינצטערן חלום; לאָמיר אָנהייבן טראַכטן ווי ציוויליזירטע

מענטשן; לאָמיר ראַטעווען דאָס לאַנד און די רעפּובליקאַנער פּאַרטיי; לאָמיר אוועקשטויסן דעם קריזיס מיט פאַראייניקטע כוחות, און לאָמיר עסן עפּעלעך!

איך שיק אייך נאָכאַמאָל מיין עפּל־אַפּיל און איך שטרייך אונטער, אַז די פינף סענט, וואָס איר באַצאָלט דעם אַרבעטס־לאָזן פאַר אַן עפּעלע אין גאַס, האָבן אַ טיפערע באַדייטונג ווי איר מיינט. אייער כוונה איז דאָך אפשר בלויז צו העלפן אַביסל דעם אַרבעטסלאָזן און אַביסל דעם עפּל־טראַסט, אָבער דער אמת'ער אמת איז, אַז איר ראַטעוועט דאָס לאַנד פון אַ קריזיס.

אַט אַזוי־אָ האָט גערעדט הואָווער, און דער עולם האָט אָנגעהויבן עסן עפּל. דער סוף אָבער איז געווען אַ טרויעריקער — גאַנץ אַמעריקע האָט געליטן, ניט פאַר אייך געדאַכט, פון אַ שרעקלעכן בויך־ווייטיק...

## טוביה דער מילכיקער אין פלאָרידע

קומט אַריין אַ איד אין רעדאַקציע און זעצט זיך אַוועק לעבן אונזער גרויסן טיש, גלעט זיך צו ס'בערדל, ווישט זיך אַרום מיט דער פאַטשיילקע דעם פאַרשוויצטן האַלז, טוט אָן די אויגנגלעזער, פאַררויכערט אַ סיגאַרעטל און הייבט אָן צו דער־ציילן:

— פאַרשטייט איר מיך, די קינדער מיינע, זאָלן לעבן און געזונט זיין, האָבן מיך געשיקט קיין פלאָרידע. כ'האָב גוטע קינדער, קיין עין־הרע, און זיי שאַנעווען דעם טאַטן. אין אָנהייב האָב איך אפילו ניט געוואָלט פאָרן; וואָס, כ'בעט אייך, טויג מיר פלאָרידע? די בראָנקס איז שלעכט? אָבער אַז זיי האָבן זיך אַלע אָנגעזעצט אויף מיר, בין איך געפאָרן; מען מוז פאָלגן קינדער היינטיקע צייטן; אָבער גלויבט מיר, איך האָב קיין חרטה ניט. ס'איז שוין איינמאָל אַ פלאָרידע!

א מדינה פון מדינה־לאַנד! א רעגעלע קוני־איילאַנד! איך בין דאָך שוין, ווי איר זעט, א איד אין די יאָרן, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז פלאָרידע איז טאַקע ווי אין פסוק שטייט: „חדש ימינו כקדם״, די יאָרן ווערן פשוט באַנייט...

מיר האָבן באלד פאַרשטאַנען, אַז דער איד האָט ליב צו נודיען אַ קאַפּעטשקע, האָבן מיר דערפאַר אָנגעשטעלט אַ ברוגז'ן פנים און דערקלערט דעם אידן, אַז מיר ווייסן ב״ה אלצדינג וועגן פלאָרידע, און אז מיר זיינען זייער ביזי און מיר האָבן קיין צייט ניט.

— אָט־אָט־אָט־טאָ — האָט דער איד אויסגעשריגן מיט פרייד און געצילט מיטן פינגער גלייך אויף אונזער נאָז ארויף, — אָט טאַקע וועגן דעם, וואָס איר האָט קיין צייט ניט, בין איך עם געקומען צו אייך. אצינד בין איך זיכער, אז איך האָב דעם ריכטיקן מענטשן, ווייל איך זוך טאַקע א אידן, וואָס האָט קיין צייט ניט.

— אָבער, פעטער...

— נעווער מאַינד, פעטער! איך האָב פאַר אייך א געני־אלן פלאַן.

דער פלאַן איז אַ פשוט'ער: אויב עס איז טאַקע אמת, אַז איר האָט קיין צייט ניט, איז מיין פלאַן, אַז איר זאָלט פאָרן קיין פלאָרידע. ניטאָ, הערט איר, קיין מדינה אויף דער וועלט, וואו עס זאָל זיין אַזוי פיל צייט ווי אין פלאָרידע. ווען מען זאָל קענען אימפּאָרטירן דעם „סוירפּלוס״ פון צייט פון פלאָרידע קיין ניו־יאָרק, וואָלט פאַר ביידן ארויסגעקומען א גרויסע טובה. ניו־יאָרק דאַרף די צייט און אין פלאָרידע גייט די צייט אוועק אין ניוועץ.

און דער איד האָט שוין ניט אָפּגעלאָזט און ווייטער גע־רעדט:

— איר וואָלט געדאַרפט א קוק טאָן אויף אונזערע אידע־לעך, וואָס קומען קיין פלאָרידע. ס'איז א מחיה צו קוקן אויף זיי. איר זעט זיי אויף די גאַסן,ביים ביטש, אין די האָטעל־לאָבים. זיי דרייען זיך אַרום, און בלויז איין איינציקער פּראָ־בלעם עגבערט זייער מוח: וואָס טוט מען מיט דער צייט? די עטלעכע אידן, וואָס שפּילן נאָך פינאַקל, האָבן זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. באַלד נאָך ברעקפעסט זעצט מען זיך אוועק שפּילן, און דער טאָג איז פאַר זיי צו קליין. זיי פאַר־טאַכלעווען ניט די צייט. יעדע מינוט איז טייער. דערפאַר אָבער זיינען די אידן אָן א פּינאַקל אויף גרויסע צרות. כאָטש גיי און כאַפּ פליגן! מילא, עטלעכע שעה אין טאָג קאָן נאָך א איד פאַרברייננגען ווי עס איז: מען גייט צום ביטש קוקן ווי אַנדערע באָדן זיך אין ים, מען רעדט זיך דורך מיט א צווייטן וועגן די ניו־יאָרקער ביזנעס, מען באַרימט זיך מיטן געלט, וואָס מ'האָט אַמאָל געהאַט, און מען עסט מאַראַנצן... אָבער אַז מען האָט שוין די אַלע זאַכן אָפּגעטאָן, איז כאָטש נעם א שטריקל און הייננג זיך...

— זעט איר, די אידן, וואָס וואוינען דאָרט א גאַנץ יאָר, זיי האָבן שוין יאָ וואָס צו טאָן מיט דער צייט. ערשטנס, דאַרפן זיי ניט קיין פלעזשור, און צווייטנס, דאַרפן זיי חתונה מאַכן טעכטער, וואָס דאָס איז זייער א קאַטאַרזשנע אַרבעט, יו נאָו. די גרעסטע דאגות און די מערסטע צייט לייגן נעבעך די אידן דאָרט אוועק אויף חתונה מאַכן טעכטער. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז היינטיקע צייטן איז קיין סך בחורים סאַי ווי סאַי ניטאָ, און בפרט נאָך אין פלאָרידע! מיט רענדלעך צו־גלייך! די עטלעכע בחורים, וואָס זיינען שוין יאָ פאַראַן, האָבן אפילו ליב אויסצוגיין מיט די מיידלעך און זיך באָדן מיט זיי אין ים, אָבער ווען עס קומט צו הייראַטן, ווילן זיי ניט „הררי־את'ן", כאָטש גיב זיי א קרענק...

— בקיצור, בין איך מיר געזעסן אין א קליין שטעטעלע אין פלאָרידע און האָב זיך צוגעקוקט, ווי עס לעבן אידן. עס

ריידט זיך אַזוי אידן! בסך־הכל זיינען דאָרט געווען פערציק אידישע פאַמיליעס, אָבער דוקא דערפאַר וואָס זייער צאָל איז געווען אזוי קליין, האָב איך זיי געקאָנט בעסער באַטראַכטן...

— אָבער, פעטער, וואָס האָט איר צו אונז? וואָס גייען אונז אָן די פלאָרידער אידן? מיר ווילן מער קיין וואָרט ניט הערן.

— מאָלע וואָס איר ווילט ניט! און אז איך וויל ניט שטאַרבן, מיינט איר, אַז עס וועט מיר עפּעס העלפן? און אַז איר ווילט ניט היטלערן, מיינט איר, אַז עס וועט אייך עפּעס העלפן? און אז די פלאָרידער אידן ווילן נעבעך ניט חתונה מאַכן זייערע טעכטער מיט שקצים, מיינט איר, אַז עס וועט זיי עפּעס העלפן? די ברירה איז ניט ביי אונז. אָט בין איך געווען ביי א פלאָרידער אידן צו גאַסט אויף שבת, נו וואָס מיינט איר? דאָס הארץ איז מיר שיער ניט צעטראָסקעט געוואָרן. אַזאַ פיינער ביאַליסטאָקער, נעבעך, און האָט נעבעך אַזויפיל צרות! זיצן מיר אזוי, הערט איר, און פראַווען פריי־טיק־צונאַכט די סעודה פון שענסטן און בעסטן. ער, דער ביאַליסטאָקער מיינער, מאַכט קידוש, וואַשט זיך צו די חלות, מען דערלאַנגט די פיינע פיש, דערנאָך די געשמאַקע יויך, פלייש, וויין, צימעס — מכל טוב. ביים טיש זיצט דאָס ווייב און צוויי יונגע, שיינע טעכטער, קראַסאַוויצעס, מיט זייערע מענער — טאַקע ערשט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט — און מען לאַכט און מען איז זיך באמת משמח. בלויז ער, דער באַלעבאָס, און זי, די באַלעבאָסטע זיצן מיט איינגעבויגענע קעפּ און מיט אומעט אין די אויגן. פרעגן ביי יענעם ווילט זיך ניט. מאָלע וואָס ביי מענטשן קומט אמאָל פאָר! אָבער נאָכ'ן עסן נעמט מיך דער באַלעבאָס אויף אַ שפּאַציר און מיר גייען צווישן מאַראַנצן־ביימער און די לבנה לאַכט אונז אַנט־קעגן פון הימל אַראָפּ. פּלוצים — כליופּ! מיין ביאַליסטאָקער לאַנדסמאַן צעוויינט זיך ווי א בייבי. וואָהאַטסימערע? פרעג איך אים. נו, נו, פרעגט שוין ניט. ווי איר קוקט מיך אָן,

האָב איך זיך צעוויינט מיט אים צוזאַמען און מיר האָבן ביידע געכליפּעט, אַז עס איז געווען אַ מחיה צו הערן. איר אַליין, כאָטש איר זיינט בלויז אַ שרייבער, וואָלט זיך אויך צעוויינט אויף זיין בראָך. ווייל איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז ווען עס טרעפט זיך און אַ אידישע טאָכטער האָט חתונה מיט אַ קריסט, אַנטלויפט זי כאָטש פון דער היים, און ווי זאָגט דאָרט דאָס ווערטל? ארויס פון די אויגן, ארויס פון האַרצן. היינטזשע אָבער, אַז עס איז ניט איין טאָכטער, נאָר צוויי, און מער קיין קינדער איז ניטאָ, און ביידע האָבן חתונה געהאַט דווקא מיט קריסטן, און ביידע בלייבן אויף קעסט ביי טאַטע־מאַמע לעולם ועד? נו, פרעג איך אייך, איז דאָס ניט קיין טראַגעדיע? דער טאַטע מיט דער מאַמען מוזן נאָך שווייגן אויך, ווייל ערשטנס, זיינען דאָס די צוויי איינציקע קינדער, און צווייטנס, וואו זאָל מען זיי נעמען אידישע בחורים, וואו?

— און טאַקע דערפאַר בין איך דאָס געקומען צו אייך און אייך דערציילן די מעשה. איך האָב געוואָלט, אַז איר זאָלט עס פאַרשרייבן אין אייער „גוט שבת”. איר ווייסט דאָך, עס מאַכט זיך אַמאָל און איר האָט ניט וועגן וואָס צו שרייבן, און איר בעבעט גלאַט אין דער וועלט אריין, און אחוץ דעם האָט איר דאָך אַ טבע ארייננצוקריכן מיט די שטיוול אין אידישן לעבן אריין, אָפּלאַכן, אָפּשפּעטן, חוזק מאַכן — איז על כן אַמאָל אין אַ נאָווינע כדאי איבערצודרייען דאָס פּעלצל, און אַנשטאָט אָפּלאַכן פון אידן — רחמנות האָבן אויף זיי...

## אין יאָר 1985

... און אָט אַזוי־אָ, בין איך מיר געשטאָרבן.

ס'איז געווען, זאָג איך אייך, אַ מחיה'דיקער טויט. האָב זיך קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט, אַז עס איז אַזוי אָנגענעם צו שטאַרבן.

שייך צו זאָגן — אַ פּלעזשור!

אַז מען וויל צוריקשמועסן, בין איך דאָך אייגנטלעך ניט געשטאָרבן. מען האָט מיך בלויז איינגעפרוירן אויף פופציק יאָר צייט. א כעמישער טויט געווען. א געוויסער פראָפעסאר מיט'ן נאָמען ווילאַרד, האָט זיך דערשלאָגן צו דעם געדאנק איינצופרירן מענטשן אויף א לענגערער צייט, און דערנאָך זיי אויפוואַרימען צום לעבן.

איר קומט צו אים און איר זאָגט אים:

— פראָפעסאָר, איך וויל, אַז איר זאָלט מיך איינפרירן אין אייז אויף 50 יאָר און נאָך די 50 יאָר זאָלט איר אַזוי גוט זיין און מיך צוריק אויפוועקן צום לעבן.

—אָ־קעי, באָי, — זאָגט דער פראָפעסאָר — ווהאט'ס יור נעים?

זאָגט איר אים אייער „נעים" און ער הייסט אייך אויס־טאָן ס'רעקל מיט די שיך און מיט — כ'בעט איבער אייער כבוד — די הויזן, און ער זעצט אייך אריין א מוטער־נאַקעטן אין אַזאַ ביידל וואָס זעט אויס ווי א „פרידזשידעיר", וואָס מען קויפט פאַר נײַנציק דאָלער אויפ'ן אינסטאָלמענט פלען . . .

פארשטייט זיך, אַז אין אָנפאַנג הייבט אייך אָן קלאַפּן אביסל ס'הארץ, ווייל איר האָט דאָך ניט קיין דערפארונג אין אַזעלכע זאכן, אָבער קוים געפינט איר זיך אין דעם דאָזיקן אייז־באָקס — איז פאַרפאַלן. איר קענט קיין חרטה ניט האָבן. דער פראָפעסאָר פאַרמאַכט די גלעזערנע טיר פון דעםביידל, און עס הייבט אָן „ארבעטן".

זשו־זשו־זשו! בוז־בוז־בוז! הערט איר דאָס ברומען פון דעם עלעקטרישן מאָטאָר און עס הייבט אייך אָן ווערן קיל און קילער, ביז איר דערפילט די אמת'ע קעלט, וואָס כאַפּט אַרום אייער גאַנצן קערפּער. איר ווילט נעבעך א געשריי טאָן צום פראָפעסאָר, אז ער זאָל אייך כאָטש צוריק דערלאַנגען אייערע הויזן אָבער דער געשריי ווערט פארפרוירן אויף אייער צונג,

און דער פּראָפעסאָר קוקט אפילו ניט אין אייער ריכטונג. ער פּאַרעט זיך מיט די עלעקטרישע קנעפּלעך ארום דעם אייז־באָקס.

עס נעמט אָבער בלויז עטלעכע מינוטן און אייערע אויגן הייבן זיך אָן צו פאַרמאַכן ווי ביי אַן אויסגעמוטשעטן מענטשן, וואָס וויל כאַפּן א דרימל, און פּאַוואָליע, פּאַוואָליע ווערן ביי אייך פאַרקאָוועט פון קעלט אייערע הענט, אייערע פיס, אייער נאָז און אפילו די האָר אויפ׳ן קאָפּ. איצט ווייסט איר שוין גאָר־ניט, וואָס מיט אייך טוט זיך — אייער לעצטער געדאנק איז, אז מען דאַרף אייך ברענגען צום לעבן אין פופציק יאָר ארום...

דעם 15טן אויגוסט פון דעם יאָר 1985, אכט א זייגער אינדערפרי, האָב איך דערפילט, אז עפּעס האָט מיר א ברי געטאָן אין פּלייצע. איך האָב זיך געוואָלט א קראַץ טאָן מיט דער לינקער האַנט, אָבער איך האָב די האַנט קוים געקאָנט אויפהייבן. א וואַרימער שוויים האָט זיך אָנגעהויבן צו גיסן איבער מיין קערפּער, און עפּעס האָב איך ניט געוואוסט אקוראַט וואו איך געפין זיך. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אז איך שטיי־אויף פון שלאָף, נאָר איך האָב זיך ניט געקאָנט „ראָזדראכען״. די אויגן זיינען געווען ווי צוגעקלעפּטע, און די פיס האָבן זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט. ארום מיר בלויז א הייסער שוויים, וואָס האָט מיך זייער מיד געמאַכט. איך האָב זיך געוואָלט אַ רייס טאָן און זיך אויפהייבן, אָבער איך בין געבליבן זיצן — אפּנים קיין כוח ניט געהאַט.

דער דאָזיקער צושטאַנד האָט אָנגעהאלטן אפשר אַ שעה צייט, און פּלוצים, פון דער העלער הויט, האָב איך געעפנט ביידע אויגן און דערזען, אז איך געפין זיך אין אביידל מיט א פאַרהאַקטער, גלעזערנער טיר. איך האָב זיך פּרובירט דער־מאָנען, וואָס מיט מיר איז געשען, אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט א טראַכט צו טאָן, האָט זיך פּלוצים געעפנט די גלעזערנע טיר, און דאָס פריינטלעכע פּנים פון פּראָפעסאָר

ווילארד האָט מיר א זאָג געטאָן מיט א ברייטן שמייכל: גוד מאָרנינג...

דער פּראָפעסאָר האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און מיך ארויסגעפירט פוןביידל מיט אַזאַ שטאָלץ, ווי ער וואָלט געפירט זיין בן־יחיד צו דער חופה.

— ווי אזוי פילט איר זיך, מר. „גוט־שבת״? האָט דער פּראָפעסאָר א פרעג געטאָן.

— איך פיל זיך אָל־ראַיט, — האָב איך געענטפערט, — אָבער אייך, הער פּראָפעסאָר, האָב איך קוים דערקענט. אייערע האָר זיינען ווייס ווי שניי, און די קנייטשן אויף אייער פנים זיינען טיף.

— אודאי, אודאי, מיין פריינט, אזוי איז עס. איר האָט מיך צום לעצטן מאָל געזען אין אויגוסט 1935 און איצט איז שוין אויגוסט 1986, אַ קימאַ־לן פון 50 קיילעכדיקע יאָר...

ווען דער פּראָפעסאָר האָט מיך אריינגעפירט אין א צווייטן צימער, וואו עס איז געשטאַנען צוגעגרייט א רייכער ברעקפעסט, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם גאַנצן עסק. איך האָב פלוצים איינגעזען, אז פאר די לעצטע 50 יאָר בין איך געווען אין א קאַלטן הינערפלעט, און אז איך בין אָפּגעשלאָפן גאַנצע 50 יאָר מיין קאַלטן שלאָף...

ווען איך בין צום ערשטן מאָל ארויס אין גאַס, האָב איך, נאַטירלעך, באַלד געקויפט אַ צייטונג צו זען, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. איך בין באמת געווען איבערראַשט, ווען איך האָב איבערגעלייענט וועגן דעם אידישן גן־עדן אין דייטשלאַנד. דער גרעסטער טייל אידן פירן דאָרט די אמת'ע מלוכה. דער פּרעמיער פון דייטשלאַנד איז סאַלאמאַן אָפּענהיימער, וועלכער ווערט שטאַרק געליבט אין דער פּרעסע פאר זיין שטעלונג צו דער שפּראַכן־פּראַגע. עס זעט אויס, אז עס גייט דאָרט איצט אָן דער קאַמף צווישן דייטש און אידיש, מען וויל ניט

אַנערקענען אידיש אלס רעגירונגס־שפּראַך אָבער דער רייכסטאַג האָט גראָד נעכטן אויסגעהערט אַ רעדע פון פּרעמיער אָפּענ־היימער, וועלכער רעקאָמענדירט, אַז ביידע שפּראַכן, אי דייטש, אי אידיש, זאָלן גענוצט ווערן אין די געריכטן און אין אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. עס ווייזט זיך אויך אַרויס, אַז זינט היטלער׳ס גרויסער מפּלה מיט 45 יאָר צוריק, זיינען די נעמען פון דייטשע שטעט געביטן געוואָרן אויף אידישע. בלויז בער־לין איז געבליבן ביים זעלביקן נאָמען און דאָס נאָר צוליב דעם, וואָס די אָנהייבגער פון הרב מאיר בערלין האָבן אַזוי געפּאָדערט.

און ווייטער לייען איך, אַז דער אידישער קאָנגרעס האָט נאָר־וואָס אונטערגעשריבן אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די אַראַ־בישע אַנטיסעמיטן, וועלכע ווילן מאַכן ארץ ישראל אידן־ריין. דער אמת איז, אַז אַ סך ארץ ישראל׳דיקע אידן האָבן אויסגע־וואַנדערט קיין דייטשלאַנד און זיך דאָרט באַזעצט. דער אמע־ריקאַנער „דזשאָינט" האָט געשיקט גרויסע סומען געלט, אָבער די ארץ ישראל׳דיקע אידן זיינען ניט געווען צופרידן מיט דייטש־לאַנד. טראָצדעם, וואָס דייטשלאַנד האָט געבליט און געהאַט די אמת׳ע פּראָספּעריטי, האָבן זיי געבענקט נאָך זייער פאָטער־לאַנד אין ארץ־ישראל.

אָט איז נאָך אַ טשיקאַווע שטיקל נייעס: דזשאָהן ד. ראָ־קעפעלער פייערט זיין 146טן געבורטסטאָג — שוין אָפּנים אַן אַלטער מאַן, דער דאָזיקער ראָקעפעלער, אָבער זיין אויפגאַבע איז צו דערציען כאָטש ביז 150 יאָר.

אויף דער אידישער גאַס איז אַלץ רואיק. בלויז די רעווי־זיאָניסטן קאָכן זיך אויף סעקאָנד עוועניו, און די שוחטים קריגן זיך אַרום וועגן עפּעס אַ געגנסטער. דער אינערלעכער קאַמף צווישן אייב קאַהאַן און וולאַדעק׳ן איז ענדלעך איינגע־שטילט. די „פרייהייט" מאַכט אַ קאָלעקשאַן און עס פעלט איר נאָך צען טויזנט דאָלער . . .

פון בירא־בידזשאן, ווי עס זעט אויס, איז גארניט געווארן. טראץ אלע אנשטרענגונגען, האט מען פון בירא־בידזשאן קיין אידישע מלוכה ניט געקאנט מאכן. מען ווארפט די גאנצע שולד אויף די חזירים. אידן האבן זיך ניט געקאנט צופאסן צו חזירים־צוכט טראץ דעם, וואס זיי האבן געמאכט אן אויפ־ריכטיקן פארזוך. אידן און חזירים זיינען קיין פאר ניט. אפילו ווען א איד עסט חזיר, האט ער פיינט חזיר...

ווייטער, דוכט זיך, האט זיך די וועלט ניט געביטן. איך קאן אייך נאר זאגן, אז כ׳בין זיך באמת מחיה מיט די היצן נאך די 50 פארפרוירענע יארן מיינע. איך וועל ערשט איצט קענען אפשאצן דעם ווערט פון א הייס גלעזל טיי, פון א שוויץ־באד און פון איצט אן און ווייטער וועל איך זיך שטענדיק באַ־טייליקן אין הייסע דעבאטן.

## א מעשה מיט צוויי „בענטשעס"

די טראגעדיע פון הענרי סטריט:

דרייסיק יאר צייט זיינען דארט געשטאנען צוויי בענטשעס אין פראנט פון הענרי סטריט סעטלמענט. דרייסיק יאר איז א לאנגע צייט. ווען מען האט זיי דארט אוועקגעשטעלט, האט די וועלט אויסגעזען גאנץ אנדערש ווי זי זעט אויס היינט, מען האט נאך דאן אפילו ניט גע׳חלום׳ט וועגן א וועלט־מלחמה אדער וועגן אריבערפליען דעם ים אין א מעת־לעת צייט. הענרי סטריט איז צו יענער צייט געווען א וויכטיקער אידישער צענטער, יעדן טאג זיינען אהין אנגעקומען נייע „גרינע", וואס האבן פון הענרי סטריט באוואונדערט אמעריקע. דער פאקט איז, אז הענרי סטריט און עטלעכע אנדערע גאסן ארום זיינען געווען „גאנץ אמעריקע" פאר די געסט פון גאליציע, פוילן, רוסלאנד און רומעניע...

מיט דרייסיק יאָר צוריק האָט מען נאָך פארקויפט צוויי בייגל פאר א פּעני אין העברי סטריט און אין די הייסע זומער־דיקע טעג איז מען געשלאָפן אויף די דעכער, און טאָמאַשעווסקי פלעגט נאָך זינגען „קום ישראליקל, קום אהיים" און מען פלעגט נאָך ארבעטן ביי קלאָקס 21 שעה א טאָג, און וועגן דער נ. ר. א. האָט מען דאַן נאָך ניט געוואוסט.

אָט אין יענער שיינער צייט האָט מען אוועקגעשטעלט צוויי בענטשעס אויף העברי סטריט און פאר דרייסיק יאָר צייט פלעגן עלטערע מענטשן געפינען אויף זיי אָפּרו אין די פאַרנאַכטן, מאַמעס פלעגן זיך צוזעצן אָנצוזייגן די קינדער און יונגע פּאָרלעך פלעגן זיפצן און קוקן ארויף צו דער זילבערנער לבנה, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אקוראַט איבער העברי סטריט. די צוויי בענטשעס זיינען געוואָרן טראַדיציע.

פּלוצים האָט מען די צוויי בענטשעס צוגע׳גנב׳עט. יאָ, צוגע׳גנב׳עט. די גנבה איז פאָרגעקומען נאָך דריי אזייגער פאַר־טאָג, ווייל ביז דריי אזייגער האָבן צוויי פּאָרלעך זיך ניט געוואָלט שיידן מיט זיי, אָבער אזוי שנעל ווי די פּאָרלעך זיינען אַוועק, האָבן די גנבים דורכגעפירט זייער שטיקל ארבעט.

דעם צווייטן פרימאָרגן איז געוואָרן אַ ליאַרם אין העברי סטריט. די גאַנצע גאַס איז געגאַנגען כאַדראַס. דער פּאָלים סטיישאָן האָט ארויסגעשיקט צוויי פון די בעסטע דעטעקטיווס און אלע אינגלעך פון העברי סטריט האָבן זיי געהאָלפן זוכן, אָבער — אומזיסט.

די בענטשעס זיינען ווי אין וואַסער אריין.

ערשט מיט א טאָג שפּעטער האָט מען קוים געפונען איין בענטש אויף טשערי סטריט, און מען האָט אים צוריק אוועקגעשטעלט אויף זיין פּלאַץ. אָבער אומעטיק איז איצט דעם בענטש איינעם אליין. עס פעלט אים א חבר אין לעבן. אָפּגעשטאַנען דרייסיק יאָר מיט׳ן צווייטן בענטש, פילט זיך דער ערשטער ווי א צעבראָכענע כלי, כאָטש נעם און לאָז זיך

פאַרברענען אין אַ גאַסן-פייער. מען וואָלט אפשר געקאָנט צונויפזאַמלען געלט פאַר א נייעם בענטש, אָבער עס האָט מיר א טעם ווי אן אַלטער זקן האָט חתונה מיט א יונג מיידל. עס פעלט דער געמיינשאפטלעכער אינטערעס, עס פעלט די הארמאָנישקייט, עס פעלט די קעגנזייטיקע פארשטענדניש.

אויב די אידן פון העברי סטריט ווילן באמת האָבן א מצוה, זאָלן זיי זיך אַרויסלאָזן זוכן דעם אַוועקגע'גנב'עטן בענטש — עס איז קיין קונץ ניט צו קויפן א נייעם, דאָס קאָן טאָן יעדער איינער, אַ קונץ איז צוריק צו פאַראייניקן צוויי בענקעדיקע בענטשעס, וואָס האָבן געליטן צוזאַמען און דערלעבט נחת צוזאַמען.

א בענטש איז ניט קיין מענטש. שטאַרבט חלילה א ווייב, האָט מען חתונה מיט אן אנדערער, א בענטש אָבער איז צו שטאַרק איינגעפונדעוועט, צו ערנסט פאַר אזעלכע זאכן, און אַז מען שטעלט אים צו א ניי „ווייב" שווייגט ער טאקע, אָבער אומעטיק איז ער.

בענטש-מענטש! — עס גראַמט זיך טאַקע, אָבער א בענטש איז אזוי טראַגיש-אנדערש.

און אויב א מחבר פון פיעסן וויל אויסנוצן אָט די טראַגעדיע פאַר זיינע צוועקן, האָבן מיר אַ פּאַרטיקן נאָמען פאַר זיין פיעסע:

„א בענטש זאָל מען זיין."

## דאָס טעלעפאָן בוך — אַ אידיש ספר

איך ווייס ניט וואָסערע ביכער איר לייענט. אפשר לייענט איר געשיכטע, וואָס דאָס איז זייער אינטערעסאַנט . . . אפשר לייענט איר פילאָזאָפישע ווערק, וואָס דאָס אנטוויקלט דעם גייסט ; אפשר קוקט איר אריין אין אַ אידישן ספר, וואָס דאָס

איז זייער שיין פון אייער זייט; אפשר פּאַסמאַקעוועט איר זיך מיט ביליקע ראָמאַנען־ביכלעך צו צען סענט אַ שטיק, וואָס דאָס איז אויך אַ צייט־פאַרטרייב, אָבער וואָס אייער געשמאַק אין בי־כער זאָל ניט זיין, ראָטן מיר אייך איבערצולייענען דאָס טעלע־פאָן־בוך.

אָט האָט די טעלעפאָן קאָמפּאַניע ארויסגעגעבן אַ נייע בוך און עס צעטיילט אין הונדערטער־טויזנטער היימען, אָבער זייער ווייניק מענטשן האָבן זיך גענומען די מי אריינצוקוקן אין דעם דאָזיקן וואונדערבאַרן ספר, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט טראַ־געדיע און דראַמע, מיט לייד און מיט נחת, מיט מענטשלעכע שוואכקייטן און מיט מענטשלעכער פרייד.

די העלדן אין טעלעפאָן־בוך זיינען ניט קיין געבלאָפטע. אונטער יעדער שורה באַהאַלט זיך אַ לעבעדיקער מענטש. אין אַנדערע ביכער זיינען די העלדן אויסגעטראַכטע, ניט־געשטווי־גענע און ניט־געפלויגענע פּערזענלעכקייטן, וואָס אימיצנס פאַנ־טאַזיע האָט זיי באַשאַפן; די דאָזיקע העלדן וויינען מיט פרעמ־דע טרערן און לאַכן מיט פרעמדן ווילן; די העלדן אָבער פון טעלעפאָן־בוך זיינען לעבעדיקע, צאַפּלדיקע מענטשן, און פאַר־שטעכן זיי זיך ווען־עס־איז אַ פינגער, רינט אמת׳דיק בלוט...

מען מוז מודה זיין, אַז אַמאָל מאַכן זיי נאָך די געבלאָפטע העלדן פון אַנדערע ביכער און פון דער בינע, זיי שפּילן אָפּט אַ פרעמדע ראָל, פאַרשטעלן זייער אייגענעם „איך", טראָגן מאַס־קעס אויפ׳ן פּנים, אָבער מענטשן לעבעדיקע זיינען זיי סיי־ווי־סיי, ווייל אויב זייער נאָמען געפינט זיך נאָך אין טעלעפאָן־בוך, איז דאָס דער בעסטער באַווייז, אַז בלוט פליסט אין זייערע אָדערן, און אַז זיי עסן און שלאָפן, און האָבן אַלע אַנדערע באַ־דערפענישן פון אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

מתים, ווי איר ווייסט, דאַרפן ניט קיין טעלעפאָן...

פאַר מיינע אויגן ליגט אָפן דאָס נייע טעלעפאָן־בוך און איך לייען מיט גרויס שפּאַנונג, אַ שורה נאָך אַ שורה: נעמען

און נעמען. דוכט זיך, וואָס איז אַ נאָמען? גאָרנישט שבגאָר־נישט, זאָגט ערגעץ שעקספּיר, אָבער נעווער מיינד, שעקס־פּיר . . . ביי מיר איז אַ נאָמען אַ גאַנצע וועלט.

אָט זעט אַן אומשולדיקן נאָמען:

Miriam Abramowitz, 59 Stanton Street, Orchard 4-9999

ווער איז מרים אַבראַמאָוויץ? אַ־יאָ, איר ווייסט ניט? מיר ווייסן אויך ניט, אָבער אַלבעטשע, אַז מרים אַבראַמאָוויץ איז אַ וועלט פֿאַר זיך אַליין, און ווען איר זאָלט זיך וועלן דורכ־שמועסן מיט איר, וואָלט איר אויסגעפֿונען, אַז איר לעבן איז אינטערעסאַנטער פֿון דעם בעסטן בוך. אפשר איז מרים אַן עלטערע מיידל, וואָס ס׳האָט זיך איר ניט געטראָפֿן קיין שידוך, רחמנא־לצלן, און זי זיצט און פֿינצטערט אָפּ אירע יאָרן; אפשר איז זי אַ יונגע פֿלעפֿערקע וואָס לעבט אוים איר לעבן ביי יעדער געלעגנהייט און ווען עס לאָזט זיך; אפשר איז זי גאָר אַן אלמנה, וואָס איז געבליבן ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע שאָף אַליין אין דער וועלט; אפשר איז זי אַ געשטראָפֿטע מאַמע, וועמעס זון דאַרף אָפּפֿינצטערן זיין גאַנצן לעבן אין סינג־סינג; אפשר איז זי אַ מין „מירעלע אפרת״, וואָס האָט געהאַט אַלץ און פֿאַר־לוירן אַלץ און זיצט און וואַרט אויפ׳ן טויט? . . .

נעמט וועלכן נאָמען איר ווילט, און איר מעגט זיכער זיין, אַז יעדער פֿון זיי איז אַ וויכטיקער ביישטראַג צו דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט, יעדער פֿון זיי איז אַ מחותן אויף דער גרויסער חתונה, וואָס רופֿט זיך — לעבן.

איך וואָלט געראָטן אונזערע ראָמאַנען־שרייבער אַז איי־דער זיי זעצן זיך שרייבן אַ נייעם ראָמאַן, זאָלן זיי אויסקלייבן צען אומבאַקאַנטע, פֿרעמדע נעמען אין טעלעפֿאָן־בוך און זיי צונויפֿרופֿן צו אַ קאָנפֿערענץ. זאָל יעדער פֿון די מענטשן שיל־דערן אַ שטיק פֿון זיין לעבן, אויפֿריכטיק און אמת׳דיק, און דער ראָמאַן־שרייבער וועט האָבן פֿאַר זיך דעם אינטערעסאַנטסטן

מאַטעריאַל פאַר אַ גרויס ווערק! פיר הונדערט טויזנט ראָמאַ־נען ליגן באַהאַלטן אין איין טעלעפאָן־בוך, מען קאָן זיי שעפּן פון דאָרט מיט עמערס...

* * *

דער טעלעפאָן־בוך איז אַ אידיש בוך! אויף יעדן בלעטל באַגעגן איך זיך מיט אחינו בני ישראל. ווען היטלער זאָל כאַפּן אַ בליק אויף אַ ניו יאָרקער און ברוקלינער טעלעפאָן־בוך, וואָלט ער משוגע געוואָרן. עס וואָלט אים געשווינדלט אין די אויגן פון די צענדליקער טויזנטער קאָהנס אליין.

אַן אמת'ע ק אָ ה ן־ספּיראַציע אויף דעם אַמעריקאַנער ק אָ ה ן־טינענט.

אַלע קאָהנס, ווי איר ווייסט, שטאַמען אָפּ פון אהרן הכהן, און אַלע זיינען דערפאַר כהנים, און אַלע זיינען זיי באַרעכטיקט צו דוכנ'ען, און אַלע האָבן די פּריווילעגיע פון דער ערשטער עליה ביים לייענען. ס'גליק איז נאָר, וואָס ניט אַלע קאָהנס גייען דאַווענען, ווייל טאָמער וואָלטן זיי יאָ געגאַנגען, וואָלט יעדן שבת געקומען צו פּעטש אין שול...

דער בז"ל זאָל לעבן דערציילט אַ מעשה, אַז צוויי איירישע אימיגראַנטן זיינען אַמאָל געקומען קיין אַמעריקע און האָבן באַלד דעם ערשטן טאָג געכאַפּט אַ שפּאַציר איבער די איסט־סיידער גאַסן. צו זייער גרויסער דערשטוינונג האָבן זיי אויף יעדן צווייטן געשעפט געזען דעם נאָמען „קאָהן". — אַ זייגער־מאַכער — קאָהן, אַ קברן — קאָהן, אַ לאָונדרי — קאָהן, אַ גראָ־סערי — קאָהן. אויף שריט און טריט קאָהן און קאָהן.

— וואו האָבן זיך אין אַמעריקע גענומען אַזויפיל קאָהנס?
— וואונדערן זיך די צוויי איירישע אימיגראַנטן, און אַזוי גייענ־דיק קומען זיי צו צו אַ געשעפט מיט אַ גרויסן שילד פון אויבן: „ק אָ ה ן מאַנופעקטשורינג קאָמפּאַני".

אַהאַ! טראַכטן ביי זיך די צוויי אירישע, אַט־אָ־דאָ מאַ־נופעקטשורט מען זיי.

* * *

היינט־זשע די גאָלדשטיינס! מישט אויף אייערע טעלע־פאָן־ביכער וועט איר זען! דאָס האַרץ וועט אין אייך טאַנצן פאַר נחת. כמעט יעדער גאָלדשטיין איז אין די דרעס־ביזנעס, און טאָמער טרעפט זיך אַמאָל אַ גאָלדשטיין, וואָס איז ניט אין די דרעס־ביזנעס, וואָלט ער געדאַרפט זיין . . . די גאָלדשטיינס האָבן אַ טבע, אַז ווען זיי ווילן נעמען אַ שותף צו זיך אין גע־שעפט, זוכן זיי אויך אַ גאָלדשטיין, און דערפאַר וועט איר טאַקע טרעפן אין טעלעפאָן־בוך צענדליקער מאָל די נעמען פון פיר־מעס „גאָלדשטיין ענד גאָלדשטיין". מען זאָגט מיר, אַז אין שי־קאַגאָ איז פאַראַן אַ לאָיערשע פירמע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „גאָלדשטיין, גאָלדשטיין ענד גאָלדשטיין".

דערצו טרעפט איר נאָך געשעפטן מיט'ן נאָמען „גאָלד־שטיין ענד סאָנס", וואָס דאָס איז גאָר אַ מעשה אָן אַ סוף. וואָס ווייס איך וויפל „סאָנס" אַ גאָלדשטיין קאָן זיך פאַרגינען צו האָבן?!

בקיצור — דאָס נייע טעלעפאָן־בוך איז אַ רעגעלער אוצר פון יעדן שטאַנדפונקט און נאַטירלעך אויך פון אידישן שטאַנד־פונקט. וויל מען זיך שאַפן אַ באַגריף וועגן דער פּראָפּאָרציע פון פאַרשיידענע פעלקער, וואָס וואוינען אין ניו יאָרק, דאַרף מען נאָר שטודירן דעם טעלעפאָן־בוך; ווילט איר אין אייערע איינזאַמע שטונדן אימיצן פאַרנודיען צום טויט, עפנט אויף דעם טעלעפאָן־בוך, און איר וועט שוין געפינען אייער קרבן; ווילט איר פאַרברענגען אָן אָוונט מיט אַ מיידל און איר האָט ניט קיין מיידל, עפנט דעם טעלעפאָן־בוך און קלינגט אָן דעם ערשטן, בעסטן מיידלשן נאָמען, באַנוצט עטלעכע קלוגע ווער־טער און דער אַפּאָינטמענט איז געמאַכט . . . און טאָמער

טרעפט זיך אייך אמאל און איר דארפט האבן א שטיקל הלואה אויף עטלעכע טעג צייט, טא גייט צו צום טעלעפאן־בוך און געפינט דעם נאמען: J. P. Morgan, Caledonia 5-0093

## גלאט אזוי א באריכט

לעצטן שבת נאכמיטיק (באלד נאכ׳ן קוגל) איז אין האטעל פלאזא (אפ־טאון) פארגעקומען א ברידזש־פארטי.

די דאזיקע ברידזש פארטי איז געגעבן געווארן „אין די אינטערעסן" (אויב מען מעג זיך אזוי אויסדריקן) פון א געוויסע דעי נוירסערי, וואס אויף דער איסט סייד.

אין זאל זיינען געווען עטלעכע הונדערט אידישע ווייבער. דער רעפארטער האט ניט געקענט באמערקן, צי זיי זיינען אלע געווען שיינע, ווייל דער דיקער רויך פון די ציגארעטלעך, וואס די אידישע ווייבער האבן געררויכערט, האט פארטונקלט דעם גאנצן זאל. מיר האבן שוין, דוכט זיך, אמאל געזאגט, אז ווען אידישע ווייבער רויכערן אום שבת פאר וואוילטעטיקע צוועקן, איז דער רויך זייער א געדיכטער און ער ווארפט אן א פינצטערניש.

בקיצור — דער רעפארטער איז ניט אימשטאנד צו שילדערן די פיזישע שיינקייט פון אט די דאזיקע דאמען, און ער וועט דערפאר זיך בלויז אפשטעלן אויף דעם וואונדערבארן אידישן גייסט, וואס האט באהויכט די גראנדיעזע ברידזש־אסיפה אין האטעל פלאזא.

אך, וואס פאר א הערלעכן „גרענד סלעם" מרס. לעמקארט האט געמאכט! דער גאנצער זאל איז ממש אריין אין א ווילדער באגייסטערונג. זעט איר, מרס. פופציק, די מיט די לאנגע גרינע אויריגגלעך, זי איז באמת א ברכה לבטלה, זי וועט שוין אין איר לעבן קיין ברידזש ניט קענען שפילן, ניט אום שבת,

און ניט אין דער וואָכן. ווען מרס. פּופּציק האָט שכל, וואָלט זי געדאַרפט אינגאַנצן אויפגעבן די דעי־נוירסערי. אַז דאָס ווייבל — זאָג איך אייך — ווייסט ניט ווי צו האַלטן אַ קאָרט אין האַנט . . .

ביי עטלעכע טישן האָבן די ווייבער מער גערעדט, ווי גע־שפּילט. אַמאָל, אַמאָל, ווען זיי פלעגן נאָך גיין אין שול אַריין, פלעגן זיי אויך ריידן בשעת דעם דאַווענען, היינט ריידן זיי ביים ברידזש, ווארים אַז אַ ווייבל איז „איינגעטרייעט" צו ריידן, מאַכט זיך איר קיינמאָל — בעוונותנו הרבים — דאָס מויל ניט צו. אַז מען רעדט אַ סך, ווייסט איר דאָך, רעדט מען אַמאָל אַרויס אַ קלוג וואָרט אויך, אָבער דאָס איז נאַטיר־לעך זייער זעלטן.

און אַזוי שנעל ווי עס איז נאָר פינצטער געוואָרן אין דרויסן, און עס האָבן זיך באַוויזן שטערן אויפ׳ן הימל, און פרומע אידן האָבן געמאַכט הבדלה, און מען האָט שוין געמעגט רויכערן, האָבן די ווייבער באַהאַלטן זייערע ציגאַרעטלעך, אָנ־געפּוידערט — איר זאָל מיר אַנטשולדיקן — די נעזער און אָוועקגעגאַנגען אַהיים, אָנגעזעטיקט מיט דעם געפיל, אַז זיי האָבן עפּעס געטאָן פאַר אַ וואוילטעטיקן צוועק און געהאָלפן אַ דעי־נוירסערי.

און ווייסט איר פאַרוואָס די ווירדיקע דאַמען שפּילן ברידזש דוקא שבת ביינטאָג?

פּשוט און פּראָסט: ווייל זיי ווילן העלפן אַ **דעי**־נוירסערי! זעט איר, ווען דאָס זאָל זיין אַ **נאַכט**־נוירסערי, וואָלטן זיי זי־כער ניט געשפּילט שבת ביינטאָג, זיי וואָלטן געשפּילט פרייטיק־צו־נאַכטס . . .

# אנאנסן

די ציַיטונג, הערט איר, פּירט אונזער לעבן. צום גוטן אָדער צום שלעכטן — אָבער זי באַאיינפלוסט אַלץ, וואָס מיר טוען און אַלץ וואָס מיר טראַכטן. די ציַיטונג איז אין דעם פּרט פּונקט ווי אַ שוויגער — זי מישט זיך אין אַלץ אַריין. די איינ־ציקע אויפגאַבע פון אַ ציַיטונג איז, דוכט זיך, ניט מער ווי צו געבן אינפאָרמאַציע אירע לעזער וועגן פאַרשיידענע פּאַסירונ־גען, אָבער זי איז ווייט ניט צופרידן מיט דעם אַליין. זי דרינגט אַריין אין אייער פּריוואַטן לעבן און צווינגט אייך ממש צו פירן זיך אויף אַ געוויסן שטייגער, וועלכן זי — די ציַיטונג — האָט צוגעגרייט פאַר אייך.

די ציַיטונג האָט אייך אַלעמען געמאַכט פאַר קינדער און זיך אַליין אַרויסגעשטעלט פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס דאַרפן אייך מגדל זיין למעשים טובים.

אַט עפן איך אַ ציַיטונג און כאַפּ אַ בליק. קודם כל דער־ציילט מען מיר וועגן אַ פּאָגראָם אין פּוילן און וועגן אַ פאַר־פלייצונג אין אַשקאַש — מילא פאַרפאַלן! עס איז אַפנים טאַ־קע געווען אַ פּאָגראָם אין פּוילן און ס׳איז געווען אַ פאַרפליי־צונג אין אַשקאַש. דערנאָך שרייבט מיר מיין ציַיטונג, אַז טראָצקי האָט אַזוי געזאָגט און אַז היטלער האָט אַזוי געזאָגט. נעם איך דאָס אָן פאַר גוט געלט. מן הסתם האָבן זיי געזאָגט.

אָבער דערנאָך „נאַרט" מיך די ציַיטונג אַריין אין אירע אַדווערטייזמענטס, און דאָ הייבט זיך אָן דער אמת׳ער טראָבל... די דאָזיקע אַדווערטייזמענטס, ווי איר קוקט זיי אָן, זיינען אויבן־אויף שטילע, באַשיידענע שטיקער דרוק־אַרבעט, אָבער ווען איר הייבט זיי אָן צו לייענען, ווערן זיי אינטערעסאַנט און שפּאַנענד ווי, להבדיל, אַ שונד־ראָמאַן. זיי דעקן אויף פאַר אייך נייע וועלטן, זיי רייצן אייך און וועקן אין אייך דעם „יצר־הרע" צו געוויסע זאַכן וועגן וועלכע איר האָט ביז איצט ניט גע׳חלום׳ט.

אַט, למשל, שרייט מיר אַנטקעגן אַן אַדוועֿרטייזמענט אויף דער צווייטער זייט פֿון דער צייטונג, אַז איך זאָל למען השם קויפֿן אַן אויטאָמאָביל. דער דאָזיקער אויטאָמאָביל, זאָגט מיר דער אַדוועֿרטייזמענט, וועט פֿאַרזיסן מיין לעבן און מיין פֿאַמי־ליע וועט זיך מיט אים גאָר מחיה זיין. עס איז אַן אויטאָמאָביל, וואָס פֿאָרט ממש אַליין, ער „פֿרעסט" ניט קיין גאַזאָלין, און שיין איז ער ווי טויזנט וועלטן.

באַלד לעבן דעם אויטאָמאָביל „עד" טאַנצט מיר אַנטקעגן אַ פֿלאַש מיט פֿיינעם שנאַפּס. כאַפּ איך אַ בליק אויף דער פֿלאַש און טראַכט ביי זיך, אַז פֿון אַ „געדרוקטער" פֿלאַש בראָנפֿן קאָן מען דאָך שיכור ניט ווערן, איז וואָס־זשע אַרט מיך אַז איך קוק. איך לייען איבער דעם „עד" און עס כאַפּט מיך אָן אַ חשק פֿאַר אַ גוט גלעזל בראָנפֿן, אָבער איך באַהערש זיך, ווייל מיין אויג איז פּלוצים געפֿאַלן אויף אַ „פּיקטשע" פֿון אַ מאַן אין אַ שיינעם אָנצוג, וואָס איז געדרוקט אין אַ דריטן אַדוועֿר־טייזמענט. אַ נייעם סוט — זעט איר — דאַרף איך טאַקע ווי מען דאַרף לעבן, און איך לייען דעם אַדוועֿרטייזמענט פֿון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער.

וואָלט דאָס געווען אַלרייט, ווייל סוף־כל־סוף מוז דאָך אַ מענטש קויפֿן אַ נייעם סוט, איז אָבער די צרה וואָס דאָס ווייב שטייט איך איבער די פּלייצעס און זי דערזעט אויף דער דריטער זייט דעם ריכטיקן פֿרילינג־מאַנטל נאָך וועלכן זי גאַרט נאָך זינט דעם וואָל סטריט קראַך. אַ ווייב איז אַ ווייב און אַ פֿרילינג־מאַנטל איז אַ וויכטיקע זאַך, טראַכט איך ביי זיך, לאָמיר ווייטער קוקן . . .

קוקן מיר און מיר דערזעען שיך. מילא, מען דאַרף דאָך אייך ניט דערציילן, אַז שיך זיינען גאָר אַ וויכטיקער ענין. איר האָט עפּעס ליב צעקנייטשטע און צעקרומטע שיך? יעדער מענטש דאַרף האָבן גוטע און „געזונטע" שיך, אייערע פֿיס האָבן זיך עס פֿאַרדינט ביי אייך, זיי גייען נעבעך וואו איר

הייסט זיי גיין, זיי טאַנצן פאַר אייך און גיבן אייך דעם איינ־ציקן שאַנס צו טראָגן הויזן. ניין, מען טאָר ניט גרינגשעצן די פּיס, מען מוז זיי געבן זייערס. און, מישטיינס געזאָגט, וויפל פאָדערן זיי עס פון אייך? אַ פּאָר גאַנצע זאָקן און אַ פּאָר נייע שיך — און דאָס מוז מען זיי געבן צו פאַרהיטן אַ זיץ־סטרייק קעגן זיך אַליין. דער אַדוועורטייזמענט, קלערט איר, איז נעבעך גערעכט, מען דאַרף האָבן נייע שיך . . .

אָבער אײַלט זיך ניט, איר זענט נאָך ניט פּאַרטיק. שיך זיינען טאַקע אַ וויכטיקע זאַך, אָבער אַ גוטער „סיריעל" פאַר די קינדער צו ברעקפעסט איז נאָך וויכטיקער, און דער אַדוועור־טייזמענט וואָרנט אייך, אַז איר זאָלט פאַר קיין פאַל ניט פאַר־קוקן געזונטע שפּייז פאַר אייערע קינדער. אַ גערעכטע טענה, כ'לעבן, אָבער פּונקט אַזוי גערעכט איז דער אַדוועורטייזמענט מיט דער קאַווע, ווייל אַ לעבעדיקער מענטש מוז האָבן אַ גוטע טעפּעלע קאַווע ווען ער שטייט אויף אינדערפרי און עס איז אים טרוקן אין האַלז.

איר דרייט איבער נאָך אַ בלאַט פון דער צייטונג און עס גיט אייך ווידער אַ צי. וואָס איז? מען רופט אייך אין די מוּאווים, און מען זאָגט אייך צו כל־ערליי גליקן. מיינט איר דאָך אפשר, אַז די אַדוועורטייזמענטס זיינען ניט גערעכט? אודאי זיינען זיי גערעכט. אַ מענטש דאַרף זיך צעשטרייען אַביסל, אַ מענטש דאַרף אָפּרוען דעם מוח, אַ מענטש דאַרף „רילעקסן", ווי מען זאָגט עס אויף פּראָסט־ענגלישן מאַמע־לשון. חוץ די אַלע זאַכן האָבן טעאַטער און מוּאווים אַ געווייסן דער־ציִערישן ווערט — אַ מענטש דאַרף זען און הערן און באַריי־כערן זיין גייסט.

האָבן מיר גאָר ניט קעגן די טעאַטער־מוּאווי אַדוועורטייז־מענטס, זיי האָבן אַ גערעכטע טענה צו אייך; אָבער וואָס טוט מען מיט דער גאַנצער פיידזש אַדוועורטייזמענטס, וואָס רייצן אייך אָן, אַז איר זאָלט דוקא פאָרן קיין לעיקוואוד אָדער אין

אַנדערע פּלעצער זיך אַביסל אויסרוען דיביינער? איר קוקט אויף די דאָזיקע אַדווערטייזמענטס און בלייבט זיצן אַ פּאַר־חלום׳טער. די קריזשעס, ווייסט איר, ברעכן אייך, דער קאָפּ איז מיד, די הענט אויסגעאַרבעט, און עטלעכע טעג אין לעיק־וואוד, אויף דער פרישער זוניקער לופט וואָלטן אייך אודאי קיין שלעכטס ניט געטאָן. די אדווערטייזמענטס זיינען אין דעם פּרט ווידער גערעכט — אמת, זיי רייצן אייך אָן, אָבער גע־רעכט זיינען זיי. איר פילט, אַז איר דאַרפט עטלעכע טעג אין לעיקוואוד ווי דאָס לעבן . . .

אָבער איר זיינט נאָך אַלץ ניט פּאַרטיק. די אַדווערטייז־מענטס גוואַלדעווען, אַז איר דאַרפט זייף, מילך, האָניק, מצות, קרעקערס, און וואָס ניט?

און אָט אַזוי־אַ ווערט די צייטונג אַ שטיק באַלעבאָס איבער אייער אייגן לעבן. אמת, זי גיט אייך פּאָגראָמען, פּאַרפּליי־צונגען, מאָרד און רויב, אָבער זי גיט אייך אויך שיך און סי־ריעל, לעיקוואוד און מואַוויס, און צי איר ווילט יאָ אָדער איר ווילט ניט, מוזט איר זיך צופּאַסן צו דעם לעבן, וואָס ווערט אויס־געשטעלט קאָלום נאָך קאָלום אין אייער צייטונג.

איך ווייס ניט ווי ביי אייך, נאָר ביי מיר איז די צייטונג ווי אַ בלאָנדע און קלוגע פּריוואַט־סעקרעטאַרשע — עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף איר, און זי דערמאָנט אייך שטענדיק וועגן זאַכן, וואָס איר דאַרפט דערליידיקן.

אָן אַ צייטונג וואָלט דאָס לעבן געווען כמעט אוממעגלעך אין דער דאָזיקער מאָדערנער וועלט, און טראָצדעם וואָס די צייטונג איז אייער „באָס" און באַאיינפלוסט אייער לעבן, דאַרפט איר פאָרט דאַנקבאַר זיין, ווייל ווער וואָלט אויף אייך אַכטונג געגעבן און אייך דערמאָנט, אַז איר דאַרפט אַ פּאָר נייע שיך? ווער וואָלט אייך אָנגערייצט צו קויפן אַ פרידזשי־דעיר, וועלכן איר מוזט האָבן? ווען ניט די צייטונג וואָלט איר

געטראָגן אַלטמאָדישע קראַוואַטן, איר וואָלט ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל און איר וואָלט קיינמאָל ניט געפאָרן קיין לעיקוואוד.

ביי מיר איז די צייטונג אַלץ אין דער וועלט און למאי זאָל איך לייקענען? איך לייען די אדווערטייזמענטס מיט גרויס כוונה, ווייל אפילו ווען איך קען ניט קויפן קיין פאַרטעפיאַן אָדער אַ פרידזשידעיר, האָב איך ליב צו טראַכטן וועגן דעם, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען איך זאָל יאָ קענען קויפן אַ פאַר־טעפיאַן און אַ פרידזשידעיר — איך טראַכט אַזוי לאַנג, ביז איך קויף טאַקע . . .

די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אין מיין שטוב זיינען צו־ערשט געווען ניט מער ווי „עדם" אין דער צייטונג, שפּעטער זיינען זיי געוואָרן לעבעדיקע זאַכן, פון וועלכע איך האָב געהאַט הנאה.

אמת איז, דאָס ביסל געלט איז טאַקע פאַרשוואונדן, אָבער איך האַלט, אַז ס'איז בעסער צו זיצן אויף אַ ווייכן, באַקוועמען שטול, איידער זיצן אויפ'ן קיילעכדיקן, האַרטן געלט . . .

## אַ בר מצוה פייערונג

דאָ אַנומלטן האָב איך אַרונטערגענומען די האַנט פון האַרצן און איך בין מיר אַוועק אין אַ נאַכט־קלוב. מיינט ניט, אַז איך בין חס וחלילה פאַרקראָכן אין איינעם פון די בראָד־ווייער נאַכט־קלובן, וואו עס זיצן אַריסטאָקראַטן אין יום־טוב׳־דיקע קליידער און עסן מאַרציפּאַנעס מיט אויסטערס און פאַר־טרינקען מיט דעם בעסטן שאַמפּאַניער. אַ, ניין! איך בין מיר געגאַנגען אין אַ א י ד י ש ן נאַכט־קלוב אויף מ י י ן איי־גענער איסט־סייד און — וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — איך האָב זיך „ענדזשאָיעט", אַז איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

איך ווייס ניט צי איר ווייסט, אָבער עס איז פֿאַראַן אַ שטיקל אונטערשייד צווישן אַ בראָדווייער נאַכט-קלוב און אַ נאַכט-קלוב אויף דער איסט סייד: דאָרט אַפּטאָון מאַכט מען זיך נאַריש מיט ליכט-עפֿעקטן, מיט שטימונג, מיט בלומען, מיט באַ׳חנ׳טע מיידלעך, וועלכע זיינען אויסגעפּוצט אין עלעגאַנ-טער נאַקעטקייט און מיט הונדערט אַנדערע זאַכן; ביי אונז אָבער, אויף דער איסט סייד, איז אינגאַנצן אַנדערש. ביי אונז דינגט מען אָפּ אַ קעלער אויף אַ זייטיקער גאַס, מען הייננגט-אויף עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך, מען קלאַפּט-אָפּ אַביסל דזשעז און מען עסט געהאַקטע לעבערלעך מיט גראַשיצע, און מען האָט פּלעזשור.

דאָרט, ביי די אַריסטאָקראַטן, איז געוויינטלעך פֿאַראַן אַ מאַסטער-אָוו-סערעמאָנים, אַ מענטש וואָס מאַכט דעם אָנ-שטעל פֿון געזעלשאַפֿטלעכער ראַפֿינירטקייט און זאָגט גלאַ-טיקע ווערטלעך מיט טאַקט און געשליפֿנקייט; ביי אונז אָבער מאַכט מען ניט קיין אָנשטעל. מיר, אויף דער איסט סייד, האָבן אויך אַ מאַסטער-אָוו-סערעמאָנים, אָבער ער מאַכט מיט אייך קיין עסקים ניט. וויל ער זאָגן אַ גראָבלעכן וויץ, זאָגט ער אים אָפּן און דייטלעך, און איר צעלאַכט זיך אָפּט אַזוי הילכיק, אַז דער ביסן גראַשיצע בלייבט ביי אייך שטעקן אין גאָרגל.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

דאָס וואָס איך וויל דאָ ארויסברייננגען האָט צו טאָן מיט אידישקייט, און ווי איר ווייסט, איז דער „גוט-שבת״-איד אַ אידישער מענטש, וואָס אַרבעט נעבעך מיט אַלע כוחות צו דער-מוטיקן און אויפֿצוהאַלטן דאָס ביסל אידישקייט וואָס עס איז נאָך ביי אונז פֿאַרבליבן.

און דערפֿאַר איז טאָקע ביי אייער „גוט-שבת״-איד גע-וואַקסן ס׳הארץ פֿון פֿרייד, ווען ער האָט געזען אין אַן איסט-סיידער נאַכט קלוב אַ בר מצוה פּאַרטי מיט אַלע פּריטשעווו-קעס. בשעת דער עולם האָט גע׳שיכור׳ט . . . צו ביסלעך,

בשעת דער צערעמאָניע־מייסטער האָט געזאָגט זיינע פּעפּער־דיקע וויצן, און בשעת ווייבער האָבן מיט חשק אריינגעביסן אין די עכטע רומענישע קאַרנאַצלעך, האָט מען פלוצים אַנאָנסירט די בר־מצוה פּאַרטי. דער זעלבער צערעמאָניע־מייסטער, וואָס האָט מיט אַ רגע צוריק אייך דערציילט אַ געוויסע בעד־רום געשיכטע, וואָס איז געווען אַ קאַפּיטשקע וואולגאַר, האָט זיך איצט צעשפּרייט מיט אידישקייט און געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט דערהויבן הויך די אידישע נשמה אין אָט דעם דאַזיקן קעלער. „לײדיס און דזשענטלמען" — האָט דער צערעמאָניע־מייסטער געזאָגט — „דזשודאאיזם איז אַ נאָבעלע זאַך, מאָזעס פון דער באַיבל איז אויך געווען אַ דזשו, און אייבראַהעם איז אויך געווען אַ דזשו, און מיר אַלע זיינען אויך דזשוס. אפילו די מיידלעך וואָס טאַנצן דאָ פאַר אייך, זיינען אויך אידישע מיידלעך, גאַד בלעס דהעם, און זיי האָבן אידישע הערצער, זיי פאַסטן אום יום־כיפור און עסן כרעמזלעך יעדן פסח, מעי־בי זיי גייען נישט אין מקוה, אָבער זיי זיינען כשר'ע טעכטער — אַלבעטשע!

אָט אַזוי־אָ האָט גערעדט דער צערעמאָניע־מייסטער און אויפגעפאָדערט, אַז מען זאָל אַפּלאָדירן דעם בר־מצוה בחור, וועלכער איז נאַטירלעך געווען אַנוועזנד צוזאַמען מיט זיינע עלטערן און פריינט. דערנאָך האָט מען, נאַטירלעך, פאַרגעשטעלט דעם בר־מצוה בחור אליין, און ער איז צוגעקומען צום מייקראָפאָן (עס איז פאַראַן אַ מייקראָפאָן אין יעדן נאַכט־קלוב, אַזוי אַז מען זאָל קענען גוט הערן פון דער בינע), און דאָ האָבן מיר געהערט די ריכטיקע ווערטער, וואָס האָבן אונז צוגעגעבן אַ שטיק געזונט.

— אַי עם עי מען טו־דעי! — האָט דער בר־מצוה בחור אָנגעהויבן צו רעדן, און ארונטערגעהאַקט די גאַנצע דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן דעמזעלבן שבת אין שול. פאַרשטייט זיך, אַז עס זיינען אין דער רעדע געווען עטלעכע העברעאישע פסוקים אויך, אַזוי אַז איך האָב זיך פאַרגעסן אויף אַ רגע און

געמיינט, אַז איך געפין זיך אין אַ שול שבת אין דער פרי, און ניט אין אַ נאַכט־קלוב צווי אזייגער ביינאכט.

— אַי עם עי מען טו־דעי! — האָט דער בר מצוה בחור ריכטיק געזאָגט, ווייל אין יענעם אָוונט איז ער טאַקע געוואָרן אַ מאַן, און צי ער וועט לייגן תפילין אין דער צוקונפט וויים איך ניט, אָבער אַז ער וועט מן הסתם איבערליגן אין נאַכט־קלובן, בין איך כמעט זיכער. ער האָט אָנגעהויבן זיין זעלבסט־שטענדיקע אידישקייט אין אַ נאַכט־קלוב, און ער וועט מן־הסתם אָנהאַלטן די טראַדיציע, וועלכע זיינע עלטערן האָבן אים געגעבן אין דעם טאָג ווען ער איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענ־דיקער איד.

און ער האָט געענדיקט זיין רעדע, און דער גאַנצער נאַכט־קלוב האָט אים אַפּלאָדירט, און מען האָט פאַרגעשטעלט דעם נעקסטן נומער — אַ כמעט נאַקעטע בויך־טענצערין, וועלכע האָט אויסגעדריקט מיט איר טאַנץ וואולגאַרע ליידנשאַפט און דעם אייביקן פאַרלאַנג פון באַהעפטונג.

און איר האָט געדאַרפט זען די ארויסגעשטעלטע אויגן פון דעם בר־מצוה בחור, מיט וועלכע ער האָט „געפּרעסן” די טענ־צערין, — ער האָט באמת געהאַט אַ „גוד־טאַים”.

די בר־מצוה פייערונג האָט זיך געענדיקט שפּעט נאָך דריי פאַרטאָג, און דער עולם איז אַהיימגעגאַנגען אָנגעפילט מיט קאַרנאַצלעך און גראַשיצע און פול מיט דעם אידישן גייסט, וואָס די בר־מצוה פאַרטי האָט ארויסגערופן. פאַרשטייט זיך, אַז די בויך־טענצערין האָט אויך איבערגעלאָזט אַ שטיקל איינ־דרוק . . .

ווי איר זעט, מיינע שבת׳דיקע אידן, איז די דאָזיקע אמת׳ע געשיכטע אַ שטיק פון אַמעריקאַנער (אָדער זאָל איך זאָגן: ניו יאָרקער?) אידישקייט. ניטאָ, הערט איר, ביי אונז קיין גרעניצן, מיר קענען ניט אונטערשיידן צווישן הייליק און אומ־

הייליק, צווישן שיין און ניט־שיין, צווישן שול און נאַכט־קלוב, צווישן אַ בר־מצוה דרשה און אַ וואולגאַרן בויך־טאַנץ.

עס פאַרשטייט זיך, ווען ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט ער אויף אַזאַ מעשה אויך גע־פונען אַ זכות. ער וואָלט איינגע׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם און ער וואָלט אים באַוויזן, אַז נאַכט־קלוב אידישקייט איז אויך וויכטיק. ער וואָלט אויסגעשפּרייט די הענט צום הימל און ער וואָלט געזאָגט:

„נאַ, זע, גרויסער גאָט, וואָס פאַר אַ טייער פאָלק עס זיינען דיינע אידן. אפילו אין אַ נאַכט־קלוב זוכן זיי דיך, אפילו דאָרט געפינען זיי דיך. אמת, זיי לאָזן זיך דאָרט אראָנטער צו אַ נידריקער מדרגה און האָבן הנאה פון תאוה׳דיקע זאַכן, אָבער אָן דיר פאַרגעסן זיי ניט, גרויסער גאָט״ . . .

איז אָבער ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער ניטאָ מער צווישן די לעבעדיקע, און קיין אַנדערן אַדוואָקאַט, וואָס זאָל זיך קע־נען אויס׳טענה׳ן מיט הער פמליא של מעלה האָבן מיר ניט, איז טאַקע שלעכט און ביטער.

די היינטיקע אידישקייט קען ניט מאַכן קיין שלום „צווישן גאָט און זיין פאָלק״ דורך אַ נאַכט־קלוב, דורך הוטשי־קוטשי טענץ און דורך גראָבע וויצן. אונזער אידישקייט מוז אַביסל געלייטערט ווערן, און הגם מיר האָבן אודאי גאָרנישט קעגן נאַכט־קלובן, ווילן מיר אָבער צעטיילן דעם ענין: נאַכט־קלוב באַזונדער און בר־מצוה באַזונדער.

מען קען ניט און מען טאָר ניט אריינשלעפּן דעם הימל אין קעלער אריין און מען קען ניט אויסמישן אַ בר־מצוה דרשה מיט גראָבע רייד.

# שוירלי טעמפּל און פּרעזידענט רוזוועלט

שוירלי טעמפּל און פּרעזידענט רוזוועלט פאַרדינען מער אָדער ווייניקער דיזעלבע ווידזשעס יעדן יאָר. דאָס איז באַוויזן געוואָרן ווען מען האָט פאַרעפנטלעכט די פאַרדינסטן פון געוויסע מענטשן פאַר אַ יאָר צייט. מילא, דאָס וואָס מעי וועסט, למשל, פאַרדינט זיבן מאָל אַזוי פיל ווי דער פּרעזידענט, איז שוין אַן אַלטע מעשה. אונזער פּרעזידענט זאָל לעבן האָט ניט — איר זאָלט מיר מוחל זיין — אַזעלכע היפּטן, ווי מעי וועסט, און כאָטש ער איז אפשר מער פּילזייטיק פון איר, איז ער אָבער ניט אַזוי צווידייטיק ווי זי איז, און דערפאַר — פאַרוואָס קומט אים אַזוי פיל געלט?

רוזוועלט, קען מען זאָגן, האָט אַ סך חן, אָבער מעי וועסט האָט מער; רוזוועלט איז באַליבט ביי די ברייטע מאַסן, אָבער די ברייטע מאַסן האָבן פאָרט ליבערשט די ברייטע מעי וועסט — זיבן מאָל אַזוי פיל!

פאַרגינען מיר דער דאַזיקער מעי וועסט דעם האַלבן מיליאָן דאָלאַר, וואָס זי מאַכט יעדן יאָר, אָבער פאַרדריסן פאַרדריסט אונז דער עסק פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. עס פאַרדריסט אונז, וואָס זי מאַכט די גרויסע סומען געלט ניט דערפאַר, וואָס זי האָט אַ גוטן קאָפּ אויף די פּלייצעס, נאָר דוקא דערפאַר, וואָס זי האָט — פאַרקערט!...

אָדער נעמט אַזאַ מיידל ווי די אַקטריסע דזשינדזשער ראָדזשערס. זי פאַרדינט בלויז מיט אַ צען טויזנט דאָלאַר מער אַ יאָר, ווי דער פּרעזידענט. איר גאַנצע חכמה ליגט אין די פיס. דער גוטער גאָט האָט זי באַשאָנקען מיט אַ פּאָר פּרנסה־פיס, וואָס אויף אַלע אונזערע ליבסטע געזאָגט געוואָרן. ווען אַ פּאָר מיידלשע פיס קענען אריינברענגען איבער 80 טויזנט דאָלער אַ יאָר, זיינען דאָס ניט גלאַט קיין פיס, נאָר אוצרות צוויי, און מען דאַרף זיי טאַקע האַלטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. די

דאָזיקע דזשינדזשער ראָדזשערס איז אַ טענצערקע. מען זעט זי ניט מער ווי אין אַ צען ביז פופצן טענץ אַ יאָר אין די מואווים און פאַר דעם־אַ צאָלט מען איר מער ווייזשעס ווי מען צאָלט דעם פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

און אַז מען ריידט שוין וועגן פיס, איז כדאי צו דערמאָנען די דייטשע אַקטריסע מאַרלין דיטריך, וועלכע איז אַ מואווי־סטאַר און האָט איינגענומען פאַר אַ יאָר „ארבעט" איבער 368 טויזנט דאָלער. דאָס איז אַ סך געלט, מיינע שבת'דיקע אידן, אפילו ווען מען זאָגט עס שנעל. די דאָזיקע מיס דיטריך איז אפשר ניט פון די סאַמע גרעסטע פילם־אַקטריסעס, נאָר וואָס־זשע דען? זי האָט פיס — די שענסטע פיס אין אַמעריקע.

אין די לעצטע צען יאָר האָט דאָס אַמעריקאנער פאָלק אויסגעצאָלט שיינע עטלעכע מיליאָן דאָלער צו זען מאַרלין דיטריך'ס פיס און דער עולם האַלט, אַז די פיס זיינען ווערט געווען דעם פרייז.

דער מענטש מיט אַ קאָפּ האָט קליינע שאַנסן אין אונזער גאָלדענער מדינה, און אויף יעדן פאַל האָט דער קאָפּ קיינמאָל ניט אַזוי לייכט געאַרבעט אויף געלט, ווי עס אַרבעטן ווייבערישע פיס. וואו איר שטייט און וואו איר גייט היינטיקע צייטן, קומען אייך אנטקעגן ווייבערישע פיס. אַלע זשורנאַלן, אַלע סאָרטן אדווערטייזמענטס ציען צו אייער אויפמערקזאַמקייט מיט ווייבערישע פיס, שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס דאָס טעאַטער אין אַמעריקע האָט אין די לעצטע צען יאָר זיך אינגאַנצן אָ פּ ג ע ש ט ע ל ט אויף ווייבערישע פיס און מאַכט אַ פיין לעבן דערפון. די רייכסטע פאָרשטעלונגען און די ביליקסטע בורלעסקן רופן אייך און רייצן אייך און פאַרנאַרן אייך מיט ווייבערישע פיס.

דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַזאַ ווייבל, ווי מיס דיטריך, וואָס האָט די שענסטע פיס אין לאַנד, פאַרדינט פינף מאָל אַזוי פיל ווי דער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ניט וויניקער געלט פאַרדינט אַ געוויסער זינגער מיט'ן נאָמען בינג קראָסבי. דער דאַזיקער מר. קראָסבי איז אַ זינגער פון לידלעך. ער זינגט וועגן רויטע ליפּן, וועגן בלויע אויגן, וועגן שוואַרצע האָר און יעדעס מיידל אין אַמעריקע טראַכט ביי זיך, אַז מר. קראָסבי זינגט עס אַזוי וועגן איר און צו איר. הייבט יעדע מיידל נאַטירלעך אָן צו חלומ'ען, און די דאָזיקע חלומות ברייגנען אריין אין מר. קראָסבי'ס קעשענע הונדער־טער טויזנטער דאָלער, וואָס וואָלטן אַזוי שטאַרק צונוץ געקו־מען פאַר'ן רעליף אָדער פאַר אַנדערע גוטע זאַכן. פרעגט דעמ־זעלבן מר. קראָסבי, צי ער קען זינגען, לאָמיר זאָגן, אַ „חזנ'דל אויף שבת", און איר מעגט זיין זיכער, אַז ער וועט אויף אייך ארויסשטעלן אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און אייך זאָגן, אַז פון אַ „חזנ'דל אויף שבת" קען מען אפילו אויף שבת ניט האָבן. איך אליין קען אפשר הונדערט זינגער, וואָס דערלאַנגען אַ „חזנ'דל אויף שבת", אַז עס איז אַזש אַ מחיה צו הערן, אָבער אַלע הונדערט שטאַרבן, ניט פאַר אייך געדאַכט, פון הונגער.

פאַרשטייט זיך, אַז ניט נאָר זינגער, טענצער און שוי־שפּילער מאַכן אַ סך געלט אין אַמעריקע, עס זיינען פאַראַן אַ היפּש ביסל מענטשן, וואָס מאַכן געלט אין אַמעריקע פון — ביזנעס. אָט נעמט אַזאַ גראָשנדיק געשעפט, ווי די 5 און 10 סענט סטאָרס — מיינט איר, אַז זיי מאַכן קיין לעבן ניט? דער פּרעזידענט פון „וואולוואורטס" אליין האָט לעצטן יאָר גע־קראָגן אין וויידזשעס מער ווי 300 טויזנט דאָלער. וואָס דאַרפט איר מער, דאָס שטיקל טשואינג־גאָם, וואָס איר קייט אַזוי גלייכגילטיק אין מויל, ברייגנגט אריין די פאַבריקאַנטן וויי־דזשעס אין שווערע געלטער. איר קייט און זיי — מאַכן מיליאָ־נען.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסן.

מיך אינטערעסירט די ו ו י ל ד ק י י ט אין אַמעריקע אין אָפּשאַצן ווערטן. עס איז ניטאָ קיין גרעניץ און ניטאָ קיין

מאָס. אָדער מען שאַצט אונטער, אָדער מען שאַצט איבער, און עס איז ביי אונז רעכט, אַז אַ קינד פון 9 יאָר, וואָס איז טאַקע חנ'עוודיק און טאַלאַנטפול, זאָל פאַרדינען פונקט אַזוי פיל געלט ווי דער פרעזידענט פון לאַנד.

אמת איז, שוירלי טעמפל און פרענקלין רוזוועלט זיינען אין אַ געוויסן זין גלייכע מענטשן. ביידע זיינען זיי ערלעך און אויפריכטיק, אָבער בשעת רוזוועלט טראָגט אויף זיך יעדן טאָג דעם עול צו פירן אַ מדינה, האָט שוירלי טעמפל אויף זיך בלויז דעם עול צו עסן אַ פול שיסעלע „פארינא" צו ברעקפעסט. רוזוועלט דאַרף שפייזן הונגעריקע, רוזוועלט דאַרף באַרואיקן אומצופרידענע, ער דאַרף געפינען וועגן און מיטלען אויסצוגלייכן, פאַרלאַטען און אויסצופרעסן אַלע קנייטשן, וואָס די צייט האָט ארויפגעלייגט אויף 130 מיליאָן מענטשן אין אַמעריקע, בשעת שוירלי טעמפל דאַרף בלויז אין זינען האָבן, אַז זי מוז טרינקען דריי גלעזער מילך אַ טאָג.

עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען, אַז שוירלי טעמפל און רוזוועלט — פאַרדינענדיק דאָס זעלבע געלט — זאָלן זיך אַמאָל בייטן מיט די ראָלן. איך וואָלט פאַר איין חודש צייט אַוועקגעזעצט שוירלי טעמפל אין ווייסן הויז און זאָל זי פירן די מדינה, און רוזוועלט וואָלט ביי מיר דורך דעם דאָזיקן חודש צייט געמוזט עסן „פארינא" יעדן טאָג צו ברעקפעסט, און טרינקען דריי גלעזער מילך. אונזער פרעזידענט וואָלט דורך די דרייסיק טעג פעט געוואָרן און וואָלט געקראָגן אַ בייכל, און שוירלי טעמפל וואָלט איינגעזען, אַז צו פירן און באַלעבאַטעווען איבער אַזאַ מדינה ווי אַמעריקע איז ניט מער ווי אַ — קינדער-שפּיל . . .

ניין, מיר האָבן ניט דעם ריכטיקן אָפּשאַץ-מייסטער אין אַמעריקע. דערזעלבער רוזוועלט, וואָס זוכט אַלץ אויסצוגלייכן און ריכטיק איינצוטיילן די אוצרות פון לאַנד צווישן פאָלק, וואָלט אויך געדאַרפט געפינען אַ מיטל, אַז מאַרלין דיטריך זאָל אַביסל

ווייניקער „קאָלעקטן" פאַר אירע פיס, און אַז איינשטיין זאָל קריגן אַביסל מער פאַר זיין קאָפּ. און אויב בינג קראָסבי זינגט פאַר איבער דריי הונדערט טויזנט דאָלער אַ יאָר זיינע ליד־לעך וועגן בלויע אויגן, זאָל מען אים אַראָפּנעמען כאָטש אַ העלפט און עס פאַרטיילן צווישן אַנדערע, וואָס קענען אַזוי פיין „דערלאַנגען" „אַ חזנ'דל אויף שבת."

און ווי זינגט מען דאָרט אין אידישן טעאַטער: מיר אַ ביסל, דיר אַ ביסל, נעם ניט צו די גאַנצע שיסל . . .

אָבער, מאַלע וואָס מען זינגט . . .

## אַ הונט איז געשטאָרבן

„דזשיפּסי" איז געשטאָרבן. .

מיר זאָגן אייך באַלד אין אָנפאַנג אויס, אַז דזשיפּסי (מיינע רייד זאָלן אים ניט צו שווער זיין) איז געווען אַ הונט, וואָס האָט אָפּגעלעבט זיינע פערצן יאָר און אַוועק פון דער דאָזיקער טומלדיקער וועלט מיט אַ פריינטלעכן בליק אין די אויגן און מיט אַ שמייכל אויפ'ן פּנים.

די נסיעה איז געווען אַ לייכטע. דער הונט האָט אין סאַמע מיטן טאָג זיך אויסגעצויגן אויף אַ ווייכן טעפּיך אין זיין היים, פאַרצויגן זיינע אַלטע, מידע פיס, געגעבן דעם לעצטן וואונק צו זיינע ליבהאַרציקע באַלעבאַטים, און אויסגעהויכט זיין היג־טישן אָטעם.

אויפ'ן צווייטן טאָג איז אין אַ היגער ענגלישער צייטונג דערשינען אַ באַצאָלטער אַנאָנס, וועלכער האָט זיך געלייענט אַט אַזוי:

*GERSON — GYPSY*

*In loving memory of a friend who died on November* 30, 1936. *— Harry and Pauline Gerson.*

זעט אויס, אַז דער הונט האָט געהאַט אידישע באַלעבאַ־
טים, וועלכע וואוינען אויף אַ רייכן „עסטייט" עטלעכע מייל
פון ניו יאָרק. און אַז זיינע באַלעבאַטים האָבן דעם הונט ליב
געהאַט ווי אַן אייגן קינד, קען מען זען פון דער לויה, וואָס מען
האָט פאַר אים געמאַכט. דאָס איז שוין געווען איינמאָל אַ
לויה! דער ארון האָט אָפּגעקאָסט אַ שלל מיט געלד, און דער
קבר געפינט זיך לעבן אַן אַלטן דעמב, וואָס איז צוויי הונדערט
יאָר אַלט. פאַר אַזאַ שטיק קרקע וואָלט מען געדאַרפט באַצאָלן
מי־יודע וויפל טויזנטער. אויף דער מצבה האָט מען אויסגע־
קריצט בלויז די עטלעכע ווערטער: „קינד, פריינט און באַ־
שיצער", און דער קבר וועט הערצו באַפוצט ווערן מיט בלומען
און פרישע גראָזן אַזוי אָפט, ווי דאָס וועט נאָר זיין מעגלעך.

די לויה איז געווען אַ שטילע. בלויז עטלעכע נאָענטע
פריינט האָבן זיך באַטייליקט, און ווען מען האָט אַרויפגע־
וואָרפן די לעצטע לאָפּעטע ערד איבער דעם פרישן קבר, האָבן
טרערן אַ גלאַנץ געטאָן אין די אויגן פון די אבלים — טרערן
שטילע, האַרציקע, טיף־דורכגעפילטע. אפילו דער אַלטער
דעמב האָט אַ ציטער געטאָן מיט זיינע נאַקעטע צווייגן —
אויך ער איז געווען גערירט פון דעם צער, וואָס האָט אַרומ־
גענומען די עטלעכע מענטשן, מיט די קעפּ צו דער ערד גע־
בויגן.

„קינד, פריינט און באַשיצער".

* * *

און קוים איז דער קבר געבליבן „אַליין מיט זיך", האָט
זיך באַלד באַוויזן דער היגטישער מלאך הדומה מיט זיינע גרוי־
סע פּראָטאָקאָל־ביכער — די געוויינטלעכע רוטין־אַרבעט.

— מה שמך? — האָט דער מלאך הדומה אַ פרעג געטאָן
ביים מת (ווי דער שטייגער איז). אָבער „דזשיפּסי" האָט גע־
שוויגן ווי יורקעס הונט. ער איז אַפּנים געווען מיד פון די לויה־
צערעמאָניעס, און געוואָלט ענדלעך האָבן אַביסל רו.

— מה שמך? — דער הינטישער מלאך הדומה לאזט ניט אפ. ער מוז וויסן.

— דזשיפסי . . . — האט געענטפערט דער הונט, קוים עפנענדיק דאס מויל.

דער „מלאך" האט פארשריבן דעם נאמען און איבערגע־געבן דעם מת א מין „סאמאנס", מיט וועלכן דער הונט האט זיך געדארפט שטעלן צום משפט, פון וועלכן דער מלאך כלב׳יאל איז דער הויפט־ריכטער. דזשיפסי האט אנגענומען דעם סאמאנס און זיך טאקע באלד געשטעלט פאר׳ן העכסטן געריכט אן מורא און אן אדוואקאטן.

„וואס איז דא פאראן וואס מורא צו האבן? — האט דזשיפסי געטראכט ביי זיך — איך האב ניט געזינדיקט, און מיין געוויסן איז ריין, און אויב כלב׳יאל איז נאר א מלאך־צדק, בין איך אודאי זיכער מיט׳ן הינטישן גן עדן".

ווען דזשיפסי איז שוין געשטאנען אין הינטישן סופרים קאורט, האט ער געזען פאר זיך א מאדנע בילד. ער האט זיך אין אנפאנג אביסל דערשראקן, אבער ער האט זיך באלד דערמאנט, אז א הונט מוז זיין מוטיק אונטער אלע אומשטענדן, און ער האט צוריקגעוואונען זיין גלייכגעוויכט.

אין סאמע מיטן פון געריכט־זאל איז געזעסן כלב׳יאל אליין. ביי די זייטן זיינען געזעסן זיינע צוויי אדיוטאנטן, מאפס׳יאל און פודעל׳יאל. פון פארנט איז געזעסן בול־דאגי׳אל, דער הינטישער דיסטריקט אטוירני, און געווארפן מיט זיינע ווילדע אויגן אהין און אהער — אט־אט פרעסט ער אייך אויף.

צוויי גרויסע גלעזערנע טירן האבן פארנומען די גאנצע לענג פון די וואנט, און איבער איין טיר איז געווען אן אויפ־שריפט מיט גילדערנע אותיות: „הינטישער גן־עדן", און אי־בער דער צווייטער טיר אן אויפשריפט אין פייערדיקע אותיות: „הינטישער גיהנום".

דזשיפסי האָט דאָס אַלץ באַטראַכט און עס האָט אים גאָר ניט געאַרט. זיין הינטישע פעל האָט אָבער שטענדיק אַ ציטער געטאָן, ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט די אויגן פון בול־דאָג׳יאַל.

דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן.

צום סאַמע אָנהייב האָט דער הויפּט־ריכטער אַ פרעג געטאָן, צי עס זיינען פאַראַן עפּעס קלאַגן קעגן דעם נייעם מת, און מאָפּס׳יאַל האָט געענטפערט, אַז עס איז פאַראַנען איין קלאַגע, אָבער זייער אַן ערנסטע.

— וואָס איז די קלאַגע? — האָט כלב׳יאַל אַ פרעג געטאָן, און מאָפּס׳יאַל האָט פאָרגעלייענט אַ גאַנצן דאָקומענט, אין וועלכן דער מת ווערט באַשולדיקט, אַז אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער אַ ביס געטאָן אַ אידן אין דער ליטקע.

ביי בול־דאָגי׳אַל האָבן אַ גלאַנץ געטאָן די אייגעלעך. אַבי ס׳איז נאָר דאָ עפּעס אַ באַשולדיקונג, איז ער שוין צופרידן. באַלד לויפט ער צו און עפנט די טיר פון הינטישן גיהנום, אַזוי אַז דער אָנגעקלאָגטער מת זאָל באַלד זען, וואָס עס וואַרט אויף אים.

— איז דאָס אמת, וואָס די דאָקומענטן דערציילן?

אַזוי האָט דער הויפּט־ריכטער אַ פרעג געטאָן ביים אָנגעקלאָגטן, און דער אָרימער דזשיפּסי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. אָנשטאָט צו עפענען ס׳מויל האָט ער אריינגעקוקט דורך דער אָפענער טיר אין הינטישן גיהנום אריין, און ער האָט ממש די אויגן ניט געקענט אַוועקרייסן.

— זע נאָר, זע, — האָט דזשיפּסי ביי זיך געטראַכט — וועד עס איז אַלץ פאַראַן אין הינטישן גיהנום: פרעה פון מצרים ארומגערינגלט מיט אַלע צען מכות; המן פון פרס, ארומגערינגלט מיט אַלע צען זין און מיט אַ תליה אויף די

פליִיצעס. היינט־זשע טאָרקוועמאַדאָ פון שפּאַניע, וואָס איז נעבעך פאַר׳משפּט געוואָרן צו קושן אויף אַלע אייביקייטן אַ שטעכיקן צלם; קרושעוואַן פון רוסלאַנד; ראַלינג פון עסט־רייך; רעהם פון דייטשלאַנד, און אַ גאַנצע מחנה פון קלענערע און גרעסערע פיגורן, וואָס קומען פון פאַרשיידענע לענדער און פון פאַרשיידענע צייטן.

— איז דאָס אמת, אַז דו האָסט געביסן אַ אידן? — האָט כלב׳יאל ווידער איבערגעפרעגט, און דזשיפּסי האָט קוים אוועקגעריסן די אויגן פון דער גיהנום־טיר.

— יאָ, אדוני ריכטער, — איך האָב געביסן אַ אידן — האָט דזשיפּסי געענטפערט, און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ.

— פאַרוואָס האָסטו עס געטאָן?

דזשיפּסי האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און דערציילט די גאַנצע מעשה:

— ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר, האָט מיך מיין באַלעבאָסטע, לאַנגע יאָרן זאָל זי דאָרט האָבן, איבערגעלאָזט אליין אין דערהיים. איך בין געלעגן אויפ׳ן דיוואַן און זיך געוואַרימט, ווען פּלוצים האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און פיר פרעמדע מענטשן זיינען אריין. די דאָזיקע מענטשן, אדוני ריכטער, האָבן געהאַט שלעכטע מחשבות, זיי האָבן געוואָלט גנב׳ענען, און איך האָב ניט געלאָזט. איך האָב געהאַווקעט מיט אַלע מיינע כוחות, ווייל וואָס קען אַן אָרימער הונט מער טאָן ווי האַווקען! אָבער די פרעמדע מענטשן האָבן מיך אָנגעהויבן שלאָגן, און וואָס מער זיי האָבן מיך געשלאָגן, אַלץ העכער האָב איך געשריגן. און אַז איך האָב געזען, אַז די דאָזיקע מענטשן טשעפּען זיך ניט אָפּ, האָב איך באַין ברירה איינעם פון זיי אַ בים געטאָן אין פוס, אָבער אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען. פון זיינע געשרייען האָבן זיך די איבעריקע דערשראָקן, און זיי זיינען אַנטלאָפן. דער, וועמען כ׳האָב אָנגעכאַפּטביים פוס איז געווען אַ איד . . .

— הייסט עס, אז דו האָסט עס געטאָן אין פּאַרטיידיקונג פון דיין באַלעבאָסטע?

— אודאי! זי האָט באַצאָלט אַ סך געלט פאַר אַ האַלז־באַנד, און די דאָזיקע פרעמדע מענטשן האָבן עס געוואָלט צו־נעמען — האָב איך ניט געלאָזט. אויב עס קומט מיר אַ שטראָף דערפאַר, וועל איך די שטראָף אָננעמען מיט ליבשאַפט.

דאָ האָט זיך שוין אָנגערופן בול־דאָג׳יאל, דער פּראָקוראָר אליין, און אין אַ חוזק־טאָן געזאָגט:

— ווייסטו, נשמה מיינע, וואָס פאַר אַ שטראָף מיר טיילן דאָ אויס פאַר הינט, וואָס בייסן אידן? נאָ, גיב נאָר, כ׳בעט דיך, אַ קוק אין אונזער גיהנום־שטיבל, און זע וואָס דאָרטן טוט זיך. מיר האַלטן זיי דאָ ווי אַן אוצר. מיר האָבן מיט זיי אַ סך „פאַן": יעדן פרימאָרגן ווערן זיי געביסן פון אַ סטאַדע הינט מיט די שאַרפסטע ציינער; מיטיק־צייט ברענט מען זייערע צינגער, און פאַר׳ן שלאָפן מוזן זיי הערן אַ רעדע וועגן דער גרויסקייט פון אידישן פאָלק.

דזשיפּסי האָט ניט געוואַרט, ביז דער פּראָקוראָר וועט ענדיקן, נאָר פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט צאָרן גע־זאָגט:

— איך פּראָטעסטיר, אדוני ריכטער, וואָס דער דאָזיקער בול־דאָגי׳אל פאַרגלייכט מיך צו די כלבים, וואָס געפינען זיך דאָ אין הינטישן גיהנום. איך פּראָטעסטיר ניט נאָר פאַר זיך אליין, נאָר פאַר אַלע הינט פון מיין מין! מיר זיינען צדיקים אין פאַרגלייך מיט אָט די בעסטיאַלישע הינט, מלאכים זיינען מיר, און עס איז אַ שווינעריי פון אָט דעם בולדאָג אפילו צו רעדן פון זיי און פון אונז אין דעמזעלבן אָטעם. אויב איך האָב אַמאָל אויף מיין לעבן געביסן אַ אידן, איז עס געווען אַ נאַרישן בחור׳ל, וואָס איז אַריינגעפאַלן צווישן אַ באַנדע גנבים, די

כלבים אָבער, וואָס איר האלט אין אייער גיהנום, זיינען בייזע חיות, וואָס מאַטערן אַ גאַנץ פאָלק שוין טויזנטער יאָרן.

דזשיפּסי איז אנטשוויגן געוואָרן, און דער הויפּט־ריכטער, כלב־יאל, האָט אַ טרייסל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: ביזט גערעכט, דזשיפּסי . . .

מילא, דאָס איבריקע דאַרף מען דאָך אייך ניט דערציילן. דזשיפּסי געפינט זיך שוין אין הינטישן גן־עדן, און ווען ער האָט אַ געלעגנהייט, קוקט ער דורך די שפּאַלטן פון די טירן אין דעם גיהנום־שטיבל אריין. אגב, איז דאָרט, אין הינטישן גיהנום איצט שטאַרק ביזי. מען בויט דאָרט צוויי באַזונדערע „שטולן" פון פייערדיקע נאָדלען, פאר צוויי גרויסע און וויכ־טיקע געסט.

— ווער זיינען די דאָזיקע געסט? — פרעגט דזשיפּסי, און מען ענטפערט איהם:

— היטלער און שטרייכער.

* * *

און ווי איר זעט:

הינט צו הינט זיינען ניט גלייך. עס זיינען פאַראַן — הערט איר — הינט, וואָס זיינען אמת׳ע כלבים, עס זיינען אָבער פאַראַנען כלבים, וואָס זיינען גוטע, ערלעכע הינט.

# היטלער, סטאַלין און דער בראָנקסער פּעטער שרייבן בריוו צו רוזוועלט׳ן

ווען פרענקלין ד. רוזוועלט איז צום צווייטן מאָל דער־ווילט געוואָרן פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער געקראָגן, צווישן אַנדערע, דריי גראַטולאַציע־בריוו: פון אַדאָלף היטלער, יאָזעף סטאַלין און פון בראָנקסער פּעטער.

היטלער׳ס בריוו האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ווירדיקער און האָכגעשעצטער הער פּרעזידענט.

„איך האָב געלייענט מיט פאַרגעניגן די באַריכטן פון אייער גרויסן זיג אין אַמעריקע. הייל! דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַנ־ערקענט, אַז די פירערשאַפט פון׳ם לאַנד מוז ליגן אין שטאַרקע הענט און מען האָט אייך מיט כבוד געגעבן דעם העכסטן פּלאַץ אין אייער רעגירונג, ווי איר האָט פאַרדינט. איך האָב הנאה צו זען, אַז איר גייט אויף דעם ריכטיקן וועג, הער פּרע־זידענט, אָבער עס וואונדערט מיך וואָס איר האָט דערלויבט, אַז אייער קעגנער זאָל קריגן איבער פופצן מיליאָן שטימען. דאָס איז געווען אַ גרויסע עוולה פון אייך און אַ פאַרזען. איך אויף אייער פּלאַץ וואָלט בכלל ניט דערלאָזן, אַז אַ געגנער זאָל לויפן, און דאָס וואָלט אייך פאַרשפּאָרט אַ סך עגמת נפש אין דער צייט פון קאַמפּיין.

„מיט דעם וואָס איר דערלויבט, אַז אַן אַנדער קאַנדידאַט זאָל לויפן קעגן אייך, האָט איר אַרויסגעוויזן שוואַכקייט און דערצו נאָך געגעבן שאַנסן צו פאַרלירן. צו וואָס נעמען אַזעל־כע שאַנסן? צו וואָס זיך שטעלן אין אַ לאַגע, אַז מען זאָל אייך דאַרפן פאַרגלייכן מיט אַ צווייטן? איר האָט געוויס גע־לייענט די באַריכטן פון די וואַלן אין מיין דייטשלאַנד, וועלכע איך האָב דורכגעפירט שוין עטלעכע מאָל. עס איז דאָך ניט געווען קיין איינציקער אַריער אין מיין גאַנצן לאַנד, וואָס האָט געוואַגט צו שטימען אַנדערש ווי דער „געבאָט פון דער שעה״ האָט אים דיקטירט. ביי מיר גייט עס ניט אַזוי! ביי מיר מוזן אַלע שטימען פאַר דעם ריכטיקן מאַן, ווייל נאָר דער ריכטיקער מאַן וואַגט ביי מיר צו לויפן פאַר דעם העכסטן אַמט.

„אויף יעדן פאַל גראַטולירט איך אייך מיט אייער גרויסן זיג, און אויב איר וואָלט מיר דערלויבט, וואָלט איך אייך געגעבן עטלעכע עצות ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן, כדי צו מאַכן אַ גרויסן דערפאָלג אַלס פירער פון אַ לאַנד. איך וואָג באמת ניט

זיך אריינצומישן אין אייערע עסקים, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט פאַרשטיין, אַז די עטלעכע אידישע מאַכערס, וואָס דרייען זיך ארום אייך, דאַרפן באַזייטיקט ווערן. די דאָזיקע אידישע מאַכערס זיינען אַן אומגליק פאַר יעדן לאַנד, בפרט נאָך פאַר אַזאַ פרייע מדינה ווי אייער אַמעריקע. און אַז מיר רעדן שוין וועגן אידן, וואָלט עס אויך כדאי געווען, אַז איר זאָלט זיי בכלל פאַרטרייבן פון אַמעריקע, און ערשט דעמאָלט וועט איר אַלע, עכטע אַמעריקאנער, דערפילן די אמת'ע פרייהייט, וועלכע ווערט פאַרפעסטעט פון די פופציק אָדער הונדערט מיליאָן אידן, וואָס געפינען זיך אין אייער לאַנד.

„איר דאַרפט, געערטער הער פּרעזידענט, ניט נאָר פּרעזידענטירן, נאָר איר מוזט אויך דיקטירן, אויב איר ווילט האָבן דאָס אייביקע גליק און אייביקן שלום.

„זאָל דאָס גלאָררייכע דייטשלאַנד אייך דינען אַלס מוסטער, הער פּרעזידענט.

„מיט האָכאַכטונג און סוואַסטיקאַ גרוס,

אויפריכטיק אייערע,

אַדאָלף היטלער"

פּ. ס. אַ גרוס צו דער סטובען סאָסייעטי.

* * *

סטאַלינ'ס בריוול צו רוזוועלט'ן, האָט זיך געליינט אַזוי:

„טאָוואַרישטש פרענקלין דילענאָוויטש רוזוועלט:

„וואָ פערוויך גיב איך אייך איבער מיינע רעוואָלוציאָנערע גליק-וואונטשן צו אייער דערוויילונג אַלס פּרעזידענט פון דער מעכטיקסטער מדינה, וואָס קאָן זיך בלויז פאַרגלייכן אין איר פאַרנעם מיט'ן סאָוועטן-פאַרבאַנד. עס איז אָנגענעם צו

לייענען די באַריכטן, אַז אַמעריקע האָט זיך ניט געלאָזט פאַרכאַפּן אין די נעגל פון פאַשיסטן, מיט וועלכע אייער לאַנד איז געווים פול. דער פרייער ווילן פון פאָלק האָט געזיגט, און אַזאַ לאַנד, אין וועלכן דער ווילן פון פאָלק קומט צו אַזאַ גלאָררייכן אויסדרוק, קאָן קיינמאָל ניט אונטערגיין.

„איר ווייסט דאָך געוויס, אַז מיינע מענטשן, וואָס וואוינען אין אייער מדינה, האָבן אַ סך מיטגעהאָלפן, אַז איר זאָלט געווינען אין אייער גרויסן קאַמף קעגן דער רעאקציע. איר ווייסט אויך געוויס, אַז היטלער׳ס מענטשן האָבן שטארק געאַרבעט קעגן אייך, ווייל מיט אַזאַ פּראָגרעסיוון מענטשן ווי איר זיינט האָבן די נאַצים אין אייער מדינה קיין שאַנסן ניט.

„איר גייט אויף דעם ריכטיקן וועג, טאָווארישטש רוזוועלט; און אויב איר וועט באמת נאַציאָנאַליזירן אַלע אינדוסטריעס אין אייער לאַנד און אוועקנעמען ביי די בורזשוקעס זייערע געלט־זעק, זייער איינפלום און זייער מאַכט, וועט אַמעריקע בליען און בליען, און עס וועט דאָרטן ביי אייך זיין פונקט אזוי גוט ווי עס איז ביי אונז אין סאָוועטן־פארבאנד.

„און אויב איך מעג וואַגן, וויל איך אייך געבן עטלעכע גוטע עצות. איר מעגט זיי אָננעמען אָדער ניט, אָבער איך וויל, אַז איר זאָלט ווּיסן, אַז כדי צו דערגרייכן דעם אמת־גרויסן דערפאָלג טאָר מען ניט זיין אַזוי נאַאיוו־דעמאָקראַטיש ווי איר זיינט. יעדער מענטש אין אייער לאַנד קאָן ריידן וואָס ער וויל און קאָן שרייבן וואָס ער וויל, וואָס דאָס איז דאָס גרעסטע אומגליק פאַר אַ לאַנד. פאַרפירערישע רייד און שרייבערייען צעטומלען די מוחות און מיט אַ צעטומלטן פאָלק קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן. אין מיין סאָוועטן־פארבאנד וואָלט קיינער ניט געוואגט צו רעדן אָדער שרייבן וועגן מיר אין אַזאַ טאָן, ווי מען האָט גערעדט און געשריבן וועגן אייך בשעת דעם קאמפּיין. אזעלכע „אָפּענע מיילער" דארף מען שטעלן צו דער וואַנט, ווייל זיי האָבן קיין פּלאַץ ניט אין אַן אנשטענדיקער מדינה.

„אייער דערוויילונג איז אַ גרויסער קלאַפּ פאַר די פינצ־טערע כוחות אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער איר דאַרפט נע־מען שטאַרקער די לייצעס אין די הענט, ווייל יעדעס לאַנד האָט זיך זיינע טראָצקיסטן, און איך האָף דאָך אייך ניט דער־ציילן, אַז טראָצקיסטן זיינען ניט ווערט די קויל, וואָס מען שיסט אין זיי אריין.

„מיט פלאַמיקן פּראָלעטאַרישן גרוס,

## יאָזעף סטאַלין.״

פּ. ס. אַ גרוס צו די סטאַליניסטן אין אייער מדינה.

* * *

און אָט איז דאָס בריוול, וואָס מיין בראָנקסער פעטער האָט געשריבן:

„לכבוד הנשיא המרומם של מדינתי, רץ כצבי, פאר העולם ואוהב את הבריות, מר. פרענקלין דילענאָ בן דזשיימס רוז־וועלט, נרו יאיר, שיחיה לימים טובים, אמן.

„טייערער פרענקלין:

„איך האָב נאָר־וואָס געהערט, אַז דו ביזט דערוויילט גע־וואָרן אַלס פּרעזידענט פון מיין אַמעריקע, וויל איך דיר דאָ זאָגן, אַז איך האַלט עס פאַר דעם גרעסטן גליק ניט נאָר פאַר מיר און פאַר מיין אַמעריקע, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. דער אוי־בערשטער זאָל העלפן, אַז דו זאָלסט זיין געזונט און שטאַרק, און אַז דו זאָלסט האָבן כח צו שמייכלען. אַלעמאָל, ווען דו גיסט אַ שמייכל ערגעץ־וואו אויף אַ „פּיקטשע״ שמייכלט אין מיר מיין האַרץ. איך האָב דיך ליב, ווי — וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — איך האָב דיך ליב ווי אַ טאַטן.

„ברגשי כבוד,

## דער בראָנקסער פעטער.״

פּ. ס. וואָס הערט זיך עפּעס מכח פענסיע?

חוץ די דאָזיקע דריי בריוולעך האָט דער פּרעזידענט גע־ווים געקראָגן נאָך אַ קורצינקן בריוול פון וויליאַם רענדאָלף הוירסט, און דאָס בריוול האָט זיך געלייענט אַזוי:

„מיין ליבער פ. ד. ר.:

„אין אַ בייזער שעה איז מיר איינגעפאַלן צו וואַרפן בלאָ־טע אויף דיר. איך האָב איצט חרטה, און איך בעט דיך צו פאַרגעסן און פאַרגעבן. לאָמיר אָנהייבן אַ לעבן פון דאָס־ניי, סוויטהאַרט . . .

„אויפריכטיק דיינער,

ו. ר. הוירסט."

## די סדרה וישב — זיץ־סטרייק

די וועלט האַלט איצט ביי דער סדרה וישב — זיץ־סטרייק. די וועלט האָט אפילו ניט קיין זיץ־פלייש, אָבער דער זיץ־סטרייק גייט שטאַרק אריין אין דער מאָדע.

מיט די פיס, וואָס פלעגן גיין אין די פּיקעט־ליינס, האָט דער געקריוודעטער מענטש גאָרנישט געקאָנט אויפטאָן; מיט די הענט, וואָס האָבן העלדיש געקעמפט קעגן דער ברוטאַלי־טעט פון דער פּאָליציי, האָט מען גאָרניט דערגרייכט; אפילו דער קאָפּ — מאַינד יו — דער קאָפּ, וואָס האָט געטראַכט און געמאַכט געניאַלע פּלענער, האָט זיך ארויסגעוויזן איינגאַנצן ווערטלאָז; און דאָס האַרץ, וואָס האָט זיך אנטבלויזט און גע־פּאָדערט יושר און גערעכטיקייט, איז אויך געבליבן אָן דער־פאָלג. וואָס־זשע, כ'בעט אייך, האָט מען געקאָנט טאָן? איז מען געגאַנגען און מען האָט אָנגעהויבן זוכן נייע מיטלען פון דער אַנאַטאָמיע, וועלכע מ'זאָל קענען איינשפּאַנען אין דעם קאַמף קעגן באַהערשונג און אונטערדריקונג, און אַז מען האָט געזוכט, האָט מען טאַקע געפונען אויך!

אזוי איז געבוירן געוואָרן די אידייע פון — **זיץ־סטרייק.**

דער זיץ־סטרייק האָט ארומגעכאפּט א האַלבע וועלט. וואו מען גייט און וואו מען שטייט — זיצט מען. עס זיצן די אויטאָמאָביל־ארבעטער, עס זיצן שפּיטאָל־אָנגעשטעלטע, און וואו נאָר עס קומט פאָר א שטיקל סכסוך צווישן קאַפּיטאל און אַרבעט, זעצט מען זיך אַוועק און מען זיצט.

פון וואַנען, מיינט איר, נעמט זיך די אידעע פון זיץ־סטרייק? אויב איר ווייסט ניט, וועלן מיר אייך דערציילן. דער זיץ־סטרייק איז א ריין־אידישע דערפינדונג, וואָס איז טויזנטער יאָרן אַלט. דאָס וואָרט „ישיבה", למשל, איז די ערשטע גרויסע זיץ־אינסטיטוציע ביי אידן. מען זיצט און מען לערנט, און וואָס מער מען איז געזעסן, אַלץ מער האָט מען געלערנט. די גרעסטע תלמידי חכמים זיינען אויסגעוואקסן ביי אידן נאָר צוליב זייער זיצן. און אזוי איז טאַקע געשאפן געוואָרן דאָס וואָרט **ישיבה**, וואָס אויף פּראָסט מאַמע־לשון וואָלט עס געהייסן: **זיצארניע.**

ביי אידן איז דאָס **זיצן** אַן אַלטער, איינגעפונדעוועטער מנהג. אידן זיצן אין סוכה, זיי זיצן ביים סדר, זיי זיצן — ניט פאר אייך געדאכט — שבעה, זיי זיצן, נעבעך, אויף הייסע קוילן אין די גלות־לענדער. אָבער כאָטש זיי **זיצן** א סך, **באַזיצן** זיי זייער ווייניק.

אַלטע מוידן זיצן און ווערן, לא עליכם, פאַרזעסן. זייער זיץ־סטרייק איז קיינמאָל ניט געווען קיין ווירקזאמער, פאַרקערט, וואָס לייגנער זיי האָבן אָנגעהאלטן דאָס זיצן, אַלץ לייגנער האָט מען זיי געלאָזט זיצן.

בלויז די שוויגער האָט שטענדיק דערפאָלג, ווען זי קומט צו אייך אין הויז און דערקלערט א זיץ־סטרייק. קעגן איר וואָלט אפילו די דזשענעראַל מאָטאָרס אויך ניט געקאָנט געווינען. זי קומט מיט דער אידעע פון „פאַרכאַפּ און באַ־

הערש״ און זי פירט דורך די אידעע הונדערט פראָצענט. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָ רעדט זיך ניט וועגן אַלע שוויגערס, עס רעדט זיך בלויז וועגן אַן איין־און־איינציקער שוויגער, אָבער וועמעס שוויגער זי איז, ווייס איך ניט. אפשר ווייסט איר?

און פונקט ווי די אַלטע מוידן האָבן ניט קיין דערפאָלג מיט זייער זיצן, אַזוי האָט אויך ניט קיין דערפאָלג די ליג אָוו ניישאַנס מיט איר זיצן. די ליג אָוו ניישאַנס האַלט אַן איר זיץ־סטרייק שוין אַ היפּש ביסל יאָרן, אָבער זי איז נאָך גאָרניט אויסגעזעסן. זי רופט עס אפילו ניט אָן „זיץ־סטרייק״, אָבער זי זיצט סיי־ווי־סיי און דאַנקט גאָט, וואָס מען טשעפּעט זי ניט. די ליג אָוו ניישאַנס וועט נאָך מן הסתם אַזוי זיצן אַ היפּש ביסל יאָרן. זי וועט זען מיט אירע אויגן דעם בלוטיקן קאַמף צווישן פעלקער, וואָס מוז און וועט קומען, אָבער זי וועט זיצן און טראַכטן פון נעכטיקע טעג. זשענעוואַ, די שטאָט, אין וועל־כער זי זיצט, איז גאָר אַ שיין שטעטל. אַ וואונדערבאַרער טייך שניידט זיך דורך איבער די הויפּט־גאַסן, און אַזוי ווי די געביידעס פון דער פעלקער־ליג געפינען זיך כמעט ביי די ברעגן פון טייך, האָבן די באַאַמטע פון דער „ליג״ אַ מעגלעכ־קייט ארויסצוקוקן גאַנצע טעג, וואָכן און יאָרן און באַטראַכטן די דינע, זילבערנע כוואַליעס פון טייכל, וואָס שפּילן זיך אין דער זון. עס איז אַ זייער פריידלעכ בילד, און קוקנדיק אויף דעם בילד, פאַרגעסט מען אַז אַלע מדינות אויף דער וועלט זיצן ניט ליידיק, נאָר זיי מאַכן קאַנאָנען . . .

די ליג אָוו ניישאַנס ווערט אַן „אַלטע מויד״ פון דער וועלט, זי וועט פאַרזעסן און פאַרוויאַנעט ווערן און קיינער וועט פון איר קיינמאָל קיין הנאה ניט האָבן — אַז אַך און וויי.

זעט איר, טראָצקי האַלט ניט פון אַ זיץ־סטרייק. ער מוז נעבעך וואַנדערן, און אפילו דאָס וואַנדערן קומט אים ניט אָן לייכט. ער וואָלט געוואָלט זיצן, — אין קרעמל, פאַרשטייט זיך, — אָבער מען לאָזט ניט. ער האָט שוין אָנגעווענדט אַלע

מיטלען אויפצורייצן די וועלט קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער עס גייט ניט.

סטאַלין, ווידער, האַלט דוקא יאָ פון אַ זיץ־סטרייק. ביי אים אין לאַנד זיצן איצט פּלענטי טראָצקיסטן אונטער שלאָס און ריגל, און ווען זייער צייט וועט קומען, וועלן זיי זיך אַלע אַוועקשטעלן ביי דער וואַנט . . .

סטאַלין אליין האָט דערקלערט אַ זיץ־סטרייק קעגן אַלע זיינע שונאים — ער זיצט און באַזיצט די גאַנצע מאַכט.

יאָ, דער זיץ־סטרייק גייט אריין אין דער מאָדע. דער אַלטער רוף: „**גייט ארויס אין קאַמף!**” ווערט איצט געביטן. פון איצטער אָן און ווייטער וועט הער רוף זיין: פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער פאַראייניקט זיך, **זעצט** זיך אוועק אין קאַמף קעגן אייערע אונטערדריקער. פאַרגעסט אייערע הענט און פים, אייער קאָפּ און האַרץ — **זיצט!**

## איך וועל שוין קענען רואיק שטאַרבן

איצט וועל איך שוין קענען רואיק שטאַרבן.

איך ווייס נאָך ניט אַקוראַט ווען מיין סוף וועט קומען, איך ווייס אויך ניט מיט וועלכן טויט כ׳וועל שטאַרבן — פון אַן אויטאָמאָביל, פון אַן עראָפּלאַן, פון שלעכטע קנישעס, אָדער, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, פון אַ נאַטירלעכן טויט — אָבער מיט איין זאַך בין איך זיכער: סקעבס וועלן זיך ניט פּאַרען אַרום מיין טויטן קערפּער. די טהרה איבער מיר וועט דורכגעפירט ווערן פון אמת׳ע, הונדערט־פּראָצענטיקע יוניאָן־לייט, וואָס וועלן זיין אַ טייל פון די אידישע געווערקשאַפטן און אַ טייל פון דער אַמעריקען פעדעריישאַן אָוו לייבאָר.

יעס סער, די אידישע אַרבעטערשאַפט האָט צוגעקראָגן נאָך אַ וויכטיקן צווייג אין אירע רייען. די לויה־שמשים און

די לויה־שמש'טעס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, און פון איצט אָן און ווייטער וועט קיינער ניט טאָרן צוטרעטן צו אַ מת, סיידן ער וועט קאָנען ווייזן אַ יוניאָן־קאַרד. אַלע אַרבעטער און ארבעטערינס, וואָס שקלאַפן שוין צענדליקער יאָרן ארום מתים, זיינען איצט גוטשטייענדיקע מיטגלידער פון זייער נייער יוניאָן, און צי עס געפעלט די מתים יאָ אָדער עס געפעלט זיי ניט, וועט קיין סקעב־האַנט צו זיי זיך ניט צורירן אין דער צוקונפט.

אין דער דאָזיקער אינדוסטריע זיינען פאַראַן דרייערליי סאָרטן אַרבעטער: 1) די טהרה־לייט, וואָס דאַרפן ארומוואַשן דעם מת; 2) די תהלים־זאָגער, וואָס דאַרפן צושטעלן כך וכך קאַפּיטלעך פאַר יעדן מת און 3) די שומרים, וואָס דאַרפן „נעכטיקן" ביים מת, און היטן דעם טויטן קערפּער. דערצו זיינען פאַראַן די תכריכים־דעזיינערס, וועלכע וועלן צוגעצויגן ווערן צו דער יוניאָן שפּעטער. ארום און אַרום וועט די גאַנצע אינדוסטריע זיין אונטער דעם שטרייננגסטן קאָנטראָל פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, וואָס דאָס וועט דערהייבן אַ טרייד, וואָס איז ביז איצט געווען טויט, צו דער העכסטער מדרגה.

מיין גאַנצן לעבן האָב איך, ווי יעדער אַנדערער האָרעפּאַשניק, געהאָלפן קעמפן פאַר דער יוניאָניזירונג פון דער גאַנצער ארבעטערשאַפט, איצט האָב איך די גרויסע צופרידנשטעלונג, אַז ניט נאָר האָב איך געלעבט ווי אַ יוניאָן־מאַן, נאָר איך וועל אויך שטאַרבן ווי אַ יוניאָן־מאַן.

* * *

דאָ אַנומלטן ביינאַכט, ווען איך האָב זיך געלייגט שלאָפן, האָב איך געהאַט אַ זיסן חלום. ס'האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז די מלאכים אין הימל האָבן זיך אָרגאַניזירט און געמאַכט אַ יוניאָן קעגן דעם גרעסטן פון אַלע באָסעס — כביכול.

דעם ערשטן מיטינג האָבן זיי אָפּגעהאלטן אין געהיים, ערגעץ אין אַ פאַרשטופּטן ווינקל אויפ'ן זיבעטן הימל. דער

מיטינג איז געווען גוט באַזוכט און דער מלאך גבריאל איז גע־
ווען דער ציטוויליקער טשערמאַן. די גרויסע אומצופרידנקייט
צווישן די מלאכים איז ארויסגעוואקסן פון אַרבעטן לאַנגע
שטונדן און די ערשטע שאַרפע רעדע האָט געהאַלטן דער
מלאך־המות אליין.

— חברים מלאכים און מלאכ'טעם! — האָט אויסגערופן
דער מלאך־המות — שוין טויזנטער יאָרן, אַז מיר זיינען פאַר־
שקלאַפט ביים גרויסן באָס און ביז איצט האָבן מיר אפילו קיין
מורמל ניט געטאָן, פאַרקערט, מיר זינגען שירה דריי מאָל אַ
טאָג און מיר לויבן און חנפ'ענען זיך צו אונזער גרויסן באָס!
נעמט, נאָפרימיער, מיין דעפּאַרטמענט, חברים מלאכים! זעט
וויפל שווערע האָרעוואַניע מיר לייגן אריין אין צייט פון פרידן
און ספּעציעל אין צייט פון מלחמה. ווייסט איר, ליבע קאָלעגען,
אַז מיט אַ מינוט פריער, ווען עס איז פאָרגעקומען די גרויסע
וועלט־מלחמה, האָב איך ניט געהאַט קיין איינציקע רגע פריי
— ניט איך און ניט מיינע ארויסהעלפער. מיר האָבן געאַקערט
מיט דער נאָז, מיר זיינען פאַרשוואַרצט געוואָרן, מיר זיינען
אויסגעמאַטערט געוואָרן סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט. און
אין צייט פון פרידן הערן זיי דאָרט אויך ניט אויף צו שטאַרבן.
יעדן טאָג אַ גאַנץ באַנדל פרישע מתים, וואָס לאָזן ניט רוען.
קאָלעגען מלאכים, מיר מוזן זיך אָרגאַניזירן און צווישן די
ערשטע פאָדערונגען דאַרפן מיר ארויסשטעלן דעם פונקט פון
אַ באַגרעניצטער אימיגראַציע צו די הימלען. זאָל דער גוטער
גאָט וויניקער באַשאַפן און וויניקער טויטן!

נאָכ'ן מלאך־המות האָט זיך אויפגעשטעלט דער מלאך פון
פרנסה און דערקלערט, אַז ער איז ניט קעגן אַ יוניאָן, נאָר ער
וויל גיין אויפ'ן רעקאָרד, אַז אין די לעצטע פינף יאָר האָט ער
געהאַט זייער וויניק אַרבעט. ער האָט צוגעגעבן, אַז אין צייט
פון פּראָספּעריטי האָט ער געהאַט היפּשלעך אַרבעט, דערפאַר
אָבער האָט זיך די ארבעט מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, און זיין
גאַנצער דעפּאַרטמענט פוסטעוועט.

נאָכ׳ן מלאך פון פרנסה האָט גענומען דאָס וואָרט דער מלאך וואָס שטייט ביים טויער פון גיהנום. ער האָט אָנגעהויבן אין אַ שטילן טאָן, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צעהיצט און געהאלטן ממש אַ „לינקע" רעדע. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער גיהנום איז איבערגעפּאַקט, און יעדן טאָג נעמט דאָס רעגיסטרירן פון די ניי־אָנגעקומענע געסט גאַנצע שטונדן. דערצו האָט ער ניט גענוג אַרויסהעלפער, זיין בודזשעט פאַר מלאכים איז געשניטן געוואָרן. ער האָט ווייטער געזאָגט, אַז דער מלאך, וואָס איז דער ממונה איבער׳ן גן־עדן גייניצט גאַנצע טעג, ווייל ער האָט קיין שטאָך אַרבעט ניט. אין די לעצטע צייטן האָט מען בכלל אויפגעהערט צו שיקן מענטשן אין גן־עדן אַריין; פאַר אַ ליאַדע חטא׳ל, שיקט מען זיי באַלד אין גיהנום אריין און דער רעזולטאַט איז, אַז ס׳איז שוין מער קיין פּלאַץ נישטאָ. לויט ווי דער גיהנום־שמש האָט באַריכטעט, פעלט שוין אוים פייער צו ברענען און בראָטן די באַפעלקערונג פון גיהנום. ער שלאָגט דערפאַר פאָר, אַז מען זאָל מאַכן די מענטשן ווייניקער צו זינדיקן, אַזוי אַז מען זאָל קענען אָנהאַלטן דעם באַלאַנס צווישן גן־עדן און גיהנום.

דער שומר פון גן־עדן האָט באַשטעטיקט די רייד פון זיין ווירדיקן קאָלעגע, און אָנגעוויזן, אַז אין די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר האָט ער ניט געקראָגן קיין איינציקן גאַסט פון יענער וועלט. דער לעצטער וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען די טויערן פון גן־עדן איז געוועזן חנן י. מיניקעס.

דער מיטינג האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט, אָבער איידער מ׳איז געגאַנגען זינגען די פאַרנאַכטיקע שירה, האָט דער טשערמאַן גענומען דעם גאַנצן ענין צו אָפּשטימונג, און עס איז אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק, אַז —

דין, דין, דין . . .

דער נאַרישער וועקזייגער פאַלט אַלעמאָל אריין ווי אַ יון אין סוכה . . .

# שלום על ישראל

אויב אימיצער פאַרדינט דעם נאָבל-פּרייז פאַר שלום, איז, דוכט זיך, דאָס אידישע פאָלק באַרעכטיקט דערצו.

אונזער אהרן הכהן איז געווען דער ערשטער רודף-שלומ׳ניק אויף דער וועלט, און זיכער פאַרדינט ישעיה דעם נאָבל-פּרייז, ווייל קיינער האָט נאָך אַזוי העלדיש ניט געקעמפט קעגן מלחמה ווי ער.

מיר, אידן, האָבן בכלל ליב שלום, אָבער מען גלויבט אונז ניט. מיר האַלטן פון שלום לרחוק ולקרוב, פרידן פאַר יעדן איינעם. דריי מאָל אַ טאָג זאָגן מיר (אויב מיר זאָגן) מיט גרויס כוונה אין דער שמונה-עשרה „שים שלום" און מיר בעטן ביי דעם גרויסן שלום-מאַכער אין הימל, אַז ער זאָל טאַקע מאַכן שלום, ער זאָל ברענגען העם אמת׳ן שלום, די צרה איז נאָר, וואָס אידן זאָגן די שמונה-עשרה שטילערהייט, און דער גוטער גאָט אויבן איז, אַפּנים, אַביסל שוואַכלעך אויף דער שמיעה, און הערט ניט וואָס די אידן בעטן דאָרטן . . .

דער אמת איז, אַז אידן האָבן אַ גאַנצע „שלום" ליטעראַטור. מיר ברעכן זיך די ציין איבער די פּיוטים „שלמניות" יעדן ראש השנה און יום כפור, בעטנדיק אויף שלום, מיר בויען אַ סוכה אַלס סימבאָל פון שלום, און מיר זיינען, דוכט זיך, דאָס איינציקע פאָלק אויף דער וועלט, וואָס האָט אָנגענומען דעם „שלום עליכם" אַלס טעגלעכע און שטענדיקע באַגריסונג.

ווען אידן זיינען מחדש די לבנה, וואַרפן זיי זיך מיט שלום עליכם׳ס איינער אויפ׳ן אַנדערן, און נעמען די לבנה פאַר אַן עדות, אַז זיי מיינען נאָר שלום.

אונז, אידן, קומט דער נאָבל-פּרייז פאַר שלום, אָבער די קאָמיטע וואָס טיילט אויס אָט די נאָבל-פּרייזן קאָן עס ניט איינזען. גוי׳אישע קעפּ. זיי פאַרשטייען אונזערע כוונות פאַרקערט, און זיי גלויבן אונז ניט.

אפילו די אראבער, אונזערע סעמיטישע ברידער, פאר־שטייען אויך ניט, אז מיר ווילן שלום. ענגלאנד אליין איז אויך ניט זיכער, צי מיר זיינען א שלום־פאלק אדער ניט, און דער־פאר שיקט זי קאמיסיעס קיין ארץ ישראל אויספארשן אונ־זערע כוונות, און ווי ווייט מען קאן זיך אויף אונז פארלאזן.

אויב עס פעלט אמאל שלום ביי אידן — איז עס נאר צווישן זיך. זעט איר, אין דעם פרט זיינען מיר אבּיסעלע אנ־דערש פון אנדערע פעלקער. מיר האבן א שלום־פראנט פאר דער וועלט, אבער ווען מיר בלייבן צווישן זיך, רייסן מיר זיך אוים די בערד איינער ביים אנדערן. אידן מיט אידן קענען ניט לעבן בשלום, אונזערע פארטייען דערלאזן עס ניט. זייער אפט זיינען מיר אזוי דערוויטערט איינער פונ׳ם אנדערן, אז מיר קענען זיך קיינמאל מער ניט צוזאמענטרעפן. עס איז ניט די שנאה פון איין אידן צום צווייטן, נאר עס איז די שנאה פון איין וועלט־אנשויאונג צו דער צווייטער.

און דער בראנקסער פעטער זאגט, אז משיח וואלט שוין לאנג געקומען, ווען די „אגודת ישראל" און די קאמוניסטן זאלן אים ניט שטיין אין וועג. משיח, זאגט ער, וויל ניט קו־מען, ביז עס וועט ניט הערשן דער אמת׳ער שלום צווישן אידן. און אזוי לאנג ווי די רבנים ווילן ניט שטיצן דעם „איקאר", און די קאמוניסטן ווילן ניט ארייגווארפן א גראשן אין דער „מאיר בעל הנס" פושקע, וועט משיח פאזיטיוו ניט קומען.

משיח האט צייט, ער ווארט אויף דעם „שלום על ישראל", אויף דעם אמת׳ן פאראייניקטן פראנט.